# תּורה נבֿיאים וכתובֿים

## תּרגום ייִדיש פֿון יהואש

# בראשית

## בראשית

א 1 אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד. 2 און
די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און פֿינצטערניש איז
געווען אויפֿן געזיכט פֿון תּהום, און דער גײַסט פֿון גאָט האָט
געשוועבט אויפֿן געזיכט פֿון די וואַסערן.

3 האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן ליכט. און עס איז געוואָרן ליכט. 4
און גאָט האָט געזען דאָס ליכט אַז עס איז גוט; און גאָט האָט
פֿאַנאַנדערגעשיידט צווישן דעם ליכט און צווישן דער פֿינצטערניש. 5
און גאָט האָט גערופֿן דאָס ליכט טאָג, און די פֿינצטערניש האָט ער
גערופֿן נאַכט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען
פֿרימאָרגן, איין טאָג.

6 האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן אַן אויסשפּרייט אין מיטן פֿון די
וואַסערן, און ער זאָל פֿאַנאַנדערשיידן צווישן וואַסערן און וואַסערן.
7 און גאָט האָט געמאַכט דעם אויסשפּרייט, און האָט
פֿאַנאַנדערגעשיידט צווישן די וואַסערן וואָס אונטער דעם
אויסשפּרייט און צווישן די וואַסערן וואָס איבער דעם אויסשפּרייט.
און עס איז אַזוי געשען. 8 און גאָט האָט גערופֿן דעם אויסשפּרייט
הימל. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פֿרימאָרגן, אַ
צווייטן טאָג.

9 האָט גאָט געזאָגט: זאָלן זיך אײַנזאַמלען די וואַסערן פֿון אונטערן
הימל אין איין אָרט, און זאָל זיך באַווײַזן די יבשה. און עס איז אַזוי
געשען. 10 און גאָט האָט גערופֿן די יבשה ערד, און די אײַנזאַמלונג
פֿון די וואַסערן האָט ער גערופֿן ימען. און גאָט האָט געזען אַז דאָס
איז גוט.

11 האָט גאָט געזאָגט: זאָל די ערד אַרויסגראָזן גראָז, קרײַטעכץ וואָס
גיט אַרויס זאָמען, פֿרוכטביימער וואָס טראָגן פֿרוכט אויף דער ערד
לויט זייערע מינים, וואָס זייער זאָמען איז אין זיי. און עס איז אַזוי
געשען. 12 און די ערד האָט אַרויסגעבראַכט גראָז, קרײַטעכץ וואָס
גיט אַרויס זאָמען לויט זײַנע מינים, און ביימער וואָס טראָגן פֿרוכט,
וואָס זייער זאָמען איז אין זיי, לויט זייערע מינים. און גאָט האָט
געזען אַז דאָס איז גוט. 13 און עס איז געווען אָוונט, און עס איז
געווען פֿרימאָרגן, אַ דריטן טאָג.

14 האָט גאָט געזאָגט: זאָלן ווערן ליכטער אין דעם אויסשפּרייט פֿון
הימל, פֿאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם טאָג און צווישן דער נאַכט, און
זיי זאָלן זײַן פֿאַר צייכנס און פֿאַר צײַטן, און פֿאַר טעג און יאָרן. 15
און זיי זאָלן זײַן פֿאַר ליכטער אין דעם אויסשפּרייט פֿון הימל, צו
לײַכטן אויף דער ערד. און עס איז אַזוי געשען. 16 און גאָט האָט
געמאַכט די צוויי גרויסע ליכטער: דאָס גרעסערע ליכט פֿאַר דער
געוועלטיקונג פֿון טאָג, און דאָס קלענערע ליכט פֿאַר דער
געוועלטיקונג פֿון דער נאַכט; און די שטערן. 17 און גאָט האָט זיי
אַרײַנגעזעצט אין דעם אויסשפּרייט פֿון הימל, צו לײַכטן אויף דער
ערד, 18 און צו געוועלטיקן איבער דעם טאָג און איבער דער נאַכט,
און פֿאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם ליכט און צווישן דער
פֿינצטערניש. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. 19 און עס איז
געווען אָוונט, און עס איז געווען פֿרימאָרגן, אַ פֿירטן טאָג.

20 האָט גאָט געזאָגט: זאָל דאָס וואַסער ווידמענען אַ ווידמענונג פֿון
לעבעדיקע באַשעפֿענישן, און פֿויגלען זאָלן פֿליען אויף דער ערד,
איבערן פֿרײַען אויסשפּרייט פֿון הימל. 21 און גאָט האָט באַשאַפֿן די
גרויסע ים-חיות, און אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואָס קריכן,
וואָס דאָס וואַסער האָט געווידמענט לויט זייערע מינים, און אַלע
געפֿליגלטע פֿויגלען לויט זייערע מינים. און גאָט האָט געזען אַז דאָס
איז גוט.

22 און גאָט האָט זיי געבענטשט, אַזוי צו זאָגן: פֿרוכפּערט אײַך און
מערט אײַך, און פֿילט אָן די וואַסערן אין די ימען, און די פֿויגלען
זאָלן זיך מערן אויף דער ערד. 23 און עס איז געווען אָוונט, און עס
איז געווען פֿרימאָרגן, אַ פֿינפֿטן טאָג.

24 האָט גאָט געזאָגט: זאָל די ערד אַרויסברענגען לעבעדיקע
באַשעפֿענישן לויט זייערע מינים, בהמות און שרצים און חיות פֿון
דער ערד לויט זייערע מינים. און עס איז אַזוי געשען. 25 און גאָט
האָט געמאַכט די חיות פֿון דער ערד לויט זייערע מינים, און די
בהמות לויט זייערע מינים, און אַלע שרצים פֿון דער ערד לויט
זייערע מינים. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

26 האָט גאָט געזאָגט: לאָמיר מאַכן מענטשן אין אונדזער געשטאַלט,
לויט אונדזער גלײַכעניש, און זיי זאָלן געוועלטיקן איבער די פֿיש פֿון
ים, און איבער די פֿויגלען פֿון הימל, און איבער די בהמות, און
איבער דער גאַנצער ערד, און איבער אַלע שרצים וואָס קריכן אויף
דער ערד. 27 און גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן אין זײַן
געשטאַלט; אין דער געשטאַלט פֿון גאָט האָט ער אים באַשאַפֿן; אַ
זכר און אַ נקבֿה האָט ער זיי באַשאַפֿן.

28 און גאָט האָט זיי געבענטשט, און גאָט האָט צו זיי געזאָגט:
פֿרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פֿילט אָן די ערד, און באַצווינגט
זי, און געוועלטיקט איבער די פֿיש פֿון ים, און איבער די פֿויגלען פֿון
הימל, און איבער אַלעם לעבעדיקן וואָס קריכט אויף דער ערד.

29 און גאָט האָט געזאָגט: זעט, איך האָב אײַך געגעבן יעטוועדער
קרײַטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען, וואָס אויפֿן געזיכט פֿון דער
גאַנצער ערד, און יעטוועדער בוים וואָס אויף אים איז דאָ
ביימערפֿרוכט וואָס גיט אַרויס זאָמען; פֿאַר אײַך זאָל דאָס זײַן צום
עסן. 30 און פֿאַר אַלע חיות פֿון דער ערד, און פֿאַר אַלע פֿויגלען פֿון
הימל, און פֿאַר אַלץ וואָס קריכט אויף דער ערד, וואָס אין אים איז
דאָ אַ לעבעדיקער אָטעם, איז יעטוועדער גרין קרײַטעכץ צום עסן.
און עס איז אַזוי געווען.

31 און גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, ערשט עס איז
זייער גוט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פֿרימאָרגן,
דעם זעקסטן טאָג.

# ב

1 אַזוי זײַנען פֿאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און
זייער גאַנצער חיל. 2 און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג
זײַן אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט גערוט אויפֿן
זיבעטן טאָג פֿון זײַן גאַנצער אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט. 3 און
גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, און האָט אים געהייליקט,
וואָרום אין אים האָט ער גערוט פֿון זײַן גאַנצער אַרבעט וואָס גאָט
האָט באַשאַפֿנדיק געמאַכט.

4 דאָס איז די געשיכטע פֿון דעם הימל און דער ערד ווען זיי זײַנען
באַשאַפֿן געוואָרן, אין דעם טאָג וואָס גאָט דער האַר האָט געמאַכט
ערד און הימל.

5 און קייןביימל פֿון פֿעלד איז נאָך ניט געווען אויף דער ערד, און
קיין קרײַטעכץ פֿון פֿעלד האָט נאָך ניט געשפּראָצט, וואָרום גאָט דער
האַר האָט ניט געמאַכט רעגענען אויף דער ערד, און אַ מענטש איז
ניט געווען צו באַאַרבעטן די ערד; 6 נאָר אַ נעבל פֿלעגט אויפֿגיין פֿון
דער ערד, און פֿלעגט אָנטרינקען דאָס גאַנצע געזיכט פֿון דער ערד. 7
האָט גאָט דער האַר געפֿורעמט דעם מענטשן פֿון שטויב פֿון דער
ערד, און האָט אַרײַנגעבלאָזן אין זײַנע נאָזלעכער אַן אָטעם פֿון
לעבן, און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער נפֿש. 8 און גאָט
דער האַר האָט געפֿלאַנצט אַ גאָרטן אין עֵדֶן, אין מזרח, און האָט
דאָרטן אַרײַנגעזעצט דעם מענטשן וואָס ער האָט געפֿורעמט. 9 און
גאָט דער האַר האָט געמאַכט שפּראָצן פֿון דער ערד אַלערלייביימער
גלוסטיק אָנצוקוקן און גוט צום עסן; אויך דעם בוים פֿון לעבן, אין
מיטן גאָרטן, און דעם בוים פֿון וויסן גוטס און שלעכטס.

10 און אַ טײַך איז אַרויסגעגאַנגען פֿון עֵדֶן אָנצוטרינקען דעם גאָרטן,
און פֿון דאָרטן האָט ער זיך צעשיידט, און איז געוואָרן פֿיר טײלן. 11
דער נאָמען פֿון איינעם איז פּישון; דאָס איז דער וואָס רינגלט אַרום
דאָס גאַנצע לאַנד חֲוִילָה, וואָס דאָרטן איז דאָ גאָלד; 12 און דאָס
גאָלד פֿון יענעם לאַנד איז גוט. דאָרטן איז דער בדוֹלַח און דער
אָניקלשטיין. 13 און דער נאָמען פֿון צווייטן טײַך איז גיחון; דאָס איז
דער וואָס רינגלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד כּוש. 14 און דער נאָמען
פֿון דריטן טײַך איז חִדֶּקֶל; דאָס איז דער וואָס גייט צו מזרח פֿון
אַשור. און דער פֿירטער טײַך, דאָס איז פּרָת.

15 און גאָט דער האַר האָט גענומען דעם מענטשן, און האָט אים
אַרייַנגעזעצט אין גאָרטן פֿון עֵדֶן, אים צו באַאַרבעטן און אים צו
היטן. 16 און גאָט דער האַר האָט אָנגעזאָגט דעם מענטשן, אַזוי צו
זאָגן: פֿון אַלע ביימער פֿון גאָרטן מעגסטו עסן; 17 אָבער פֿון דעם
בוים פֿון וויסן גוטס און שלעכטס, פֿון אים זאָלסטו ניט עסן, וואָרום
אין דעם טאָג וואָס דו עסט פֿון אים, וועסטו זיכער שטאַרבן.

18 און גאָט דער האַר האָט געזאָגט: עס איז ניט גוט דער מענטש
זאָל זייַן אַליין; איך וועל אים מאַכן אַ געהילף ווערדליק פֿאַר אים. 19
און גאָט דער האַר האָט געפֿורעמט פֿון דער ערד אַלערליי חיות פֿון
פֿעלד און אַלערליי פֿויגלען פֿון הימל, און געבראַכט צו דעם
מענטשן, צו זען וואָס ער וועט זיי רופֿן, און וואָס נאָר דער מענטש
וועט רופֿן איטלעך לעבעדיקע באַשעפֿעניש, דאָס זאָל זייַן איר
נאָמען. 20 האָט דער מענטש אָנגערופֿן נעמען פֿאַר אַלע בהמות, און
פֿאַר די פֿויגלען פֿון הימל, און פֿאַר אַלע חיות פֿון פֿעלד; אָבער פֿאַר
אָדָמען האָט ער ניט געפֿונען אַ געהילף ווערדליק פֿאַר אים. 21 האָט
גאָט דער האַר געלאָזט פֿאַלן אַ טיפֿן שלאָף אויף דעם מענטשן, און
ער איז אייַנגעשלאָפֿן; און ער האָט אַרויסגענומען איינע פֿון זייַנע
ריפּן, און האָט פֿאַרשטאָפּט איר אָרט מיט פֿלייש. 22 און גאָט דער
האַר האָט געבויט פֿון דער ריפּ , וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון
דעם מענטשן, אַ פֿרוי, און האָט זי געבראַכט צו דעם מענטשן. 23
האָט דער מענטש געזאָגט: דאָס מאָל איז דאָס אַ ביין פֿון מייַנע
ביינער, און פֿלייש פֿון מייַן פֿלייש; די דאָזיקע זאָל גערופֿן ווערן פֿרוי,
ווייַל פֿון אַ מאַן איז גענומען געוואָרן די דאָזיקע. 24 דרום פֿאַרלאָזט
אַ מאַן זייַן פֿאָטער און זייַן מוטער, און באַהעפֿט זיך אָן זייַן ווייַב, און
זיי ווערן איין לייַב.

25 און זיי זייַנען ביידע געווען נאַקעט, דער מענטש און זייַן ווייַב, און
זיי פֿלעגן זיך ניט שעמען.

ג 1 און די שלאַנג איז געווען ליסטיקער פֿון אַלע חיות פֿון פֿעלד
וואָס גאָט דער האַר האָט געמאַכט, און זי האָט געזאָגט צו דער
פֿרוי: ניט-שוין האָט גאָט געזאָגט, איר זאָלט ניט עסן פֿון קיין בוים
פֿון גאָרטן? 2 האָט די פֿרוי געזאָגט צו דער שלאַנג: פֿון דער פֿרוכט

פֿון די בײמער פֿון גאָרטן מעגן מיר עסן, 3 נאָר פֿון דער פֿרוכט פֿון
דעם בוים וואָס אין מיטן גאָרטן האָט גאָט געזאָגט: איר זאָלט
דערפֿון ניט עסן, און איר זאָלט זיך דעראָן ניט אָנרירן, אַזיסט וועט
איר שטאַרבן. 4 האָט די שלאַנג געזאָגט צו דער פֿרוי: שטאַרבן וועט
איר ניט שטאַרבן, 5 נאָר גאָט ווייס אַז אין דעם טאָג וואָס איר עסט
דערפֿון, וועלן זיך עפֿענען אײַערע אויגן, און איר וועט זײַן אַזוי ווי
גאָט צו וויסן גוטס און שלעכטס. 6 האָט די פֿרוי געזען אַז דער בוים
איז גוט צום עסן, און אַז ער איז אַ גאַרונג פֿאַר די אויגן, און דער
בוים איז גלוסטיק אָנצוקוקן, און זי האָט גענומען פֿון זײַן פֿרוכט,
און האָט געגעסן; און זי האָט אויך געגעבן איר מאַן מיט איר, און ער
האָט געגעסן. 7 און זייערע בײדנס אויגן האָבן זיך געעפֿנט, און זיי
האָבן געוווּסט אַז זיי זײַנען נאַקעט; האָבן זיי צונויפֿגענייט
פֿײַגנבלעטער, און זיך געמאַכט גאַרטלען.

8 און זיי האָבן געהערט דעם קול פֿון גאָט דעם האַר, ווי ער גייט
אַרום אין גאָרטן אין דער קילקייט פֿון טאָג; און דער מענטש און זײַן
ווײַב האָבן זיך באַהאַלטן פֿאַר גאָט דעם האַר צווישן די בײמער פֿון
גאָרטן. 9 האָט גאָט דער האַר גערופֿן צו דעם מענטשן, און האָט צו
אים געזאָגט: ווּ ביסטו? 10 האָט ער געענטפֿערט: איך האָב געהערט
דײַן קול אין גאָרטן, און איך האָב מורא געהאַט, ווײַל איך בין
נאַקעט, האָב איך מיך באַהאַלטן. 11 האָט ער געזאָגט: ווער האָט דיר
געזאָגט אַז דו ביסט נאַקעט? האָסטו געגעסן פֿון דעם בוים וואָס
איך האָב דיר אָנגעזאָגט ניט צו עסן פֿון אים? 12 האָט דער מענטש
געזאָגט: די ווײַב וואָס דו האָסט מיר געגעבן, זי האָט מיר געגעבן פֿון
דעם בוים, און איך האָב געגעסן.

13 האָט גאָט דער האַר געזאָגט צו דער פֿרוי: וואָס האָסטו דאָ
געטאָן? האָט די פֿרוי געזאָגט: די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט, און
איך האָב געגעסן.

14 האָט גאָט דער האַר געזאָגט צו דער שלאַנג: ווײַל דו האָסט דאָס
געטאָן, זאָלסטו זײַן פֿאַרשאָלטן פֿון צווישן אַלע בהמות, און פֿון
צווישן אַלע חיות פֿון פֿעלד; אויף דײַן בויך זאָלסטו גיין, און שטויב
זאָלסטו עסן אַלע טעג פֿון דײַן לעבן. 15 און אַ פֿײַנטשאַפֿט וועל איך
מאַכן צווישן דיר און צווישן דער פֿרוי, און צווישן דײַן זאָמען און

צווישן איר זאָמען; ער וועט דיך טרעפֿן אין קאָפּ, און דו וועסט אים
טרעפֿן אין טריט.

16 צו דער פֿרוי האָט ער געזאָגט: מערן וועל איך מערן דײַן
מאַטערניש און דײַן טראָגווייעניש; מיט יסורים וועסטו געבערן
קינדער, און צו דײַן מאַן וועט זײַן דײַן גלוסטונג, און ער וועט
געוועלטיקן איבער דיר.

17 און צו אָדָמען האָט ער געזאָגט: ווײַל דו האָסט צוגעהערט צו
דעם קול פֿון דײַן ווײַב, און געגעסן פֿון דעם בוים וואָס איך האָב דיר
אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט פֿון אים ניט עסן; זאָל די ערד זײַן
פֿאַרשאָלטן פֿון דײַנעטוועגן; מיט מאַטערניש זאָלסטו זיך נערן פֿון
איר אַלע טעג פֿון דײַן לעבן. 18 און דערנער און שטעכיק געוועקס
זאָל זי דיר מאַכן שפּראָצן, און זאָלסט עסן קרײַטעכץ פֿון פֿעלד. 19
מיט דעם שווייס פֿון דײַן פּנים זאָלסטו עסן ברויט, ביז דו קערסט
זיך אום צו דער ערד; ווײַל פֿון איר ביסטו גענומען געוואָרן; וואָרום
שטויב ביסטו, און צו שטויב זאָסלטו זיך אומקערן.

20 און דער מענטש האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון זײַן ווײַב חַוָּה, ווײַל
זי איז געווען די מוטער פֿון אַלעם לעבעדיקן.

21 און גאָט דער האַר האָט געמאַכט פֿאַר אָדָמען און פֿאַר זײַן ווײַב
העמדלעך פֿון פֿעל, און האָט זיי באַקליידט.

22 און גאָט דער האַר האָט געזאָגט: זע, דער מענטש איז געוואָרן ווי
איינער פֿון אונדז צו וויסן גוטס און שלעכטס, און אַצונד קען ער
נאָך אויסשטרעקן זײַן האַנט, און נעמען אויך פֿון דעם בוים פֿון
לעבן, און ער וועט עסן, און וועט לעבן אייביק. 23 האָט גאָט דער
האַר אים אַרויסגעשיקט פֿון דעם גאָרטן פֿון עֵדֶן, צו באַאַרבעטן די
ערד, וואָס ער איז פֿון דאָרטן גענומען געוואָרן. 24 און ער האָט
אַרויסגעטריבן דעם מענטשן; און ער האָט אַרײַנגעזעצט אין מזרח
פֿון דעם גאָרטן פֿון עֵדֶן די כּרובים, און די פֿלאַמיקע שווערד וואָס
דרייט זיך, צו היטן דעם וועג צום בוים פֿון לעבן.

ד 1 און דער מענטש האָט דערקענט זײַן ווײַב חַוָהן, און זי איז
טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן קַיִנען, און זי האָט
געזאָגט: איך האָב געקריגן אַ מאַן דורך גאָט. 2 און זי האָט ווידער
געבאָרן – זײַן ברודער הֶבלען.

און הֶבל איז געווען אַ פּאַסטוך פֿון שאָף, און קַיִן איז געווען אַן
ערדאַרבעטער. 3 און עס איז געווען נאָך אַ פֿאַרלויף פֿון טעג, האָט
קַיִן געבראַכט פֿון דער פּרוכט פֿון דער ערד אַ קרבן צו גאָט. 4 און
הֶבל, ער אויך האָט געבראַכט פֿון די ערשטלינגען פֿון זײַנע שאָף און
פֿון זייערע פֿעטסטע. און גאָט האָט זיך געקערט צו הֶבלען און צו
זײַן קרבן, 5 און צו קַיִנען און צו זײַן קרבן האָט ער זיך ניט געקערט.
האָט קַיִנען זייער געערגערט, און זײַן פּנים איז אַראָפּגעפֿאַלן. 6 האָט
גאָט געזאָגט צו קַיִנען: פֿאַר וואָס פֿאַרדריסט דיך, און פֿאַר וואָס איז
אַראָפּגעפֿאַלן דײַן פּנים? 7 פֿאַר וואָר, אויב דו וועסט גוטס טאָן
וועסטו אויפֿגענומען ווערן, און אויב דו וועסט ניט גוטס טאָן,
הויערט די זינד בײַ דער טיר; און צו דיר איז איר גלוסטונג, אָבער דו
קענסט געוועלטיקן איבער איר.

8 האָט קַיִן גערעדט צו זײַן ברודער הֶבלען. און עס איז געווען, ווי זיי
זײַנען געווען אין פֿעלד, אַזוי איז קַיִן אויפֿגעשטאַנען קעגן זײַן
ברודער הֶבלען, און האָט אים געהרגעט.

9 האָט גאָט געזאָגט צו קַיִנען: וווּ איז דײַן ברודער הֶבל? האָט ער
געזאָגט: איך ווייס ניט; בין איך דען דער שומר פֿון מײַן ברודער? 10
האָט ער געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? דער קָול פֿון דײַן ברודערס
בלוט שרײַט צו מיר פֿון דער ערד. 11 און אַצונד, פֿאַרשאָלטן
זאָלסטו זײַן פֿון דער ערד וואָס האָט אויפֿגעמאַכט איר מויל
צוצונעמען דײַן ברודערס בלוט פֿון דײַן האַנט. 12 אַז דו וועסט
באַאַרבעטן די ערד, זאָל זי דיר מער ניט געבן איר קראַפֿט; נע-ונַד
זאָלסטו זײַן אויף דער ערד. 13 האָט קַיִן געזאָגט צו גאָט: מײַן
שטראָף איז צו גרויס צו אַריבערצוטראָגן. 14 אָט האָסטו מיך הײַנט
פֿאַרטריבן פֿון דעם געזיכט פֿון לאַנד, און פֿון דײַן פּנים וועל איך זײַן
פֿאַרבאָרגן, און איך וועל זײַן נע-ונַד אויף דער ערד; וועט זײַן, ווער-
נאָר עס טרעפֿט מיך וועט מיך דערהרגען. 15 האָט גאָט צו אים
געזאָגט: דרום ווער-נאָר עס הרגעט קַיִנען זאָל זיבנפֿאַך גענומען

ווערן נקמה פֿון אים. און גאָט האָט געמאַכט קַיִנען אַ צייכן, אַז
קיינער וואָס טרעפֿט אים, זאָל אים ניט דערשלאָגן.

16 און קַיִן איז אַוועקגעגאַנגען פֿון פֿאַר גאָט, און האָט זיך באַזעצט
אין לאַנד נוֹד, אין מזרח פֿון עֵדֶן. 17 און קַיִן האָט דערקענט זײַן
ווײַב, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן חֲנוכן. און ער
האָט געבויט אַ שטאָט, און האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט
אַזוי ווי דער נאָמען פֿון זײַן זון, חֲנוך. 18 און בײַ חֲנוכן איז געבאָרן
געוואָרן עִירָד, און עִירָד האָט געבאָרן מחוּיָאֵלן, און מחוּיָאֵל האָט
געבאָרן מתושָׁאֵלן, און מתושָׁאֵל האָט געבאָרן לֶמֶכן. 19 און לֶמֶך
האָט זיך גענומען צוויי ווײַבער; דער נאָמען פֿון איינער איז געווען
עָדָה, און דער נאָמען פֿון דער צווייטער צִלָה. 20 און עָדָה האָט
געבאָרן יָבָלן; ער איז געווען דער פֿאָטער פֿון די וואָס זיצן אין
געצעלטן און האָבן פֿי. 21 און דער נאָמען פֿון זײַן ברודער איז געווען
יובַל; ער איז געווען דער פֿאָטער פֿון אַלע וואָס האַלטן אַ האַרף און
אַ פֿלייט. 22 און צִלָה, זי אויך האָט געבאָרן תּובַל-קַיִנען, דעם
אויסשלײַפֿער פֿון אַלערליי קופּער- און אײַזנגעצײַג; און די
שוועסטער פֿון תּובַל-קַיִנען איז געווען נַעֲמָה.

23 און לֶמֶך האָט געזאָגט צו זײַנע ווײַבער:
עָדָה און צִלָה, הערט מײַן קָול,
ווײַבער פֿון לֶמֶכן, פֿאַרנעמט מײַן וואָרט;
וואָרום איך הרגע אַ מאַן פֿאַר מײַן ווּונד,
און אַ ייִנגל פֿאַר מײַן בײַל;
24 ווײַל זיבנפֿאַך ווערט גענומען פֿאַר קַיִנען נקמה,
פֿאַר לֶמֶכן אָבער זיבן און זיבעציק.

25 און אָדָם האָט ווידער דערקענט זײַן ווײַב, און זי האָט געבאָרן אַ
זון, און האָט גערופֿן זײַן נאָמען שֵׁת, ווײַל: «גאָט האָט מיר באַשערט
אַן אַנדער זאָמען אָנשטאָט הֶבלען, אַז קַיִן האָט אים געהרגעט». 26
און בײַ שֵׁתן, בײַ אים אויך איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, און ער האָט
גערופֿן זײַן נאָמען אֶנוֹש. דענצמאָל האָט מען אָנגעהויבן רופֿן צו
דעם נאָמען יהוה.

ה 1 דאָס איז דאָס בוך פֿון די געבורטן פֿון אָדָמען: ווען גאָט האָט
באַשאַפֿן דעם מענטשן, האָט ער אים אין דער גלײַכעניש פֿון
גאָט געמאַכט; 2 אַ זכר און אַ נקבֿה האָט ער זיי באַשאַפֿן, און ער
האָט זיי געבענטשט, און האָט גערופֿן זייער נאָמען מענטש אין דעם
טאָג וואָס זיי זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן. 3 און אָדָם האָט געלעבט
הונדערט און דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן אַ זון אין זײַן
גלײַכעניש, אַזוי ווי זײַן געשטאַלט, און האָט גערופֿן זײַן נאָמען שֵׁת.
4 און די טעג פֿון אָדָמען נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן שֵׁתן, זײַנען
געווען אַכט הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. 5
און אַלע טעג וואָס אָדָם האָט געלעבט, זײַנען געווען נײַן הונדערט
יאָר און דרײַסיק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

6 און שֵׁת האָט געלעבט הונדערט יאָר און פֿינף יאָר, און האָט
געבאָרן אֶנוֹשן. 7 און שֵׁת האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן
אֶנוֹשן, אַכט הונדערט יאָר און זיבן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און
טעכטער. 8 און אַלע טעג פֿון שֵׁתן זײַנען געווען נײַן הונדערט יאָר
און צוועלף יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

9 און אֶנוֹש האָט געלעבט נײַנציק יאָר, און האָט געבאָרן קֵינָנען. 10
און אֶנוֹש האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן קֵינָנען, אַכט
הונדערט יאָר און פֿופֿצן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.
11 און אַלע טעג פֿון אֶנושן זײַנען געווען נײַן הונדערט יאָר און פֿינף
יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

12 און קֵינָן האָט געלעבט זיבעציק יאָר, און האָט געבאָרן מַהֲלַלְאֵלן.
13 און קֵינָן האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן מַהֲלַלְאֵלן,
אַכט הונדערט יאָר און פֿערציק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און
טעכטער. 14 און אַלע טעג פֿון קֵינָנען זײַנען געווען נײַן הונדערט יאָר
און צען יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

15 און מַהֲלַלְאֵל האָט געלעבט פֿינף און זעכציק יאָר, און האָט
געבאָרן יֶרֶדן. 16 און מַהֲלַלְאֵל האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט
געבאָרן יֶרֶדן, אַכט הונדערט יאָר און דרײַסיק יאָר; און ער האָט
געבאָרן זין און טעכטער. 17 און אַלע טעג פֿון מַהֲלַלְאֵלן זײַנען
געווען אַכט הונדערט און נײַנציק יאָר; און ער איז
געשטאָרבן.

18 און יֶרֶד האָט געלעבט הונדערט יאָר און צוויי און זעכציק יאָר,
און האָט געבאָרן חֲנוֹכן. 19 און יֶרֶד האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער
האָט געבאָרן חֲנוֹכן, אַכט הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און
טעכטער. 20 און אַלע טעג פֿון יֶרֶדן זײַנען געווען נײַן הונדערט יאָר
און צוויי און זעכציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

21 און חֲנוֹך האָט געלעבט פֿינף און זעכציק יאָר, און האָט געבאָרן
מתושֶלַחן. 22 און חֲנוֹך איז געגאַנגען מיט גאָט נאָכדעם ווי ער האָט
געבאָרן מתושֶלַחן, דרײַ הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און
טעכטער. 23 און אַלע טעג פֿון חֲנוֹכן זײַנען געווען דרײַ הונדערט יאָר
און פֿינף און זעכציק יאָר. 24 און חֲנוֹך איז געגאַנגען מיט גאָט; און
ער איז ניט געוואָרן, וואָרום גאָט האָט אים צוגענומען.

25 און מתושֶלַח האָט געלעבט הונדערט יאָר און זיבן און אַכציק
יאָר, און האָט געבאָרן לֶמֶכן. 26 און מתושֶלַח האָט געלעבט נאָכדעם
ווי ער האָט געבאָרן לֶמֶכן, זיבן הונדערט יאָר און צוויי און אַכציק
יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. 27 און אַלע טעג פֿון
מתושֶלַחן זײַנען געווען נײַן הונדערט יאָר און נײַן און זעכציק יאָר;
און ער איז געשטאָרבן.

28 און לֶמֶך האָט געלעבט הונדערט יאָר און צוויי און אַכציק יאָר,
און האָט געבאָרן אַ זון. 29 און ער האָט גערופֿן זײַן נאָמען נֹחַ, אַזוי
צו זאָגן: דער דאָזיקער וועט אונדז זײַן אַ נחמה פֿאַר אונדזער
אַרבעט, און פֿאַר דער מאַטערניש פֿון אונדזערע הענט, פֿון וועגן דער
ערד וואָס גאָט האָט זי פֿאַרשאָלטן. 30 און לֶמֶך האָט געלעבט
נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן נֹחן, פֿינף הונדערט יאָר און פֿינף און
נײַנציק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. 31 און אַלע טעג
פֿון לֶמֶכן זײַנען געווען זיבן הונדערט יאָר און זיבן און זיבעציק יאָר;
און ער איז געשטאָרבן.

32 און אַז נֹחַ איז געוואָרן פֿינף הונדערט יאָר אַלט, האָט נֹחַ געבאָרן
שֵׁמען, חָמען, און יֶפֶתן.

ו 1 און עס איז געווען, אַז די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן מערן
אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד, און בײַ זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן
טעכטער, 2 האָבן די זין פֿון גאָט געזען די טעכטער פֿון מענטשן אַז
זיי זײַנען שיין, און זיי האָבן זיך גענומען ווײַבער וועמען־נאָר זיי
האָבן אויסדערוויילט. 3 האָט גאָט געזאָגט: מײַן גײַסט זאָל ניט
בלײַבן אין דעם מענטשן אויף אייביק, וואָרום ער איז פֿאָרט פֿלייש;
נאָר זײַנע טעג זאָלן זײַן הונדערט און צוואַנציק יאָר.

4 די נפֿילים זײַנען געווען אויף דער ערד אין יענע טעג – און אויך
דערנאָך – ווען די זין פֿון גאָט פֿלעגן קומען צו די טעכטער פֿון
מענטשן, און זיי פֿלעגן געבערן פֿון זיי; דאָס זײַנען די גיבורים וואָס
פֿון פֿאַרצײַטן, מענער מיט אַ נאָמען.

5 און גאָט האָט געזען אַז דאָס בייז פֿון דעם מענטשן איז גרויס אויף
דער ערד, און די גאַנצע טראַכטונג פֿון די מחשבות פֿון זײַן האַרצן
איז רק צום בייזן אַ גאַנצן טאָג. 6 און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס
ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד, און ער איז געווען
באַקומערט אין זײַן האַרצן. 7 און גאָט האָט געזאָגט: איך וועל
אָפּמעקן דעם מענטשן וואָס איך האָב באַשאַפֿן, פֿון דעם געזיכט פֿון
דער ערד; פֿון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פֿויגל
פֿון הימל; וואָרום איך האָב חרטה וואָס איך האָב זיי געמאַכט. 8
אָבער נֹח האָט געפֿונען לײַטזעליקייט אין די אויגן פֿון גאָט.

# נֹחַ

9 דאָס איז די געשיכטע פֿון נֹחן. נֹח איז געווען אַ גערעכטער,
ערלעכער מאַן אין זײַן דור; מיט גאָט איז געגאַנגען נֹח. 10 און נֹח
האָט געבאָרן דרײַ זין: שֵׁם, חָם, און יֶפֶת. 11 און די ערד איז
פֿאַרדאָרבן געוואָרן פֿאַר גאָט, און די ערד איז פֿול געוואָרן מיט
אומרעכט. 12 און גאָט האָט געזען די ערד, ערשט זי איז פֿאַרדאָרבן,
ווײַל יעטוועדער לײַב האָט פֿאַרדאָרבן זײַן וועג אויף דער ערד. 13 און
גאָט האָט געזאָגט צו נֹחן: דער סוף פֿון אַלע לײַבער איז געקומען
פֿאַר מיר, וואָרום די ערד איז פֿול מיט אומרעכט דורך זיי; און זע,
איך ברענג זיי אום מיט דער ערד. 14 מאַך דיר אַ תֵּבָה פֿון
פּימסנהאָלץ; אין קאַמערן זאָלסטו מאַכן די תֵּבָה, און זאָלסט זי
אויספּעכן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק מיט פּעך. 15 און אַט

ווי דו זאָלסט זי מאַכן: דרײַ הונדערט איילן די לענג פֿון דער תּבֿה,
פֿופֿציק איילן איר ברייט, און דרײַסיק איילן איר הייך. 16 אַ גיבלדאַך
זאָלסטו מאַכן צו דער תּבֿה, און אויף אַן איל [די ברייט] זאָלסטו זי
פֿאַרענדיקן פֿון אויבן; און דעם אײַנגאַנג פֿון דער תּבֿה זאָלסטו מאַכן
אין איר זײַט; מיט אַן אונטערשטן, צווייטן, און דריטן שטאָק
זאָלסטו זי מאַכן. 17 און איך, זע, איך ברענג אַ מבול וואַסער אויף
דער ערד, אומצוברענגען יעטוועדער לײַב וואָס אין אים איז דאָ אַן
אָטעם פֿון לעבן, פֿון אונטערן הימל; אַלץ וואָס אויף דער ערד וועט
אומקומען. 18 אָבער איך וועל אויפֿשטעלן מײַן בונד מיט דיר, און
וועסט אַרײַנגיין אין דער תּבֿה, דו און דײַנע זין, און דײַן ווײַב, און
דײַנע זינס ווײַבער, מיט דיר. 19 און פֿון אַלץ וואָס לעבט, פֿון אַלע
לײַבער, זאָלסטו אַרײַנברענגען צו צוויי פֿון איטלעכן אין דער תּבֿה,
אויף צו דערהאַלטן בײַם לעבן מיט דיר; אַ זָכר און אַ נקבֿה זאָלן זיי
זײַן. 20 פֿון די פֿויגלען לויט זייערע מינים, און פֿון די בהמות לויט
זייערע מינים, פֿון אַלע שרצים פֿון דער ערד לויט זייערע מינים, צו
צוויי פֿון איטלעכן זאָלן אַרײַנגיין צו דיר, אויף צו דערהאַלטן בײַם
לעבן. 21 און דו נעם דיר פֿון יעטוועדער עסנוואַרג וואָס ווערט
געגעסן, און זאַמל אײַן צו דיר, כּדי עס זאָל זײַן פֿאַר דיר און פֿאַר זיי
צום עסן.

22 און נֹח האָט אַזוי געטאָן; אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים
באַפֿוילן, אַזוי האָט ער געטאָן.

ז 1 און גאָט האָט געזאָגט צו נֹחן: גיי אַרײַן דו און דײַן גאַנץ
הויזגעזינט אין דער תּבֿה, וואָרום דיך האָב איך געזען גערעכט
פֿאַר מיר אין דעם דאָזיקן דור. 2 פֿון אַלע ריינע בהמות זאָלסטו דיר
נעמען צו זיבן און זיבן, איטלעכס מיט זײַן פּאָר; און פֿון די בהמות
וואָס זיי זײַנען ניט ריין, צו צוויי, איטלעכס מיט זײַן פּאָר. 3 אויך פֿון
די פֿויגלען פֿון הימל צו זיבן און זיבן, אַן ער און אַ זי, כּדי צו
דערהאַלטן זאָמען אויפֿן געזיכט פֿון דער גאַנצער ערד. 4 וואָרום אין
זיבן טעג אַרום, מאַך איך רעגענען אויף דער ערד פערציק טעג און
פערציק נעכט, און איך וועל אָפּמעקן דעם גאַנצן באַשטאַנד וואָס
איך האָב געמאַכט, פֿון דעם געזיכט פֿון דער ערד.

5 און נֹח האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפֿוילן.

6 און נֹח איז געווען זעקס הונדערט יאָר אַלט, ווען דער מבול איז
געווען אויף דער ערד. 7 און נֹח, און זײַנע זין, און זײַן ווײַב, און זײַנע
זינס ווײַבער, מיט אים, זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער תּבֿה, פֿון וועגן
דעם וואַסער פֿון מבול. 8 פֿון די ריינע בהמות, און פֿון די בהמות
וואָס זײַנען ניט ריין, און פֿון די פויגלען און אַלץ וואָס קריכט אויף
דער ערד, 9 זײַנען צו צוויי צו צוויי אַרײַנגעגאַנגען צו נֹחן אין דער
תּבֿה, אַ זָכר און אַ נקבֿה, אַזוי ווי גאָט האָט באַפֿוילן נֹחן.

10 און עס איז געווען צו זיבן טעג, אַזוי איז דאָס וואַסער פֿון מבול
געווען אויף דער ערד. 11 אין דעם זעקס הונדערטסטן יאָר פֿון נֹחס
לעבן, אין צווייטן חודש, אין זיבעצנטן טאָג פֿון חודש, אין דעם
דאָזיקן טאָג האָבן אויסגעבראָכן אַלע קוואַלן פֿון גרויסן תּהָום, און
די פענצטער פֿון הימל האָבן זיך געעפֿנט. 12 און דער רעגן איז
געווען אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט.

13 אין דעם דאָזיקן אייגענעם טאָג זײַנען אַרײַנגעגאַנגען נֹח, און
שֵׁם, און חָם, און יֶפֶת, נֹחס זין, און נֹחס ווײַב, און די דרײַ ווײַבער
פֿון זײַנע זין מיט זיי, אין דער תּבֿה; 14 זיי, און אַלע חיות לויט
זייערע מינים, און אַלע בהמות לויט זייערע מינים, און אַלע שרצים
וואָס קריכן אויף דער ערד לויט זייערע מינים, און אַלע עופֿות לויט
זייערע מינים, איטלעך פויגל, איטלעך געפֿליגל. 15 און זיי זײַנען
אַרײַנגעגאַנגען צו נֹחן אין דער תּבֿה, צו צוויי, צו צוויי פֿון אַלע
לײַבער וואָס אין זיי איז דאָ אַן אָטעם פֿון לעבן. 16 און די וואָס
זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אַ זָכר און אַ נקבֿה פֿון
אַלע לײַבער, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפֿוילן; און גאָט האָט
פֿאַרשלאָסן הינטער אים.

17 און דער מבול איז געווען פערציק טעג אויף דער ערד, און די
וואַסערן האָבן זיך געמערט, און זיי האָבן געטראָגן די תּבֿה, און זי
האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער דער ערד. 18 און די וואַסערן האָבן זיך
געשטאַרקט, און האָבן זיך זייער געמערט אויף דער ערד, און די תּבֿה
איז געגאַנגען אויף דער אויבערפֿלעך פֿון די וואַסערן. 19 און די
וואַסערן האָבן זיך זייער געשטאַרקט אויף דער ערד; און עס
זײַנען פֿאַרדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג וואָס אונטערן גאַנצן

הימל. 20 פופצן איילן אַריבער האָבן זיך די וואַסערן געשטאַרקט, און
די בערג זײַנען פֿאַרדעקט געוואָרן. 21 און עס איז אומגעקומען
יעטוועדער לײַב וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד, סײַ אַ פויגל, סײַ אַ
בהמה, סײַ אַ חיה, סײַ יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד,
און יעטוועדער מענטש; 22 אַלץ וואָס אין זײַנע נאָזלעכער איז געווען
אַ הויך פֿון אַ לעבעדיקן אָטעם, אַלץ וואָס אויף דער יבשה, איז
געשטאָרבן. 23 און ער האָט אָפּגעמעקט דעם גאַנצן באַשטאַנד וואָס
אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד, פֿון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ,
און ביז אַ פויגל פֿון הימל; און זיי זײַנען אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער
ערד, און נאָר נח איז געבליבן, און די וואָס מיט אים אין דער תּבֿה.
24 און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט אויף דער ערד הונדערט
און פֿופֿציק טעג.

ח 1 און גאָט האָט געדאַכט אָן נח, און אָן אַלע חיות, און אָן
אַלע בהמות, וואָס מיט אים אין דער תּבֿה, און גאָט האָט
געמאַכט אַריבערגיין אַ ווינט אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבן
זיך אײַנגעשטילט. 2 און עס זײַנען פֿאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן
פֿון תּהום, און די פֿענצטער פֿון הימל; און דער רעגן פֿון הימל איז
פֿאַרהאַלטן געוואָרן. 3 און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין
אָפּטרעטן פֿון דער ערד; און די וואַסערן זײַנען געמינערט געוואָרן
צום סוף פֿון הונדערט און פֿופֿציק טעג. 4 און די תּבֿה האָט גערוט
אין זיבעטן חודש, אין זיבעצנטן טאָג פֿון חודש, אויף די בערג פֿון
אַרָרָט. 5 און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין געמינערט ווערן
ביזן צענטן חודש; אין צענטן חודש, אין ערשטן טאָג פֿון חודש,
האָבן זיך באַוויזן די שפּיצן פֿון די בערג.

6 און עס איז געווען צום סוף פֿון פֿערציק טעג, האָט נח געעפֿנט
דעם פֿענצטער פֿון דער תּבֿה וואָס ער האָט געמאַכט. 7 און ער האָט
אַרויסגעשיקט דעם ראָב, און ער איז אַרויס הין און צוריק, ביז דאָס
וואַסער איז אָפּגעטריקנט געוואָרן פֿון דעם געזיכט פֿון דער ערד. 8
האָט ער אַרויסגעשיקט פֿון זיך די טויב, צו זען אויב דאָס וואַסער
איז אָפּגעפֿאַלן פֿון דעם געזיכט פֿון דער ערד. 9 אָבער די טויב האָט
ניט געפֿונען קיין אָפּרו פֿאַר איר פֿוסטריט, און זי האָט זיך
אומגעקערט צו אים אין דער תּבֿה, ווײַל וואַסער איז געווען אויפֿן

געזיכט פֿון דער גאַנצער ערד. האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט,
און האָט זי גענומען און זי אַרײַנגעבראַכט צו זיך אין דער תּבֿה. 10
און ער האָט אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און האָט ווידער
אַרויסגעשיקט די טויב פֿון דער תּבֿה. 11 און די טויב איז געקומען
אין אָוונטצײַט, ערשט אַן אָפּגעריסן אײלבערטבלאַט איז אין איר
מויל, און נח האָט געוווּסט אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפֿאַלן פֿון דער
ערד. 12 האָט ער אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און האָט
אַרויסגעשיקט די טויב, און זי האָט זיך מער ניט אומגעקערט צו אים
ווידער.

13 און עס איז געווען אין דעם זעקס הונדערט און ערשטן יאָר, אין
ערשטן חודש, אין ערשטן טאָג פֿון חודש, איז אָפּגעטריקנט געוואָרן
דאָס וואַסער פֿון דער ערד, און נח האָט אַראָפּגענומען דעם דעק פֿון
דער תּבֿה, און האָט אַ קוק געטאָן, ערשט דאָס געזיכט פֿון דער ערד
איז טרוקן. 14 און אין צווייטן חודש, אין זיבן און צוואַנציקסטן טאָג
פֿון חודש, איז אויסגעטריקנט געוואָרן די ערד.

15 און גאָט האָט גערעדט צו נחן, אַזוי צו זאָגן: 16 גיי אַרויס פֿון
דער תּבֿה, דו, און דײַן ווײַב, און דײַנע זין, און די ווײַבער פֿון דײַנע
זין, מיט דיר. 17 יעטוועדער לעבעדיקער זאַך וואָס מיט דיר, פֿון אַלע
לײַבער, סײַ אַ פֿויגל, סײַ אַ בהמה, סײַ יעטוועדער שרץ וואָס קריכט
אויף דער ערד, ברענג אַרויס מיט זיך, און זיי זאָלן זיך ווידמענען
אויף דער ערד, און זיך פֿרוכפּערן און מערן אויף דער ערד.

18 איז אַרויסגעגאַנגען נח, און זײַנע זין, און זײַן ווײַב, און זײַנע זינס
ווײַבער, מיט אים. 19 יעטוועדער חיה, יעטוועדער שרץ, און
יעטוועדער פֿויגל, אַלץ וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד, לויט זייערע
משפּחות, זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער תּבֿה. 20 און נח האָט
געבויט אַ מזבח צו גאָט, און ער האָט גענומען פֿון אַלע ריינע
בהמות, און פֿון אַלע ריינע פֿויגלען, און האָט אויפֿגעבראַכט
בראַנדאָפּפֿער אויפֿן מזבח. 21 און גאָט האָט געשמעקט דעם
געשמאַקן ריח, און גאָט האָט געזאָגט אין זײַן האַרצן: איך וועל מער
ווידער ניט פֿאַרשילטן די ערד פֿון וועגן דעם מענטשן; וואָרום די
טראַכטונג פֿון דעם מענטשנס האַרצן איז שלעכט פֿון זײַן יוגנט אָן;
און איך וועל מער ווידער ניט דערשלאָגן אַלץ וואָס לעבט, אַזוי ווי
איך האָב געטאָן. 22 אַזוי לאַנג ווי די טעג פֿון דער ערד, זאָל זייאונג

און שניט, און קעלט און היץ, און זומער און ווינטער, און טאָג און
נאַכט, ניט אויפֿהערן.

ט 1 און גאָט האָט געבענטשט נֹחן און זײַנע זין, און האָט צו זיי
געזאָגט: פֿרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פֿילט אָן די ערד.
2 און אײַער מורא און אײַער שרעק זאָל זײַן אויף יעטוועדער חיה
פֿון דער ערד, און אויף יעטוועדער פֿויגל פֿון הימל, אויף אַלץ וואָס
די ערד ווידמענט, און אויף אַלע פֿישן פֿון ים; אין אײַער האַנט זײַנען
זיי איבערגעגעבן. 3 אַלץ וואָס באַוועגט זיך, וואָס לעבט, זאָל זײַן
פֿאַר אײַך צום עסן; אַזוי ווי גרינע קרײַטעכץ האָב איך אײַך דאָס אַלץ
געגעבן. 4 נאָר פֿלייש מיט זײַן לעבן, זײַן בלוט, זאָלט איר ניט עסן. 5
און פֿאַר וואָר, אײַער בלוט, פֿון אײַערע נפֿשות, וועל איך אויפֿמאָנען;
פֿון דער האַנט פֿון איטלעכער חיה וועל איך עס אויפֿמאָנען, און פֿון
דער האַנט פֿון דעם מענטשן, פֿון דער האַנט פֿון דעם מענטשן זײַן
ברודער, וועל איך אויפֿמאָנען דאָס לעבן פֿון אַ מענטשן. 6 דער וואָס
פֿאַרגיסט דאָס בלוט פֿון אַ מענטשן, זאָל דורך אַ מענטשן זײַן בלוט
פֿאַרגאָסן ווערן; וואָרום אין דער געשטאַלט פֿון גאָט האָט ער
געמאַכט דעם מענטשן. 7 און איר, פֿרוכפּערט אײַך און מערט אײַך;
ווידמענט אײַך אויף דער ערד, און מערט אײַך אויף איר.

8 און גאָט האָט געזאָגט צו נֹחן און צו זײַנע זין מיט אים, אַזוי צו
זאָגן: 9 און איך, זע, איך שטעל אויף מײַן בונד מיט אײַך, און מיט
אײַער זאָמען נאָך אײַך, 10 און מיט יעטוועדער לעבעדיקער
באַשעפֿעניש וואָס מיט אײַך, סײַ אַ פֿויגל, סײַ אַ בהמה, סײַ
יעטוועדער חיה פֿון דער ערד מיט אײַך, פֿון די אַלע וואָס זײַנען
אַרויסגעגאַנגען פֿון דער תּבֿה, אַלע לעבעדיקע זאַכן פֿון דער ערד. 11
און איך וועל אויפֿשטעלן מײַן בונד מיט אײַך, און עס וועלן מער ניט
פֿאַרשניטן ווערן אַלע לײַבער פֿון אַ מבול-געוויסער, און עס וועט
מער ניט זײַן קיין מבול אומצוברענגען די ערד. 12 און גאָט האָט
געזאָגט: דאָס איז דער צייכן פֿון דעם בונד וואָס איך גיב צווישן מיר
און צווישן אײַך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפֿעניש
וואָס מיט אײַך, אויף אייביקע דורות: 13 מײַן בויגן האָב איך
אַרײַנגעטאָן אין וואָלקן, און ער וועט זײַן פֿאַר אַ צייכן פֿון בונד
צווישן מיר און צווישן דער ערד. 14 און עס וועט זײַן, ווען איך טו

וואָלקענען אַ וואָלקן אויף דער ערד, אַזוי וועט זיך באַווײַזן דער בויגן
אין דעם וואָלקן, 15 און איך וועל זיך דערמאָנען אָן מײַן בונד וואָס
צווישן מיר און צווישן אײַך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער
באַשעפֿעניש פֿון אַלע לײַבער, און דאָס וואַסער וועט מער ניט ווערן
אַ מבול אומצוברענגען אַלע לײַבער. 16 און דער בויגן וועט זײַן אין
דעם וואָלקן, און איך וועל קוקן אויף אים, כּדי זיך צו דערמאָנען אָן
דעם אייביקן בונד צווישן גאָט און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער
באַשעפֿעניש פֿון אַלע לײַבער וואָס אויף דער ערד. 17 און גאָט האָט
געזאָגט צו נֹחן: דאָס איז דער צייכן פֿון דעם בונד וואָס איך האָב
אויפֿגעשטעלט צווישן מיר און צווישן אַלע לײַבער וואָס אויף דער
ערד.

18 און די זין פֿון נֹחן וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער תּבֿה,
זײַנען געווען שֵׁם, חָם, און יֶפֿת; און חָם, דאָס איז דער פֿאָטער פֿון
כּנַעַן. 19 די דאָזיקע דרײַ זײַנען געווען די זין פֿון נֹחן, און פֿון זיי האָט
זיך צעשפּרייט די גאַנצע ערד.

20 און נֹח דער אַקערמאַן האָט גענומען און האָט געפֿלאַנצט אַ
ווײַנגאָרטן. 21 און ער האָט געטרונקען פֿון דעם ווײַן, און איז
געוואָרן שיכּור און האָט זיך אָפּגעדעקט אין זײַן געצעלט. 22 האָט
חָם דער פֿאָטער פֿון כּנַעַן געזען די נאַקעטקייט פֿון זײַן פֿאָטער, און
האָט דערציילט זײַנע צוויי ברידער דרויסן. 23 האָבן שֵׁם און יֶפֿת
גענומען אַ מאַנטל, און אַרויפֿגעטאָן אויף זייערע ביידנס אַקסלען,
און זיי זײַנען געגאַנגען הינטערווײַלעכס, און האָבן צוגעדעקט די
נאַקעטקייט פֿון זייער פֿאָטער, מיט זייערע פּנימער אַהינטער, און זיי
האָבן ניט געזען די נאַקעטקייט פֿון זייער פֿאָטער. 24 און נֹח האָט
זיך אויסגעניכטערט פֿון זײַן ווײַן, און האָט געמערקט וואָס זײַן
ייִנגערער זון האָט אים געטאָן. 25 און ער האָט געזאָגט:
פֿאַרשאָלטן זאָל זײַן כּנַעַן,
אַ קנעכט פֿון קנעכט זאָל ער זײַן בײַ זײַנע ברידער.
26 און ער האָט געזאָגט:
געלויבט איז יהוה דער גאָט פֿון שֵׁם;
און כּנַעַן זאָל זײַן אַ קנעכט בײַ זיי.
27 דערברייטערן זאָל גאָט יֶפֿתן,
און ער זאָל רוען אין די געצעלטן פֿון שֵׁם;
און כּנַעַן זאָל זײַן אַ קנעכט בײַ זיי.

28 און נֹח האָט געלעבט נאָכן מבול דרײַ הונדערט יאָר און פֿופֿציק
יאָר. 29 און אַלע טעג פֿון נֹחן זײַנען געווען נײַן הונדערט יאָר און
פֿופֿציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

י 1 און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון נֹחס קינדער: שֵׁם, חָם, און
יֶפֶת; און בײַ זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן זין נאָכן מבול. 2 די זין
פֿון יֶפֶתן זײַנען געווען: גומֶר, און מָגוג, און מָדַי, און יָוָן, און תּובַל,
און מֶשֶך, און תִּירָס. 3 און די זין פֿון גומֶרן: אַשכְּנַז, און רִיפַת, און
תּוגַרמָה. און די זין פֿון יָוָנען: אֶלִישָה, און תַּרשִיש, כִּתִּים, און
דודָנִים. 5 פֿון די דאָזיקע האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעשיידט די אינדזלען
פֿון די פֿעלקער אין זייערע לענדער, איטלעכער לויט זײַן לשון, לויט
זייערע משפּחות, אין זייערע פֿעלקער.

6 און די זין פֿון חָמען זײַנען געווען: כּוש, און מִצרַיִם, און פּוט, און
כּנַעַן. 7 און די זין פֿון כּושן: סבָא, און חֲוִילָה, און סַבתָּה, און רַעְמָה,
און סַבתּכָא. און די זין פֿון רַעְמָהן: שבָא און דדָן. 8 און כּוש האָט
געבאָרן נִמרודן. ער איז געווען דער ערשטער מאַכטיקער אויף דער
ערד. 9 ער איז געווען אַ מאַכטיקער יעגער פֿאַר גאָט; דרום ווערט
געזאָגט: אַזוי ווי נִמרוד, אַ מאַכטיקער יעגער פֿאַר גאָט. 10 און דער
אָנהייב פֿון זײַן קיניגרײַך איז געווען בבל, און אֶרֶך, און אַכַּד, און
כַּלנֵה, אין לאַנד שִנעָר. 11 פֿון יענעם לאַנד איז ער אַרויסגעגאַנגען
קיין אַשור, און האָט געבויט נִינוֵה, און רחובות-עִיר, און כֶּלַח, 12 און
רֶסֶן, צווישן נִינוֵה און צווישן כֶּלַח, דאָס איז די גרויסע שטאָט. 13
און מִצרַיִם האָט געבאָרן לודים, און עֲנָמִים, און להָבִים, און
נַפּתוּחִים, 14 און פַּתרוּסִים, און כַּסלוּחִים – פֿון וואַנען די פּלשתּים
זײַנען אַרויסגעקומען – און כַּפְתּוֹרִים.

15 און כְּנַעַן האָט געבאָרן צידון זײַן בכור, און חֵתן, 16 און דעם
יבוסי, און דעם אֱמורי, און דעם גִרגָשי, 17 און דעם חִוִי, און דעם
עַרקי, און דעם סִיני, 18 און דעם אַרוָדי, און דעם צמָרי, און דעם
חֲמָתי; און דערנאָך האָבן זיך צעשפּרייט די משפּחות פֿון דעם כּנַעֲני.
19 און דער געמאַרק פֿון דעם כּנַעֲני איז געווען פֿון צידון, ווי דו
גייסט קיין גרָר, ביז עַזָה; ווי דו גייסט קיין סדום, און עֲמורָה, און
אַדמָה, און צבוִים, ביז לֶשַע. 20 דאָס זײַנען די קינדער פֿון חָם לויט

זייערע משפּחות, לויט זייערע לשונות, אין זייערע לענדער, אין
זייערע פֿעלקער.

21 און בײַ שֵם, דעם פֿאָטער פֿון אַלע קינדער פֿון עֵבֶר, דעם עלטערן
ברודער פֿון יֶפֶתן, אויך בײַ אים זײַנען געבאָרן געוואָרן קינדער. 22 די
זין פֿון שֵמען זײַנען געווען: עֵילָם, און אַשור, און אַרפַּכשַד, און לוד,
און אַרָם. 23 און די זין פֿון אַרָמען: עוץ, און חול, און גֶתֶר, און מַש.
24 און אַרפַּכשַד האָט געבאָרן שֶלַחן, און שֶלַח האָט געבאָרן עֵבֶרן.
25 און בײַ עֵבֶרן זײַנען געבאָרן געוואָרן צוויי זין; דער נאָמען פֿון
איינעם איז געווען פֶּלֶג, ווײַל אין זײַנע טעג איז צעטיילט געוואָרן די
ערד; און דער נאָמען פֿון זײַן ברודער איז געווען יָקטָן. 26 און יָקטָן
האָט געבאָרן אַלמודָדן, און שֶלֶפֿן, און חַצַרמָוֶתן, און יֶרַחן, 27 און
הַדורָמען, און אוזָלן, און דִקלָהן, 28 און עובָלן, און אֲבִימָאֵלן, און
שבאָן, 29 און אופֿירן, און חֲוִילָהן, און יובָבן. די אַלע זײַנען געווען
יָקטָנס זין. 30 און זייער וווינאָרט איז געווען פֿון מֵשאָ, ווי דו קומסט
קיין ספֿר, ביזן באַרג פֿון מזרח. 31 דאָס זײַנען די זין פֿון שֵמען לויט
זייערע משפּחות, לויט זייערע לשונות, אין זייערע לענדער, לויט
זייערע פֿעלקער.

32 דאָס זײַנען די משפּחות פֿון נֹחס זין לויט זייערע געבורטן, אין
זייערע פֿעלקער; און פֿון די דאָזיקע האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעשיידט די
פֿעלקער אויף דער ערד נאָכן מבול.

יא 1 און די גאַנצע ערד איז געווען איין שפּראַך און איינע
ווערטער. 2 און עס איז געווען, אַז זיי האָבן געצויגן אין
מזרח, האָבן זיי געפֿונען אַ פּלוין אין לאַנד שִנעָר, און האָבן זיך
דאָרטן באַזעצט. 3 און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: קומט
לאָמיר מאַכן ציגל און אויסברענען אין אַ ברענערײַ. און די ציגל איז
זיי געווען פֿאַר שטיין, און ליים איז זיי געווען פֿאַר וואַפּנע. 4 און זיי
האָבן געזאָגט: קומט לאָמיר אונדז בויען אַ שטאָט, און אַ טורעם
מיט זײַן שפּיץ אין הימל, און לאָמיר אונדז מאַכן אַ נאָמען, כּדי מיר
זאָלן ניט צעשפּרייט ווערן אויפֿן געזיכט פֿון דער גאַנצער ערד. 5
האָט גאָט אַראָפּגענידערט צו זען די שטאָט און דעם טורעם, וואָס
די מענטשנקינדער האָבן געבויט. 6 און גאָט האָט געזאָגט: זע, זיי

זײַנען איין פֿאָלק, און איין שפּראַך איז בײַ זיי אַלעמען, און דאָס איז
ערשט אַן אָנהייב פֿון זייער טאָן, און אַצונד וועט פֿון זיי ניט
פֿאַרמיטן ווערן אַלץ וואָס זיי טראַכטן צו טאָן. 7 קומט לאָמיר
אַראָפּנידערן, און צעמישן דאָרטן זייער שפּראַך, אַז זיי זאָלן ניט
פֿאַרשטיין איינער דעם אַנדערנס שפּראַך. 8 און גאָט האָט זיי
צעשפּרייט פֿון דאָרטן אויפֿן געזיכט פֿון דער גאַנצער ערד, און זיי
האָבן אויפֿגעהערט בויען די שטאָט. 9 דרום האָט מען גערופֿן איר
נאָמען בבל, ווײַל דאָרטן האָט גאָט צעמישט די שפּראַך פֿון דער
גאַנצער ערד, און פֿון דאָרטן האָט זיי גאָט צעשפּרייט אויפֿן געזיכט
פֿון דער גאַנצער ערד.

10 דאָס זײַנען די געבורטן פֿון שֵׁמען: צו הונדערט יאָר האָט שֵׁם
געבאָרן אַרפַּכשַׁדן, צוויי יאָר נאָכן מבול. 11 און שֵׁם האָט געלעבט
נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן אַרפַּכשַׁדן, פֿינף הונדערט יאָר; און ער
האָט געבאָרן זין און טעכטער.

12 און אַרפַּכשַׁד האָט געלעבט פֿינף און דרײַסיק יאָר, און האָט
געבאָרן שֶׁלַחן. 13 און אַרפַּכשַׁד האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט
געבאָרן שֶׁלַחן, פֿיר הונדערט יאָר און דרײַ יאָר; און ער האָט געבאָרן
זין און טעכטער.

14 און שֶׁלַח האָט געלעבט דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן עֵבֶרן. 15
און שֶׁלַח האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן עֵבֶרן, פֿיר
הונדערט יאָר און דרײַ יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

16 און עֵבֶר האָט געלעבט פֿיר און דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן
פֶּלֶגן. 17 און עֵבֶר האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן פֶּלֶגן,
פֿיר הונדערט יאָר און דרײַסיק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און
טעכטער.

18 און פֶּלֶג האָט געלעבט דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן רְעוּן. 19
און פֶּלֶג האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן רְעוּן, צוויי
הונדערט יאָר און נײַן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

20 און רְעוּ האָט געלעבט צוויי און דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן
שׂרוּגן. 21 און רְעוּ האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן שׂרוּגן,

צוויי הונדערט יאָר און זיבן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און
טעכטער.

22 און שׂרוג האָט געלעבט דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן נָחורן. 23
און שׂרוג האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן נָחורן, צוויי
הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

24 און נָחור האָט געלעבט נײַן און צוואַנציק יאָר, און האָט געבאָרן
תֶּרַחן. 25 און נָחור האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן
תֶּרַחן, הונדערט יאָר און נײַנצן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און
טעכטער.

26 און תֶּרַח האָט געלעבט זיבעציק יאָר, און האָט געבאָרן אבֿרמען,
נָחורן, און הָרָנען.

27 און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון תֶּרַחן: תֶּרַח האָט געבאָרן
אבֿרמען, נָחורן, און הָרָנען; און הָרָן האָט געבאָרן לוטן. 28 און הָרָן
איז געשטאָרבן בײַם לעבן פֿון זײַן פֿאָטער תֶּרַחן, אין לאַנד פֿון זײַן
געבורט, אין אור-כַּשׂדים. 29 און אבֿרם און נָחור האָבן זיך גענומען
ווײַבער; דער נאָמען פֿון אבֿרמס ווײַב איז געווען שָׂרַי, און דער
נאָמען פֿון נָחורס ווײַב איז געווען מִלכָּה, די טאָכטער פֿון הָרָן, דעם
פֿאָטער פֿון מִלכָּהן און דעם פֿאָטער פֿון יִסכָּהן. 30 און שָׂרַי איז
געווען אַן עקרה, זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

31 און תֶּרַח האָט גענומען זײַן זון אבֿרמען, און זײַן אייניקל לוט,
דער זון פֿון הָרָנען, און זײַן שנור שָׂרַי, די ווײַב פֿון זײַן זון אבֿרמען,
און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען מיט זיי פֿון אור-כַּשׂדים, צו גיין קיין
לאַנד כּנַעַן. און זיי זײַנען געקומען ביז חָרָן, און האָבן זיך דאָרטן
באַזעצט.

32 און די טעג פֿון תֶּרַחן זײַנען געווען צוויי הונדערט יאָר און פֿינף
יאָר. און תֶּרַח איז געשטאָרבן אין חָרָן.

# לֶך-לְךָ

יב 1 און גאָט האָט געזאָגט צו אבֿרמען: גיי דיר אַוועק פֿון דײַן
לאַנד, און פֿון דײַן אָפּשטאַם, און פֿון דײַן פֿאָטערס הויז, צו
דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווײַזן. 2 און איך וועל דיך מאַכן פֿאַר אַ
גרויס פֿאָלק, און איך וועל דיך בענטשן, און גרייסן דײַן נאָמען, און
ווערסט זײַן אַ בענטשונג. 3 און איך וועל בענטשן די וואָס בענטשן
דיך, און דעם וואָס פֿלוכט דיך וועל איך פֿאַרשילטן; און מיט דיר
וועלן זיך בענטשן אַלע משפּחות פֿון דער ערד.

4 און אבֿרם איז געגאַנגען אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט; און
לוט איז מיטגעגאַנגען מיט אים. און אבֿרם איז געווען אַ מאַן פֿון
פֿינף און זיבעציק יאָר בײַ זײַן אַרויסגיין פֿון חָרָן. 5 און אבֿרם האָט
גענומען זײַן ווײַב שָׂרַין, און זײַן ברודערס זון לוטן, און זייער גאַנצן
פֿאַרמעג וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן, און די נפֿשות וואָס זיי האָבן זיך
אָנגעשאַפֿט אין חָרָן, און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען צו גיין קיין לאַנד
כּנַעַן; 6 און זיי זײַנען געקומען קיין לאַנד כּנַעַן. און אבֿרם איז
דורכגעגאַנגען דורכן לאַנד ביז דעם אָרט פֿון שכֶם, ביז דעם
אייכנבוים מורֶה. און דער כּנַעֲני איז דענצמאָל געווען אין לאַנד.

7 און יהוה האָט זיך באַוויזן צו אבֿרמען, און האָט געזאָגט: צו דײַן
זאָמען וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד. און ער האָט דאָרטן
געבויט אַ מזבח צו יהוה וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים.

8 און ער האָט זיך איבערגעטראָגן פֿון דאָרטן צום באַרג, אין מזרח
פֿון בית-אֵל; און ער האָט אויפֿגעשטעלט זײַן געצעלט מיט בית-אֵל
פֿון מערב, און עַי פֿון מזרח; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו
יהוה, און האָט גערופֿן צו דעם נאָמען יהוה.

9 און אבֿרם האָט געצויגן, ציענדיק אַלץ ווײַטער צו דרום.

10 איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד, און אבֿרם האָט גענידערט קיין
מִצרַיִם, זיך דאָרטן אויפֿצוהאַלטן, וואָרום דער הונגער איז געווען
שווער אין לאַנד. 11 און עס איז געווען, ווי ער איז געקומען נאָענט צו
מִצרַיִם, אַזוי האָט ער געזאָגט צו זײַן ווײַב שָׂרַין: זע, איך בעט דיך,
איך ווייס אַז דו ביסט אַ פֿרוי פֿון אַ שיינעם אויסזען. 12 איז, ווי די

מִצרים װעלן דיך זען, אַזױ װעלן זײ זאָגן: דאָס איז זײַן װײַב; און זײ
װעלן מיך הרגען, און דיך װעלן זײ לאָזן לעבן. 13 זאָג, איך בעט דיך,
דו ביסט מײַנע אַ שװעסטער, כּדי מיר זאָל גוט זײַן פֿון דײַנעטװעגן,
און מײַן נפֿש זאָל בלײַבן לעבן צוליב דיר.

14 און עס איז געװען, װי אבֿרם איז געקומען קײן מִצרַיִם, אַזױ האָבן
די מִצרים געזען די פֿרױ, אַז זי איז זײער שײן. 15 און די האַרן פֿון
פּרעהן האָבן זי געזען, און האָבן זי פֿאַרלױבט פֿאַר פּרעהן, און די
פֿרױ איז צוגענומען געװאָרן אין פּרעהס הױז. 16 און אבֿרמען האָט
ער באַגיטיקט פֿון אירעטװעגן; און ער האָט געקריגן שאָף, און
רינדער, און אײזלען, און קנעכט, און דינסטן, און אײזעלינס, און
קעמלען.

17 האָט גאָט געפּלאָגט פּרעהן און זײַן הױזגעזינט מיט גרױסע פּלאָגן
פֿון װעגן שָׂרַי, אבֿרמס װײַב. 18 און פּרעה האָט גערופֿן אבֿרמען, און
האָט צו אים געזאָגט: װאָס האָסטו דאָ געטאָן צו מיר? פֿאַר װאָס
האָסטו מיר ניט געזאָגט אַז זי איז דײַן װײַב? 19 אַלמאַי האָסטו
געזאָגט: «זי איז מײַנע אַ שװעסטער», און איך האָב זי גענומען פֿאַר
אַ װײַב? און אַצונד, אָט איז דײַן װײַב, נעם און גײ.

20 און פּרעה האָט באַפֿױלן װעגן אים מענטשן, און זײ האָבן
אַרױסבאַגלײט אים, און זײַן װײַב, און אַלץ װאָס ער האָט געהאַט.

## יג

1 און אבֿרם איז אַרױפֿגעגאַנגען פֿון מִצרַיִם, ער און זײַן װײַב,
און אַלץ װאָס ער האָט געהאַט, און לוט מיט אים, קײן דרום.
2 און אבֿרם איז געװען זײער רײַך אין פֿי, אין זילבער, און אין גאָלד.
3 און ער איז געגאַנגען אױף זײַנע ציונגען, פֿון דרום און ביז בית-אֵל,
ביז דעם אָרט װאָס זײַן געצעלט איז דאָרטן געװען אין אָנהײב,
צװישן בית-אֵל און צװישן עַי, 4 צו דעם אָרט פֿון דעם מזבח װאָס
ער האָט דאָרטן געמאַכט צוערשט; און װאָס אבֿרם האָט דאָרטן
גערופֿן צו דעם נאָמען יהוה.

5 און אױך בײַ לוטן, װאָס איז געגאַנגען מיט אבֿרמען, זײַנען געװען
שאָף און רינדער און געצעלטן. 6 און דאָס לאַנד האָט זײ ניט
געקענט טראָגן, צו װױנען באַנאַנד; װײַל זײער פֿאַרמעגן איז געװען

גרויס, און זיי האָבן ניט געקענט ווינען באַנאַנד. 7 און עס איז
געווען אַ קריגערײַ צווישן די פּאַסטוכער פֿון אבֿרמס פֿי און צווישן די
פּאַסטוכער פֿון לוטס פֿי. און דער כּנַעֲני און דער פּרִזי זײַנען
דענצמאָל געזעסן אין לאַנד. 8 האָט אבֿרם געזאָגט צו לוטן: זאָל, איך
בעט דיך, ניט זײַן קיין קריג צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן
מײַנע פּאַסטוכער און צווישן דײַנע פּאַסטוכער; וואָרום מיר זײַנען
אייגענע מענטשן. 9 דאָס גאַנצע לאַנד ליגט דאָך פֿאַר דיר; שייד זיך
אָפּ פֿון מיר, איך בעט דיך, ענטוועדער אויף לינקס, און איך וועל זיך
נעמען רעכטס, אָדער אויף רעכטס, און איך וועל זיך נעמען לינקס.

10 האָט לוט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן, און האָט געזען די גאַנצע
געגנט פֿון יַרדן, אַז זי איז אין גאַנצן באַוועסערט – דאָס איז געווען
איידער גאָט האָט צעשטערט סדום און עֲמורָה – אַזוי ווי דער גאָרטן
פֿון גאָט, אַזוי ווי דאָס לאַנד מִצרַיִם, ביז דו קומסט קיין צוֹעַר. 11 און
לוט האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיך די גאַנצע געגנט פֿון יַרדן; און לוט
האָט אַוועקגעצויגן קיין מזרח, און זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט איינער
פֿון אַנדערן. 12 אבֿרם האָט זיך באַזעצט אין לאַנד כּנַעַן, און לוט
האָט זיך באַזעצט אין די שטעט פֿון דער יַרדן געגנט; און ער האָט
געהאַט געצעלטן ביז סדום.

13 און די מענטשן פֿון סדום זײַנען געווען זייער שלעכט און זינדיק
צו גאָט.

14 און גאָט האָט געזאָגט צו אבֿרמען, נאָכדעם ווי לוט האָט זיך
אָפּגעשיידט פֿון אים: הייב אַקאָרשט אויף דײַנע אויגן, און קוק פֿון
דעם אָרט ווו דו ביסט, קיין צפֿון און קיין דרום און קיין מזרח און
קיין מערבֿ; 15 וואָרום דאָס גאַנצע לאַנד וואָס דו זעסט, וועל איך
געבן צו דיר און צו דײַן זאָמען אויף אייביק. 16 און איך וועל מאַכן
דײַן זאָמען אַזוי ווי שטויב פֿון דער ערד, אַז אויב עמיצער וועט
קענען ציילן דעם שטויב פֿון דער ערד, וועט אויך דײַן זאָמען געציילט
ווערן. 17 שטיי אויף, גיי דורכן לאַנד פֿאַר לענג און פֿאַר ברייט,
וואָרום צו דיר וועל איך עס געבן.

18 און אבֿרם האָט איבערגעטראָגן זײַן געצעלט, און ער איז געקומען
און האָט זיך באַזעצט בײַ די אייכנביימער פֿון מַמרֵא, וואָס אין
חֶברון; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה.

יד 1 און עס איז געווען אין די טעג פֿון אַמרָפֿל דעם מלך פֿון
שִׁנעָר, אַריאָך דעם מלך פֿון אֶלָסָר, כּדָרלעומֶר דעם מלך פֿון
עֵילָם, און תּדעָל דעם מלך פֿון גוֹיִם, 2 האָבן זיי געמאַכט אַ מלחמה
מיט ברַע דעם מלך פֿון סדום, און מיט ברשַע דעם מלך פֿון עַמורָה,
שִׁנאָב דעם מלך פֿון אַדמָה, און שֶמאבֶר דעם מלך פֿון צבוִים, און
דעם מלך פֿון בלַע, דאָס איז צוֹעַר. 3 די אַלע האָבן זיך צונויפֿגעחברט
אין טאָל שׂדים, דאָס איז דער יַם-הַמֶלַח. 4 צוועלף יאָר האָבן זיי
געדינט כּדָרלעומֶרן, און אויפֿן דרײַצנטן יאָר האָבן זיי
ווידערשפּעניקט. 5 און אויפֿן פֿערצנטן יאָר איז געקומען כּדָרלעומֶר
און די מלכים וואָס מיט אים, און זיי האָבן געשלאָגן די רפֿאים אין
עַשתּרות-קַרנַיִם, און די זוזים אין הָם, און די אֵימים אין שָוֵה-
קִריָתַיִם, 6 און די חורים אויף זייער באַרג שֵׂעִיר, ביז אֵיל-פּאָרָן וואָס
בײַם מדבר. 7 און זיי האָבן זיך אומגעקערט, און זײַנען געקומען קיין
עֵין-מִשפָּט, דאָס איז קָדֵש, און האָבן געשלאָגן דאָס גאַנצע פֿעלד פֿון
עַמָלֵק, און אויך דעם אֶמורי וואָס איז געזעסן אין חַצְצוֹן-תָּמָר. 8 איז
אַרויסגעגאַנגען דער מלך פֿון סדום, און דער מלך פֿון עַמורָה, און
דער מלך פֿון אַדמָה, און דער מלך פֿון צבוִים, און דער מלך פֿון בלַע,
דאָס איז צוֹעַר, און זיי האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה מיט זיי אין טאָל
שׂדים – 9 מיט כּדָרלעומֶר דעם מלך פֿון עֵילָם, און תּדעָל דעם מלך
פֿון גוֹיִם, און אַמרָפֿל דעם מלך פֿון שִׁנעָר, און אַריאָך דעם מלך פֿון
אֶלָסָר; די פֿיר מלכים אַקעגן די פֿינף. 10 און דער טאָל שׂדים איז
געווען גריבער אויף גריבער מיט ליים, און ווי די מלכים פֿון סדום
און עַמורָה זײַנען אַנטלאָפֿן, אַזוי זײַנען זיי אַהין אַרײַנגעפֿאַלן; און די
איבערגעבליבענע זײַנען אַנטלאָפֿן צום באַרג. 11 און יענע האָבן
צוגענומען דעם גאַנצן פֿאַרמעג פֿון סדום און עַמורָה, און דאָס
גאַנצע עסנוואַרג זייערס, און זײַנען אַוועקגעגאַנגען. 12 און זיי האָבן
צוגענומען לוט, דעם זון פֿון אַבֿרמס ברודער, וואָס איז געזעסן אין
סדום, און זײַן פֿאַרמעג, און זײַנען אַוועקגעגאַנגען. 13 איז געקומען
אַן אַנטרונענער, און האָט אָנגעזאָגט אַבֿרם דעם עִברי; און ער האָט
געוווינט בײַ די אייכנביימער פֿון מַמרֵא דעם אֶמורי, דעם ברודער פֿון
אֶשכּול, און דעם ברודער פֿון עָנֵרן; און זיי זײַנען געווען בונדסלײַט
פֿון אַבֿרמען. 14 און ווי אַבֿרם האָט געהערט אַז זײַן אייגענער איז
געפֿאַנגען געוואָרן, אַזוי האָט ער אַרויסגעפֿירט זײַנע אײַנגעלערנטע,
געבאָרענע אין זײַן הויז, דרײַ הונדערט און אַכצן, און ער האָט
נאָכגעיאָגט ביז דָן. 15 און ער האָט זיך צעטיילט אַקעגן זיי בײַ נאַכט,
ער און זײַנע קנעכט, און ער האָט זיי געשלאָגן און זיי נאָכגעיאָגט

ביז חובֿה וואָס לינקס פֿון דַמֶשֶׂק. 16 און ער האָט צוריקגעבראַכט
דעם גאַנצן פֿאַרמעג, און אויך לוט זײַן אייגענעם און זײַן פֿאַרמעג
האָט ער צוריקגעבראַכט, און אויך די ווײַבער, און דאָס פֿאָלק.

17 איז דער מלך פֿון סדום אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, נאָכדעם
ווי ער האָט זיך אומגעקערט פֿון שלאָגן כְּדָרלעומֶרן, און די מלכים
וואָס מיט אים, אין טאָל שָוֵה, דאָס איז דעם מלכס טאָל. 18 און
מַלכּי-צֶדֶק דער מלך פֿון שָלֵם האָט אַרויסגעטראָגן ברויט און ווײַן;
און ער איז געווען אַ כֹּהן צו דעם העכסטן גאָט. 19 און ער האָט אים
געבענטשט, און האָט געזאָגט: געבענטשט זאָל זײַן אבֿרם פֿון דעם
העכסטן גאָט, דעם באַשעפֿער פֿון הימל און ערד. 20 און געבענטשט
זאָל זײַן דער העכסטער גאָט וואָס האָט איבערגעענטפֿערט דײַנע
פֿײַנט אין דײַן האַנט. – און ער האָט אים געגעבן מעשׂר פֿון
אַלצדינג.

21 און דער מלך פֿון סדום האָט געזאָגט צו אבֿרמען: גיב מיר די
נפֿשות, און דעם פֿאַרמעג נעם דיר. 22 האָט אבֿרם געזאָגט צו דעם
מלך פֿון סדום: איך הייב אויף מײַן האַנט צו יהוה דעם העכסטן גאָט,
דעם באַשעפֿער פֿון הימל און ערד, 23 אויב אַ פֿאָדים אָדער אַ
שוכבענדל! אָדער אויב איך וועל נעמען פֿון עפּעס וואָס איז דײַנס!
כּדי זאָלסט ניט זאָגן: איך האָב רײַך געמאַכט אבֿרמען. 24 ניט מיר!
נאָר וואָס די יונגען האָבן געגעסן, און דעם חלק פֿון די מענטשן
וואָס זײַנען געגאַנגען מיט מיר, עָנֵר, אֶשכּול, און מַמרֵא; זיי מעגן
נעמען זייער חלק.

## טו

1 נאָך די דאָזיקע געשעענישן איז דאָס וואָרט פֿון גאָט
געווען צו אבֿרמען אין אַ זעונגען, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט
מורא האָבן, אבֿרם, איך בין דיר אַ שילד; דײַן שׂכר איז זייער גרויס. 2
האָט אבֿרם געזאָגט: גאָט דו האַר, וואָס קענסטו מיר געבן, אַז איך
גיי אַוועק אָן אַ קינד, און דער ווירטשאַפֿטער פֿון מײַן הויז איז דער
דַמֶשֶׂקער אֱליעֶזֶר? 3 און אבֿרם האָט געזאָגט: זע, האָסט מיר קיין
זאָמען ניט געגעבן, און אָט וועט אַ זון פֿון מײַן הויזגעזינט מיך
ירשען. 4 ערשט דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו אים, אַזוי צו
זאָגן: ניט דער דאָזיקער וועט דיך ירשען, נאָר דער וואָס וועט

אַרויסגיין פֿון דײַנע אינגעווייד, ער וועט דיך ירשען. 5 און ער האָט
אים אַרויסגעפֿירט דרויסן, און האָט געזאָגט: טו אַקאָרשט אַ קוק
אויפֿן הימל, און צייל די שטערן, אויב דו קענסט זיי איבערציילן. און
ער האָט צו אים געזאָגט: אַזוי וועט זײַן דײַן זאָמען. – 6 און ער האָט
געגלויבט אין גאָט, און ער האָט עס אים גערעכנט פֿאַר אַ
גערעכטיקייט.

7 און ער האָט צו אים געזאָגט: איך בין יהוה וואָס האָט דיך
אַרויסגעצויגן פֿון אור-כַּשׂדים, דיר צו געבן דאָס דאָזיקע לאַנד, עס
צו אַרבן. 8 האָט ער געזאָגט: גאָט דו האַר, מיט וואָס וועל איך וויסן
אַז איך וועל עס אַרבן? 9 האָט ער צו אים געזאָגט: נעם מיר אַ
דרײַיאָריקע קו, און אַ דרײַיאָריקע ציג, און אַ דרײַיאָריקן ווידער, און
אַ טורטלטויב, און אַ יונגע טויב. 10 האָט ער אים גענומען די אַלע,
און האָט זיי איבערגעשניטן אין מיטן, און אַוועקגעלייגט איין העלפֿט
קעגן דער אַנדערער; נאָר די פֿויגלען האָט ער ניט איבערגעשניטן. 11
האָבן די רויבפֿויגלען אַראָפּגענידערט אויף די פּגרים, אָבער אבֿרם
האָט זיי אָפּגעטריבן.

12 און ווי די זון איז געווען בײַם אונטערגיין, אַזוי איז אַ טיפֿער
שלאָף געפֿאַלן אויף אבֿרמען; ערשט אַן אימה, אַ גרויס פֿינצטערניש,
פֿאַלט אָן אויף אים. 13 און ער האָט געזאָגט צו אבֿרמען: וויסן
זאָלסטו וויסן זײַן אַז דײַנע קינדער וועלן זײַן פֿרעמדע אין אַ לאַנד
וואָס ניט זייערס, און מע וועט זיי פֿאַרקנעכטן, און מע וועט זיי
פּײַניקן פֿיר הונדערט יאָר. 14 און אויך דאָס פֿאָלק וועמען זיי וועלן
דינען, וועל איך משפּטן; און דערנאָך וועלן זיי אַרויסגיין מיט גרויס
פֿאַרמעג. 15 דו אָבער וועסט קומען צו דײַנע עלטערן בשלום; אין אַ
גוטער עלטער וועסטו באַגראָבן ווערן. 16 און ערשט אין פֿירטן דור
וועלן זיי זיך אומקערן אַהער, וואָרום די זינד פֿון דעם אֶמורי וועט
ניט זײַן פֿאַרפֿולט ביז דענצמאָל.

17 און עס איז געווען, ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, און עס איז
געוואָרן שטאָקפֿינצטער, ערשט אַן אויוון מיט רויך, און אַ
פֿלאַמפֿײַער וואָס איז דורכגעגאַנגען צווישן די דאָזיקע שטיקער. 18
אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן אַ בונד מיט אבֿרמען, אַזוי צו
זאָגן: צו דײַן זאָמען האָב איך געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, פֿון דעם
טײַך פֿון מִצרַיִם ביז דעם גרויסן טײַך, דעם טײַך פּרָת; 19 דעם קֵינִי,

און דעם קנִזי, און דעם קַדמוני, 20 און דעם חִתּי, און דעם פּרִזי, און
די רפָאים, 21 און דעם אֶמורי, און דעם כּנַעֲני, און דעם גִרגָשי, און
דעם יבוסי.

# טז

1 און שָׂרַי, אבֿרמס ווײַב, האָט אים ניט געבאָרן קיין
קינדער; און זי האָט געהאַט אַ מִצרישע דינסט וואָס איר
נאָמען איז געווען הָגָר. 2 האָט שָׂרַי געזאָגט צו אבֿרמען: זע נאָר, גאָט
האָט מיך פֿאַרמיטן פֿון געבערן; קום, איך בעט דיך, צו מײַן דינסט,
אפֿשר וועל איך אויפֿגעריכט ווערן דורך איר. האָט אבֿרם צוגעהערט
צו דעם קול פֿון שָׂרַין. 3 און שָׂרַי, אבֿרמס ווײַב, האָט גענומען הָגָר די
מִצרית, איר דינסט, נאָכדעם ווי אבֿרם איז געזעסן אין לאַנד כּנַעַן
צען יאָר, און זי האָט זי געגעבן איר מאַן אבֿרמען פֿאַר אַ ווײַב צו
אים. 4 און ער איז געקומען צו הָגָרן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן;
און ווי זי האָט געזען אַז זי איז טראָגעדיק, אַזוי איז איר האַרינטע
גרינגעשאַצט געוואָרן אין אירע אויגן. 5 האָט שָׂרַי געזאָגט צו
אבֿרמען: מײַן עוולה אויף דיר! איך האָב געגעבן מײַן דינסט אין דײַן
בוזעם, און ווי זי האָט געזען אַז זי איז טראָגעדיק, אַזוי בין איך
גרינגעשאַצט געוואָרן אין אירע אויגן; זאָל גאָט משפּטן צווישן מיר
און צווישן דיר. 6 האָט אבֿרם געזאָגט צו שָׂרַין: אָט איז דײַן דינסט
אין דײַן האַנט, טו מיט איר וואָס איז גוט אין דײַנע אויגן. און שָׂרַי
האָט זי געפּײַניקט, און זי איז אַנטלאָפֿן פֿון איר.

7 האָט אַ מלאך פֿון גאָט זי געפֿונען בײַ אַ קוואַל וואַסער אין דער
מדבר, בײַ דעם קוואַל אויפֿן וועג קיין שור. 8 און ער האָט געזאָגט:
הָגָר, שָׂרַיס דינסט, פֿון וואַנען קומסטו, און וווּהין גייסטו? האָט זי
געזאָגט: פֿון מײַן האַרינטע שָׂרַין אַנטלויף איך. 9 האָט דער מלאך פֿון
גאָט צו איר געזאָגט: קער זיך אום צו דײַן האַרינטע, און בייג זיך
אונטער אירע הענט. 10 און דער מלאך פֿון גאָט האָט צו איר
געזאָגט: מערן וועל איך מערן דײַן זאָמען, און ער וועט ניט קענען
געציילט ווערן פֿון פֿילקייט. 11 און דער מלאך פֿון גאָט האָט צו איר
געזאָגט: זע, דו ביסט טראָגעדיק, און געבערסט אַ זון, זאָלסטו רופֿן
זײַן נאָמען יִשמָעֵאל, ווײַל גאָט האָט צוגעהערט דײַן פּײַן. 12 און ער
וועט זײַן אַ מענטש אַ וואַלדאייזל: זײַן האַנט וועט זײַן אַקעגן

אַלעמען, און אַלעמענס האַנט וועט זײַן אַקעגן אים; און אין געזיכט
פֿון אַלע זײַנע ברידער וועט ער וווינען.

13 האָט זי גערופֿן דעם נאָמען פֿון יהוה וואָס האָט צו איר גערעדט
«דו ביסט דער גאָט פֿון זעונגען»; וואָרום זי האָט געזאָגט: ניט-שוין
האָב איך דאָ געזען דעם וואָס זעט מיך? 14 דרום האָט מען גערופֿן
דעם ברונעם באֵר-לַחַי-רואי; ער איז צווישן קָדֵש און צווישן בָּרֶד.

15 און הָגָר האָט געבאָרן אַבֿרמען אַ זון, און אַבֿרם האָט גערופֿן דעם
נאָמען פֿון זײַן זון וואָס הָגָר האָט געבאָרן, ישמָעֵאל. 16 און אַבֿרם
איז געווען זעקס און אַכציק יאָר אַלט, ווען הָגָר האָט געבאָרן
ישמָעֵאלן צו אַבֿרמען.

יז 1 און אַז אַבֿרם איז אַלט געווען נײַן און נײַנציק יאָר, האָט זיך
יהוה באַוויזן צו אַבֿרמען, און האָט צו אים געזאָגט: איך בין
גאָט שַדַי; גיי פֿאַר מיר, און זײַ ערלעך. 2 און איך וועל מאַכן מײַן
בונד צווישן מיר און צווישן דיר, און איך וועל דיך מערן זייער און
זייער. 3 איז אַבֿרם געפֿאַלן אויף זײַן פּנים, און גאָט האָט מיט אים
גערעדט, אַזוי צו זאָגן: 4 איך – זע, מײַן בונד וועט זײַן מיט דיר, און
וועסט זײַן דער פֿאָטער פֿון אַ סך פֿעלקער. 5 און דײַן נאָמען זאָל
מער ניט גערופֿן ווערן אַבֿרם, נאָר דײַן נאָמען זאָל זײַן אַבֿרהָם;
וואָרום פֿאַר דעם פֿאָטער פֿון אַ סך פֿעלקער האָב איך דיך געמאַכט.
6 און איך וועל דיך פֿרוכפּערן זייער און זייער, און איך וועל דיך מאַכן
פֿאַר פֿעלקער, און מלכים וועלן אַרויסגיין פֿון דיר. 7 און איך וועל
אויפֿשטעלן מײַן בונד צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן דײַן
זאָמען נאָך דיר, אויף זייערע דור-דורות, פֿאַר אַן אייביקן בונד, צו
זײַן דיר צום גאָט און דײַן זאָמען נאָך דיר. 8 און איך וועל געבן דיר
און דײַן זאָמען נאָך דיר דאָס לאַנד פֿון דײַן וווינשאַפֿט, דאָס גאַנצע
לאַנד כּנַעַן, פֿאַר אַן אייביקן אייגנטום; און איך וועל זיי זײַן צום גאָט.
9 און גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרהמען: דו אָבער זאָלסט היטן מײַן
בונד, דו און דײַן זאָמען נאָך דיר, אויף זייערע דור-דורות. 10 דאָס
איז מײַן בונד וואָס איר זאָלט היטן צווישן מיר און צווישן אײַך, און
צווישן דײַן זאָמען נאָך דיר: בײַ אײַך זאָל געמַלט ווערן איטלעכער
מאַנספּאַרשוין. 11 און איר זאָלט געמַלט ווערן אין דעם פֿלייש פֿון

אײַער פֿאָרהויט, און עס וועט זײַן פֿאַר אַ צייכן פֿון בונד צווישן מיר
און צווישן אײַך. 12 און צו אַכט טעג זאָל געמַלט ווערן בײַ אײַך
איטלעכער מאַנספּאַרשוין אויף אײַערע דור-דורות, געבאָרן אין הויז,
אָדער געקויפֿט פֿאַר געלט פֿון עמיץ אַ פֿרעמדן וואָס איז ניט פֿון דײַן
זאָמען. 13 געמַלט מוז געמַלט ווערן דער וואָס איז געבאָרן אין דײַן
הויז, און דער וואָס איז געקויפֿט פֿאַר דײַן געלט; און מײַן בונד זאָל
זײַן אין אײַער פֿלייש פֿאַר אַן אייביקן בונד. 14 און אַן
אומבאַשניטענער מאַנספּאַרשוין וואָס וועט זיך ניט מַלן אין דעם
פֿלייש פֿון זײַן פֿאָרהויט, יענע זעל זאָל פֿאַרשניטן ווערן פֿון איר
פֿאָלק; מײַן בונד האָט ער פֿאַרשטערט.

15 און גאָט האָט געזאָגט צו אבֿרהמען: דײַן ווײַב שָׂרַין זאָלסטו ניט
רופֿן מיט איר נאָמען שָׂרַי, נײַערט שָׂרָה זאָל זײַן איר נאָמען. 16 און
איך וועל זי בענטשן, און וועל דיר אויך געבן פֿון איר אַ זון; יאָ, איך
וועל זי בענטשן, און פֿעלקער וועלן ווערן פֿון איר; מלכים פֿון אומות
וועלן זײַן פֿון איר. 17 איז אבֿרהם געפֿאַלן אויף זײַן פּנים, און ער
האָט געלאַכט, און געזאָגט בײַ זיך אין האַרצן: קען בײַ אַ מאַן פֿון
הונדערט יאָר געבאָרן ווערן? און קען שׂרה צו נײַנציק יאָר געבערן?
18 און אבֿרהם האָט געזאָגט צו גאָט: הלוואַי זאָל יִשמָעֵאל לעבן
פֿאַר דיר! 19 האָט גאָט געזאָגט: פֿאַר וואָר, דײַן ווײַב שׂרה וועט דיר
געבערן אַ זון, און זאָלסט רופֿן זײַן נאָמען יצחק; און איך וועל
אויפֿשטעלן מײַן בונד מיט אים פֿאַר אַן אייביקן בונד צו זײַן זאָמען
נאָך אים. 20 און וועגן יִשמָעֵאלן האָב איך דיך צוגעהערט; זע, איך
האָב אים געבענטשט, און איך וועל אים פֿרוכפּערן, און וועל אים
מערן זייער און זייער; צוועלף פֿירשטן וועט ער געבערן, און איך וועל
אים מאַכן פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק. 21 מײַן בונד אָבער וועל איך
אויפֿשטעלן מיט יצחקן, וואָס שׂרה וועט דיר געבערן צו דער צײַט
אויפֿן אַנדער יאָר.

22 און ווי ער האָט געענדיקט רעדן מיט אים, אַזוי האָט גאָט זיך
אויפֿגעהויבן פֿון איבער אבֿרהמען.

23 און אבֿרהם האָט גענומען זײַן זון יִשמָעֵאלן, און אַלע זײַנע
הויזגעבאָרענע, און אַלע זײַנע געקויפֿטע פֿאַר געלט, יעטוועדער
מאַנספּאַרשוין צווישן די הויזלײַט פֿון אבֿרהמען, און ער האָט געמַלט
דאָס פֿלייש פֿון זייער פֿאָרהויט אין דעם דאָזיקן אייגענעם טאָג, אַזוי

ווי גאָט האָט צו אים גערעדט. 24 און אבֿרהם איז געווען נײַן און
נײַנציק יאָר אַלט, ווען ער איז געמַלט געוואָרן אין דעם פֿלייש פֿון
זײַן פֿאָרהויט. 25 און זײַן זון יִשמָעֵאל איז געווען דרײַצן יאָר אַלט,
ווען ער איז געמַלט געוואָרן אין דעם פֿלייש פֿון זײַן פֿאָרהויט. 26 אין
דעם דאָזיקן אײגענעם טאָג איז געמַלט געוואָרן אבֿרהם און זײַן זון
יִשמָעֵאל. 27 און אַלע מאַנסלײַט פֿון זײַן הויז, געבאָרן אין הויז,
אָדער געקויפֿט פֿאַר געלט פֿון אַ פֿרעמדן, זײַנען געמַלט געוואָרן מיט
אים.

# וַיֵרָא

יח 1 און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים, בײַ די אײכנביימער פֿון
מַמרֵא, ווען ער איז געזעסן אין אײַנגאַנג פֿון זײַן געצעלט, אין
דער היץ פֿון טאָג. 2 און ער האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און האָט
דערזען, ערשט דרײַ מענער שטייען פֿאַר אים; און ווי ער האָט זיי
דערזען, אַזוי איז ער זיי געלאָפֿן אַנטקעגן פֿון דעם אײַנגאַנג פֿון
געצעלט, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד. 3 און ער האָט געזאָגט:
מײַן האַר, אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפֿונען לײַטזעליקייט אין
דײַנע אויגן, זאָלסטו, איך בעט דיך, ניט אַוועקגיין פֿון דײַן קנעכט. 4
לאָז געבראַכט ווערן אַ ביסל וואַסער, און וואַשט אײַערע פֿיס, און
לענט אײַך אָן אונטערן בוים. 5 און איך וועל ברענגען אַ שטיקל
ברויט, און איר וועט אונטערלענען אײַער האַרץ, דערנאָך וועט איר
גיין ווײַטער; אַזוי ווי איר זײַט שוין אַריבערגעקומען צו אײַער
קנעכט. האָבן זיי געזאָגט: טו אַזוי ווי דו האָסט גערעדט. 6 האָט
אבֿרהם געאײַלט אין געצעלט צו שׂרהן, און האָט געזאָגט: אײַל זיך!
דרײַ סְאָה זעמלמעל, פֿאַרקנעט און מאַך קוכנס. 7 און צו די רינדער
איז אבֿרהם געלאָפֿן, און האָט גענומען אַ יונג רינד, ווייך און פֿעט,
און געגעבן צום יונג; און ער האָט עס צוגעריכט אויף גיך. 8 און ער
האָט גענומען שמאַנט און מילך, און דאָס יונגע רינד וואָס ער האָט
צוגעריכט, און האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר זיי; און ער איז געשטאַנען
פֿאַר זיי אונטערן בוים, און זיי האָבן געגעסן. 9 האָבן זיי צו אים
געזאָגט: וווּ איז שׂרה דײַן ווײַב? האָט ער געזאָגט: אָט אין געצעלט.
10 האָט ער געזאָגט: אומקערן וועל איך זיך אומקערן אַזוי ווי איצט
איבער אַ יאָר, און זע, און שׂרה דײַן ווײַב וועט האָבן אַ זון. און שׂרה
האָט זיך אײַנגעהערט אין אײַנגאַנג פֿון געצעלט וואָס הינטער אים.

– 11 און אַבֿרהם און שׂרה זײַנען געווען באַטאָגטע זקנים; בײַ שׂרהן
האָט אויפֿגעהערט צו זײַן דער שטייגער ווי בײַ ווײַבער. – 12 און
שׂרה האָט געלאַכט אין זיך אַזוי צו זאָגן: נאָכדעם ווי איך בין אַלט
געוואָרן, זאָל איך נאָך האָבן תּענוג? דערצו איז מײַן האַר אַלט. 13
האָט גאָט געזאָגט צו אַבֿרהמען: פֿאַר וואָס האָט שׂרה געלאַכט, אַזוי
צו זאָגן: צי קען איך אין דער אמתן געבערן, אַז איך בין אַלט? 14 איז
דען אַ זאַך פֿאַרמיטן פֿון גאָט? צו דער באַשטימטער צײַט וועל איך
ווידערקערן צו דיר, אַזוי ווי איצט איבער אַ יאָר, און שׂרה וועט
האָבן אַ זון. 15 האָט שׂרה געלייקנט, אַזוי צו זאָגן: איך האָב ניט
געלאַכט; וואָרום זי האָט מורא געהאַט; און ער האָט געזאָגט: ניין,
האָסט יאָ געלאַכט.

16 און די מענער זײַנען אויפֿגעשטאַנען פֿון דאָרטן, און האָבן
אַראָפּגעקוקט אויף סדום. און אַבֿרהם איז געגאַנגען מיט זיי, זיי צו
באַלייטן. 17 און גאָט האָט געזאָגט: זאָל איך פֿאַרדעקן פֿון אַבֿרהמען
וואָס איך וויל טאָן? 18 און אַבֿרהם וועט דאָך ווערן אַ גרויס און
מאַכטיק פֿאָלק, און אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד וועלן זיך בענטשן
מיט אים; 19 וואָרום איך האָב אים דערקענט, כּדי ער זאָל באַפֿעלן
זײַנע קינדער, און זײַן הויז נאָך אים, אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג פֿון
גאָט, צו טאָן רעכט און גערעכטיקייט, כּדי גאָט זאָל ברענגען אויף
אַבֿרהמען וואָס ער האָט גערעדט וועגן אים. 20 און גאָט האָט
געזאָגט: דאָס געשריי וועגן סדום און עַמורָה איז פֿאַר וואָר גרויס,
און זייער זינד איז פֿאַר וואָר זייער שווער. 21 לאָמיך אַקאָרשט
אַראָפּנידערן און זען, אויב זיי האָבן אין גאַנצן געטאָן אַזוי ווי דאָס
געשריי וואָס איז געקומען צו מיר; און אויב ניט, לאָמיך וויסן. 22 און
די מענער האָבן זיך פֿאַרקערט פֿון דאָרטן, און זײַנען געגאַנגען קיין
סדום; און אַבֿרהם איז נאָך אַלץ געשטאַנען פֿאַר גאָט. 23 און
אַבֿרהם האָט גענענט און האָט געזאָגט: ניט-שוין וועסטו
אומברענגען דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן? 24 טאָמער זײַנען
דאָ פֿופֿציק אומשולדיקע אין דער שטאָט, ניט-שוין וועסטו זיי
אומברענגען, און וועסט ניט פֿאַרגעבן דעם אָרט פֿון וועגן די פֿופֿציק
אומשולדיקע וואָס אין איר? 25 חלילה דיר צו טאָן אַזאַ זאַך, צו
טייטן דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן, אַז דער אומשולדיקער
זאָל זײַן אַזוי ווי דער שולדיקער; חלילה דיר! זאָל דער ריכטער פֿון
דער גאַנצער ערד ניט טאָן גערעכטיקייט? 26 האָט גאָט געזאָגט:
אויב איך וועל געפֿינען אין סדום פֿופֿציק אומשולדיקע אין דער

שטאָט, וועל איך פֿאַרגעבן דעם גאַנצן אָרט פֿון זייערטוועגן. 27 האָט
זיך אָפּגערופֿן אבֿרהם און האָט געזאָגט: זע, איך בעט דיך, איך
אונטערשטיי מיך צו רעדן צו מײַן האַר, הגם איך בין שטויב און אַש.
28 טאָמער וועלן פֿעלן פֿון די פֿופֿציק אומשולדיקע פֿינף, וועסטו פֿון
וועגן די פֿינף צעשטערן די גאַנצע שטאָט? האָט ער געזאָגט: איך
וועל ניט צעשטערן, אויב איך וועל דאָרטן געפֿינען פֿינף און פֿערציק.
29 און ער האָט ווידער אַ מאָל צו אים גערעדט, און האָט געזאָגט:
טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפֿינען פֿערציק? האָט ער געזאָגט: איך
וועל עס ניט טאָן פֿון וועגן די פֿערציק. 30 האָט ער געזאָגט: זאָל,
איך בעט דיך, מײַן האַר ניט פֿאַרדריסן, און איך וועל רעדן: טאָמער
וועלן זיך דאָרטן געפֿינען דרײַסיק? האָט ער געזאָגט: איך וועל עס
ניט טאָן, אויב איך וועל דאָרטן געפֿינען דרײַסיק. 31 האָט ער
געזאָגט: זע, איך בעט דיך, איך אונטערשטיי מיך צו רעדן צו מײַן
האַר: טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפֿינען צוואַנציק? האָט ער געזאָגט:
איך וועל ניט צעשטערן פֿון וועגן די צוואַנציק. 32 האָט ער געזאָגט:
זאָל, איך בעט דיך, מײַן האַר ניט פֿאַרדריסן, און איך וועל רעדן נאָר
דאָס מאָל: טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפֿינען צען? האָט ער געזאָגט:
איך וועל ניט צעשטערן פֿון וועגן די צען.

33 און גאָט איז אַוועקגעגאַנגען, ווען ער האָט געענדיקט רעדן צו
אבֿרהמען; און אבֿרהם האָט זיך אומגעקערט צו זײַן אָרט.

## יט

1 און די צוויי מלאָכים זײַנען געקומען קיין סדום אין אָוונט;
און לוט איז געזעסן אין טויער פֿון סדום. און לוט האָט זיי
דערזען, און ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט זיי אַנטקעגן, און האָט זיך
געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד. 2 און ער האָט צו זיי געזאָגט: זעט,
איך בעט אײַך, מײַנע האַרן, קערט אײַן אין הויז פֿון אײַער קנעכט
אויף איבער נאַכט, און וואַשט אײַערע פֿיס; און איר וועט זיך
פֿעדערן, און וועט גיין אויף אײַער וועג. האָבן זיי געזאָגט: ניין,
נײַערט אויף דער גאַס וועלן מיר נעכטיקן. 3 איז ער זייער
צוגעשטאַנען צו זיי, און זיי האָבן אײַנגעקערט צו אים, און זײַנען
אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן הויז, און ער האָט פֿאַר זיי געמאַכט אַ
מאָלצײַט, און געבאַקן אומגעזײַערטע קוכנס, און זיי האָבן געגעסן.

4 איידער נאָך זיי האָבן זיך געלייגט, האָבן די מענטשן פֿון שטאָט, די
מענטשן פֿון סדום, אַרומגערינגלט דאָס הויז, פֿון יונג ביז אַלט, דאָס
גאַנצע פֿאָלק פֿון עק צו עק. 5 און זיי האָבן גערופֿן צו לוטן, און
האָבן צו אים געזאָגט: ווּ זייַנען די מענער וואָס זייַנען צו דיר
געקומען די נאַכט? ברענג זיי אַרויס צו אונדז, מיר זאָלן זיי
דערקענען. 6 איז לוט אַרויסגעגאַנגען צו זיי אין אייַנגאַנג, און די טיר
האָט ער פֿאַרשלאָסן הינטער זיך. 7 און ער האָט געזאָגט: איך בעט
אייַך, מייַנע ברידער, טוט ניט קיין שלעכטס. 8 אָט, איך בעט אייַך,
זייַנען בייַ מיר צוויי טעכטער וואָס ווייסן ניט פֿון קיין מאַן, לאָמיך זיי
אַרויסברענגען צו אייַך, און טוט מיט זיי ווי עס איז גוט אין אייַערע
אויגן, נאָר די דאָזיקע מענער זאָלט איר קיין זאַך ניט טאָן, אַזוי ווי זיי
זייַנען געקומען אין דעם שאָטן פֿון מייַן דאַך. 9 האָבן זיי געזאָגט: גיי
אַוועק! און זיי האָבן געזאָגט: געקומען איינער וווינען, און משפּטן
וויל ער משפּטן! אַצונד וועלן מיר זיך מיט דיר נאָך ערגער באַגיין
ווי מיט זיי. און זיי זייַנען זייער צוגעשטאַנען צו דעם מאַן, צו לוטן,
און האָבן געגענט אייַנצוברעכן די טיר. 10 האָבן די מענער
אויסגעשטרעקט זייער האַנט, און אַרייַנגעבראַכט לוטן צו זיך אין
הויז, און די טיר האָבן זיי פֿאַרשלאָסן. 11 און די לייַט וואָס בייַם
אייַנגאַנג פֿון הויז האָבן זיי געשלאָגן מיט בלינדקייט פֿון קליין ביז
גרויס, און זיי האָבן ניט געקענט געפֿינען דעם אייַנגאַנג. 12 און די
מענער האָבן געזאָגט צו לוטן: וועמען נאָך האָסטו דאָ? אַן איידים
אָדער דייַנע זין און דייַנע טעכטער, אָדער וועמען נאָר דו האָסט אין
דער שטאָט, פֿיר אַרויס פֿון דעם אָרט; 13 וואָרום מיר צעשטערן
דעם דאָזיקן אָרט, ווייַל דאָס געשריי וועגן זיי איז גרויס פֿאַר גאָט,
און גאָט האָט אונדז געשיקט זי צו צעשטערן.

14 איז לוט אַרויסגעגאַנגען, און האָט גערעדט צו זייַנע איידימס, די
וואָס האָבן גענומען זייַנע טעכטער, און ער האָט געזאָגט: שטייט
אויף, גייט אַרויס פֿון דעם דאָזיקן אָרט, וואָרום גאָט צעשטערט די
שטאָט. און ער איז געווען ווי איינער וואָס מאַכט שפּאַס אין די אויגן
פֿון זייַנע איידימס.

15 און ווי דער פֿרימאָרגן איז אויפֿגעגאַנגען, אַזוי האָבן די מלאָכים
געאייַלט לוטן, אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף, נעם דייַן ווייַב, און דייַנע
צוויי טעכטער וואָס געפֿינען זיך דאָ, כּדי זאָלסט ניט אומגעבראַכט
ווערן דורך דער זינד פֿון דער שטאָט. 16 און אַז ער האָט געזאַמט,

האָבן די מענער אָנגענומען זײַן האַנט, און די האַנט פֿון זײַן ווײַב, און
די האַנט פֿון זײַנע צוויי טעכטער; פֿון וועגן גאָטס דערבאַרימונג אויף
אים. און זיי האָבן אים אַרויסגעפֿירט, און האָבן אים געלאָזט אויסן
שטאָט. 17 און עס איז געווען, ווי זיי האָבן אים אַרויסגעפֿירט
דרויסן, אַזוי האָט ער געזאָגט: אַנטרין מיט דײַן לעבן; זאָלסט זיך ניט
אומקוקן הינטער דיר, און זיך ניט אָפּשטעלן אין דער גאַנצער געגנט;
אַנטרין צום באַרג, כּדי זאָלסט ניט אומגעבראַכט ווערן. 18 האָט לוט
צו זיי געזאָגט: ניט אַזוי, איך בעט אײַך, מײַנע האַרן. 19 זע, איך בעט
דיך, דײַן קנעכט האָט געפֿונען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, און
האָסט געגרייסט דײַן חסד וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר, צו לאָזן
לעבן מײַן נפֿש; אָבער איך קען ניט אַנטרינען צום באַרג, וואָרום
דאָס בייז וועט מיך נאָך אָניאָגן, און איך וועל שטאַרבן. 20 אָן, איך
בעט דיך, איז יענע שטאָט, נאָנט אַהין צו אַנטלויפֿן, און זי איז אַ
קליינס; לאָמיך, איך בעט דיך, אַהין אַנטרינען – זי איז דאָך אַ קליינס
– און מײַן נפֿש וועט בלײַבן לעבן. 21 האָט ער צו אים געזאָגט: זע,
איך שוין דײַן פּנים אויך אין דער דאָזיקער זאַך, איך זאָל ניט
איבערקערן די שטאָט וואָס דו האָסט געזאָגט. 22 אײַל זיך, אַנטרין
אַהין, וואָרום איך קען ניט טאָן קיין זאַך, ביז דו קומסט אַהין. דרום
האָט מען גערופֿן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט צוער.

23 די זון איז געווען אויפֿגעגאַנגען אויף דער ערד, ווען לוט איז
אָנגעקומען קיין צוער. 24 און גאָט האָט געמאַכט רעגענען אויף
סדום און אויף עמורָה שוועבל און פֿײַער, פֿון גאָט, פֿון הימל. 25 און
ער האָט איבערגעקערט די דאָזיקע שטעט, און די גאַנצע געגנט, און
אַלע באַוווינער פֿון די שטעט, און די שפּראָצונג פֿון דער ערד. 26 און
זײַן ווײַב האָט זיך אומגעקוקט פֿון הינטער אים, און איז געוואָרן אַ
זײַל זאַלץ.

27 און אבֿרהם האָט זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי צו דעם אָרט וואָס
ער איז דאָרטן געשטאַנען פֿאַר גאָט. 28 און ער האָט אַראָפּגעקוקט
אויף סדום און עמורָה, און אויף דעם גאַנצן לאַנד פֿון דער געגנט,
און ער האָט געזען, ערשט דער רויך פֿון לאַנד גייט אויף אַזוי ווי דער
רויך פֿון אַ קאַלכאויוון.

29 אַזוי איז געשען, ווען גאָט האָט צעשטערט די שטעט פֿון דער
געגנט, אַז גאָט האָט געדאַכט אָן אבֿרהמען, און האָט אַרויסגעשיקט

לוטן פֿון מיטן פֿון דער איבערקערעניש בײַם איבערקערן די שטעט
וואָס לוט איז אין זיי געזעסן.

30 און לוט איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון צוער, און האָט זיך באַזעצט
אויפֿן באַרג, און זײַנע צוויי טעכטער מיט אים; וואָרום ער האָט
מורא געהאַט צו זיצן אין צוער; און ער איז געזעסן אין אַ הייל, ער
און זײַנע צוויי טעכטער. 31 האָט די עלטערע געזאָגט צו דער
ייִנגערער: אונדזער פֿאָטער איז אַלט, און קיין מאַן איז ניטאָ אויף
דער ערד צו קומען צו אונדז, אַזוי ווי דער שטייגער פֿון דער גאַנצער
ערד. 32 קום, לאָמיר אָנטרינקען אונדזער פֿאָטער מיט ווײַן, און מיר
וועלן ליגן מיט אים, און מיר וועלן אויפֿהאַלטן פֿון אונדזער פֿאָטער
אַ זאָמען. 33 האָבן זיי אָנגעטרונקען זייער פֿאָטער מיט ווײַן אין
יענער נאַכט, און די עלטערע איז געקומען און איז געלעגן מיט איר
פֿאָטער; און ער האָט ניט געוווסט פֿון איר לייגן זיך אָדער פֿון איר
אויפֿשטיין. 34 און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט די עלטערע
געזאָגט צו דער ייִנגערער: זע, נעכטן בין איך געלעגן מיט מײַן
פֿאָטער; לאָמיר אים אָנטרינקען מיט ווײַן אויך די נאַכט, און קום דו
ליג מיט אים, און מיר וועלן אויפֿהאַלטן פֿון אונדזער פֿאָטער אַ
זאָמען. 35 האָבן זיי אויך אין יענער נאַכט אָנגעטרונקען זייער
פֿאָטער מיט ווײַן, און די ייִנגערע איז אויפֿגעשטאַנען און איז געלעגן
מיט אים; און ער האָט ניט געוווסט פֿון איר לייגן זיך אָדער פֿון איר
אויפֿשטיין.

36 און ביידע טעכטער פֿון לוטן זײַנען טראָגעדיק געוואָרן פֿון זייער
פֿאָטער. 37 און די עלטערע האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופֿן
זײַן נאָמען מואָב; דאָס איז דער פֿאָטער פֿון דעם הײַנטיקן מואָב. 38
און די ייִנגערע, זי אויך האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופֿן זײַן
נאָמען בן-עַמי; דאָס איז דער פֿאָטער פֿון די הײַנטיקע קינדער פֿון
עַמון.

כ 1 און אבֿרהם האָט אַוועקגעצויגן פֿון דאָרטן צום לאַנד פֿון
דרום, און ער האָט זיך באַזעצט צווישן קָדֵש און צווישן שור,
און האָט געוווינט אין גרָר.

2 און אבֿרהם האָט געזאָגט אויף זײַן ווײַב שׂרהן: זי איז מײַנע אַ
שוועסטער. האָט געשיקט אבֿימֶלֶך דער מלך פֿון גרָר, און האָט
צוגענומען שׂרהן. 3 איז גאָט געקומען צו אבֿימֶלֶכן אין אַ חלום פֿון
דער נאַכט, און האָט צו אים געזאָגט: זע, וועסט שטאַרבן פֿון וועגן
דער פֿרוי וואָס דו האָסט גענומען, וואָרום זי איז די ווײַב פֿון אַ מאַן.
4 און אבֿימֶלֶך האָט צו איר ניט גענענט און ער האָט געזאָגט: גאָט,
ווילסטו אויך אומשולדיק פֿאָלק הרגען? 5 האָט ער מיר ניט אַליין
געזאָגט: זי איז מײַנע אַ שוועסטער? און זי, אויך זי האָט געזאָגט: ער
איז מײַנער אַ ברודער. אין דער ערלעכקייט פֿון מײַן האַרצן און אין
דער ריינקייט פֿון מײַנע הענט האָב איך דאָס געטאָן. 6 האָט גאָט צו
אים געזאָגט אין חלום: יאָ, איך ווייס אַז אין דער ערלעכקייט פֿון דײַן
האַרצן האָסטו דאָס געטאָן, און איך האָב דיך אויך געוואָלט
פֿאַרמײַדן פֿון זינדיקן צו מיר, דרום האָב איך דיך ניט געלאָזט זיך
צורירן צו איר. 7 און אַצונד, קער אום די ווײַב פֿון דעם מאַן, וואָרום
ער איז אַ נביא, און ער וועט מתפלל זײַן פֿאַר דיר, און וועסט בלײַבן
לעבן; אויב אָבער דו קערסט זי ניט אום, זײַ וויסן אַז שטאַרבן
וועסטו שטאַרבן, דו און אַלע וואָס געהערן צו דיר.

8 האָט אבֿימֶלֶך זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און האָט צונויפֿגערופֿן
אַלע זײַנע קנעכט, און האָט גערעדט אַלע די דאָזיקע ווערטער אין
זייערע אויערן, און די מענטשן האָבן זייער מורא געהאַט. 9 און
אבֿימֶלֶך האָט גערופֿן אבֿרהמען, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס
האָסטו אונדז געטאָן? און וואָס האָב איך געזינדיקט אַקעגן דיר,
וואָס דו האָסט געבראַכט אויף מיר און אויף מײַן קיניגרײַך אַזאַ
גרויסע זינד? מעשׂים וואָס ווערן ניט געטאָן, האָסטו געטאָן צו מיר.
10 און אבֿימֶלֶך האָט געזאָגט צו אבֿרהמען: וואָס האָסטו אײַנגעזען,
אַז דו האָסט געטאָן די דאָזיקע זאַך?

11 האָט אבֿרהם געזאָגט: ווײַל איך האָב געקלערט: פֿאַר וואָר, קיין
מורא פֿאַר גאָט איז ניטאָ אין דעם דאָזיקן אָרט, און זיי וועלן מיך
הרגען פֿון וועגן מײַן ווײַב. 12 און זי איז אויך אין דער אמתן מײַנע אַ
שוועסטער, די טאָכטער פֿון מײַן פֿאָטער, נאָר ניט די טאָכטער פֿון

מײַן מוטער; דרום איז זי מיר געוואָרן פֿאַר אַ ווײַב. 13 און עס איז
געווען, אַז גאָט האָט מיך פֿאַרוואָגלט פֿון מײַן פֿאָטערס הויז, האָב
איך צו איר געזאָגט: דאָס זאָל זײַן דײַן חסד וואָס דו זאָלסט טאָן
מיט מיר: אין איטלעכן אָרט, וואָס מיר וועלן אַהין קומען, זאָג אויף
מיר: ער איז מײַנער אַ ברודער.

14 האָט אבֿימֶלֶך גענומען שאָף און רינדער, און קנעכט און דינסטן,
און האָט געגעבן אבֿרהמען, און ער האָט אים אומגעקערט זײַן ווײַב
שׂרהן. 15 און אבֿימֶלֶך האָט געזאָגט: אָט איז מײַן לאַנד פֿאַר דיר; ווּ
עס איז גוט אין דײַנע אויגן, באַזעץ זיך. 16 און צו שׂרהן האָט ער
געזאָגט: אָט האָב איך געגעבן דײַן ברודער טויזנט זילבערשטיק; זע,
דאָס איז דיר אַ צודעק פֿאַר די אויגן אַקעגן אַלע וואָס מיט דיר; און
פֿאַר אַלעמען ביסטו גערעכטפֿאַרטיקט.

17 און אבֿרהם האָט מתפלל געווען צו גאָט, און גאָט האָט געהיילט
אבֿימֶלֶכן, און זײַן ווײַב, און זײַנע דינסטן, און זיי האָבן געבאָרן. 18
וואָרום פֿאַרשלאָסן האָט גאָט געהאַט פֿאַרשלאָסן יעטווידער
טראַכט פֿון אבֿימֶלֶכס הויז פֿון וועגן שׂרה, אבֿרהמס ווײַב.

# כא

1 און גאָט האָט געדאַכט אָן שׂרהן, אַזוי ווי ער האָט
געזאָגט, און גאָט האָט געטאָן צו שׂרהן אַזוי ווי ער האָט
גערעדט. 2 און שׂרה איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן
אבֿרהמען אַ זון אויף זײַן עלטער, צו דער צײַט וואָס גאָט האָט אים
אָנגעזאָגט. 3 און אבֿרהם האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון זײַן זון וואָס
איז אים געבאָרן געוואָרן, וואָס שׂרה האָט אים געבאָרן, יִצחָק. 4 און
אבֿרהם האָט געמַלט זײַן זון יצחקן צו אַכט טעג, אַזוי ווי גאָט האָט
אים באַפֿוילן. 5 און אבֿרהם איז געווען הונדערט יאָר אַלט, ווען זײַן
זון יצחק איז אים געבאָרן געוואָרן.

6 און שׂרה האָט געזאָגט: אַ געלעכטער האָט מיר גאָט געמאַכט;
איטלעכער וואָס הערט עס, וועט לאַכן וועגן מיר. 7 און זי האָט
געזאָגט: ווער וואָלט געזאָגט אבֿרהמען: שׂרה וועט קינדער זייגן? אַז
איך וועל געבערן אַ זון אויף זײַן עלטער?

8 און דאָס קינד איז געוואַקסן, און איז אַנטוווינט געוואָרן, און
אבֿרהם האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייַט אין דעם טאָג וואָס יצחק
איז אַנטוווינט געוואָרן.

9 און שׂרה האָט געזען דעם זון פֿון הָגָר דער מִצרית, וואָס זי האָט
געבאָרן אבֿרהמען, ווי ער שפּילט זיך. 10 און זי האָט געזאָגט צו
אבֿרהמען: טרייַב אַרויס די דאָזיקע דינסט און איר זון, וואָרום דער
זון פֿון דער דאָזיקער דינסט וועט ניט ירשען מיט מייַן זון, מיט
יצחקן.

11 און די זאַך איז געווען זייער שלעכט אין די אויגן פֿון אבֿרהמען
פֿון וועגן זייַן זון. 12 האָט גאָט געזאָגט צו אבֿרהמען: זאָל ניט
שלעכט זייַן אין דייַנע אויגן איבער דעם יִינגל, און איבער דער
דינסט; אַלץ וואָס שׂרה זאָגט דיר, הער זיך אייַן צו איר קול, וואָרום
אויף יצחקן וועט גערופֿן ווערן דייַן זאָמען. 13 אָבער אויך דעם זון
פֿון דער דינסט וועל איך מאַכן פֿאַר אַ פֿאָלק, ווייַל ער איז דייַן
זאָמען.

14 האָט אבֿרהם זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און ער האָט גענומען
ברויט און אַ לאָגל וואַסער, און געגעבן צו הָגָרן – אַרויפֿגעטאָן אויף
איר אַקסל – און אויך דאָס קינד, און האָט זי אַוועקגעשיקט; און זי
איז אַוועקגעגאַנגען, און האָט אומגעבלאָנדזשעט אין דעם מדבר פֿון
באֵר-שֶבַע. 15 איז דאָס וואַסער אויסגעגאַנגען פֿון לאָגל, און זי האָט
אַוועקגעוואָרפֿן דאָס קינד אונטער איינעם פֿון די ביימלעך, 16 און זי
איז אַוועק און האָט זיך געזעצט אַקעגנאיבער פֿאַר אַ בויגנשאָס
ווייַט, וואָרום זי האָט געזאָגט: לאָמיך ניט זען ווי דאָס קינד
שטאַרבט. און זי איז געזעסן אַקעגנאיבער, און האָט אויפֿגעהויבן
איר קול און האָט געוויינט. 17 האָט גאָט געהערט דעם קול פֿון דעם
יִינגל, און אַ מלאך פֿון גאָט האָט גערופֿן צו הָגָרן פֿון הימל, און האָט
צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר, הָגָר? זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום
גאָט האָט צוגעהערט צו דעם קול פֿון דעם יִינגל אַוווּ ער איז דאָרט.
18 שטיי אויף, הייב אויף דעם יִינגל, און האַלט אים צו מיט דייַן
האַנט; וואָרום פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק וועל איך אים מאַכן.

19 און גאָט האָט אויפֿגעעפֿנט אירע אויגן, און זי האָט דערזען אַ
ברונעם וואַסער, און זי איז געגאַנגען און האָט אָנגעפֿילט דעם לאָגל
מיט וואַסער, און געגעבן טרינקען דעם ייִנגל.

20 און גאָט איז געווען מיטן ייִנגל, און ער איז אויפֿגעוואַקסן, און
איז געזעסן אין מדבר, און איז געווען אַ בויגנשיסער. 21 און ער איז
געזעסן אין מדבר פּאָרָן; און זײַן מוטער האָט אים גענומען אַ ווײַב
פֿון לאַנד מִצרַיִם.

22 און עס איז געווען אין יענער צײַט, האָט אבֿימֶלֶך און פּיכול דער
האַר פֿון זײַן חיל געזאָגט צו אבֿרהמען, אַזוי צו זאָגן: גאָט איז מיט
דיר אין אַלץ וואָס דו טוסט; 23 דרום שווער מיר דאָ אַצונד בײַ גאָט,
אויב דו וועסט פֿעלשן אָן מיר, אָדער אָן מײַן זון, אָדער אָן מײַן
אייניקל; אַזוי ווי דער חסד וואָס איך האָב געטאָן מיט דיר, זאָלסטו
טאָן מיט מיר, און מיט דעם לאַנד וואָס דו האָסט זיך אויפֿגעהאַלטן
דרינען.

24 האָט אבֿרהם געזאָגט: איך וועל שווערן. 25 אָבער אבֿרהם האָט
פֿאָרגעהאַלטן אבֿימֶלֶכן וועגן דעם ברונעם וואַסער, וואָס די קנעכט
פֿון אבֿימֶלֶכן האָבן געזזלט. 26 האָט אבֿימֶלֶך געזאָגט: איך ווייס ניט
ווער עס האָט געטאָן די דאָזיקע זאַך; וואָרום ניט דו האָסט מיר צו
מאָל דערציילט, און ניט איך האָב עס צו מאָל געהערט אַחוץ הײַנט.

27 האָט אבֿרהם גענומען שאָף און רינדער, און געגעבן אבֿימֶלֶכן,
און זיי האָבן ביידע געשלאָסן אַ בונד. 28 און אבֿרהם האָט
אַוועקגעשטעלט זיבן לעמער פֿון די שאָף באַזונדער. 29 האָט
אבֿימֶלֶך געזאָגט צו אבֿרהמען: וואָס זײַנען די דאָזיקע לעמער, וואָס
דו האָסט אַוועקגעשטעלט באַזונדער? 30 האָט ער געזאָגט: פֿאַר
וואָר, די זיבן לעמער מוסטו נעמען פֿון מײַן האַנט, כּדי דאָס זאָל מיר
זײַן צום עדות, אַז איך האָב געגראָבן דעם דאָזיקן ברונעם. 31 דרום
האָט מען גערופֿן יענעם אָרט באֵר-שֶׁבַע, ווײַל דאָרטן האָבן זיי ביידע
זיך געגעבן אַ שבועה.

32 אַזוי האָבן זיי געשלאָסן אַ בונד אין באֵר-שֶׁבַע; און אבֿימֶלֶך
און פּיכול דער האַר פֿון זײַן חיל זײַנען אויפֿגעשטאַנען, און האָבן זיך
אומגעקערט אין לאַנד פֿון די פּלִשתּים. 33 און ער האָט געפֿלאַנצט אַ

טאַמאַריסקנבוים אין באֵר-שֶבַע, און האָט דאָרטן גערופֿן צו דעם
נאָמען פֿון יהוה, דעם אייביקן גאָט.

34 און אבֿרהם האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין לאַנד פֿון די פּלִשתּים פֿיל
טעג.

# כב

1 און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט גאָט
געפּרוּווט אבֿרהמען, און האָט צו אים געזאָגט: אבֿרהם!
האָט ער געענטפֿערט: דאָ בין איך. 2 האָט ער געזאָגט: נעם דײַן זון,
דײַן אײנאײנציקן, וואָס דו האָסט ליב, יצחקן, און גײ דיר קײן לאַנד
מוריָה, און ברענג אים אויף דאָרטן פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער אויף
אײנעם פֿון די בערג וואָס איך וועל דיר זאָגן.

3 האָט אבֿרהם זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און ער האָט
אָנגעזאָטלט זײַן אײזל, און גענומען מיט זיך זײַנע צוויי יונגען, און
זײַן זון יצחקן; און ער האָט צעהאַקט דאָס האָלץ פֿאַרן
בראַנדאָפּפֿער, און ער איז אויפֿגעשטאַנען, און איז געגאַנגען צו דעם
אָרט וואָס גאָט האָט אים געזאָגט.

4 אויפֿן דריטן טאָג האָט אבֿרהם אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן, און האָט
דערזען דעם אָרט פֿון װײַטן. 5 און אבֿרהם האָט געזאָגט צו זײַנע
יונגען: בלײַבט אײַך דאָ מיטן אײזל, און איך און דער ייִנגל װעלן גײן
ביז אַהין, און מיר װעלן זיך בוקן, און זיך אומקערן צו אײַך.

6 און אבֿרהם האָט גענומען דאָס האָלץ פֿאַרן בראַנדאָפּפֿער, און
אַרױפֿגעטאָן אױף זײַן זון יצחקן, און ער האָט גענומען אין זײַן האַנט
דאָס פֿײַער און דעם שלאַכטמעסער, און זײ זײַנען בײדע געגאַנגען
באַנאַנד. 7 האָט יצחק זיך אָפּגערופֿן צו זײַן פֿאָטער אבֿרהמען, און
האָט געזאָגט: מײַן פֿאָטער! האָט ער געענטפֿערט: דאָ בין איך, מײַן
זון. האָט ער געזאָגט: אָט איז דאָס פֿײַער און דאָס האָלץ, און װוּ איז
דאָס לאַם פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער? 8 האָט אבֿרהם געזאָגט: גאָט װעט
זיך שוין זען אַ לאַם פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער, מײַן זון. און זײ זײַנען
בײדע געגאַנגען באַנאַנד.

9 און זיי זײַנען געקומען צו דעם אָרט וואָס גאָט האָט אים געזאָגט;
און אַבֿרהם האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח, און האָט אויסגעלייגט
דאָס האָלץ, און ער האָט געבונדן זײַן זון יצחקן, און אים
אַרויפֿגעטאָן אויפֿן מזבח, איבערן האָלץ. 10 און אַבֿרהם האָט
אויסגעשטרעקט זײַן האַנט, און האָט גענומען דעם שלאַכטמעסער
צו שעכטן זײַן זון.

11 האָט אַ מלאך פֿון גאָט גערופֿן צו אים פֿון הימל, און האָט
געזאָגט: אַבֿרהם! אַבֿרהם! האָט ער געענטפֿערט: דאָ בין איך. 12
האָט ער געזאָגט: זאָלסט ניט אויסשטרעקן דײַן האַנט אויפֿן ייִנגל,
און זאָלסט אים גאָרנישט טאָן; וואָרום אַצונד ווייס איך אַז דו ביסט
גאָטספֿאָרכטיק, אַז דו האָסט ניט פֿאַרמיטן דײַן זון, דײַן
איינאיינציקן, פֿון מיר.

13 האָט אַבֿרהם אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן, און האָט דערזען ערשט
הינטן האָט אַ ווידער זיך אײַנגעדרייט אין אַ געצווײַג מיט זײַנע
הערנער. איז אַבֿרהם געגאַנגען, און האָט גענומען דעם ווידער, און
האָט אים אויפֿגעבראַכט פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער אָנשטאָט זײַן זון. 14
און אַבֿרהם האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון יענעם אָרט יהוה-יִראֶה;
אַזוי ווי עס ווערט נאָך הײַנט געזאָגט: אויף דעם באַרג פֿון יהוה
ווערט געזען.

15 און דער מלאך פֿון גאָט האָט גערופֿן צו אַבֿרהמען אַ צווייט מאָל
פֿון הימל, 16 און האָט געזאָגט: איך שווער בײַ זיך, זאָגט גאָט, אַז
ווײַל דו האָסט געטאָן די דאָזיקע זאַך, און האָסט ניט פֿאַרמיטן דײַן
זון, דײַן איינאיינציקן, 17 איז, בענטשן וועל איך דיך בענטשן, און
מערן וועל איך מערן דײַן זאָמען אַזוי ווי די שטערן פֿון הימל, און
אַזוי ווי דער זאַמד וואָס אויפֿן ברעג פֿון ים; און דײַן זאָמען וועט
אַרבן דעם טויער פֿון זײַנע פֿײַנט. 18 און בענטשן וועלן זיך מיט דײַן
זאָמען אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד, דערפֿאַר וואָס דו האָסט
צוגעהערט צו מײַן קול.

19 און אַבֿרהם האָט זיך אומגעקערט צו זײַנע יונגען, און זיי זײַנען
אויפֿגעשטאַנען, און זײַנען געגאַנגען באַנאַנד קיין באֵר-שֶבַע. און
אַבֿרהם איז געבליבן אין באֵר-שֶבַע.

20 און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, איז אָנגעזאָגט
געוואָרן אבֿרהמען, אַזוי צו זאָגן: זע, מִלכָּה, זי אויך האָט געבאָרן זין
צו דײַן ברודער נָחורן: 21 עוץ זײַן בכור, און בוז זײַן ברודער, און
קמואֵל דעם פֿאָטער פֿון אַרָם, און 22 כֶּשֶׂדן, און חַזון, און פִּלדָשן,
און יִדלָפֿן, און בתואֵלן. 23 און בתואֵל האָט געבאָרן רבקהן. די
דאָזיקע אַכט האָט מִלכָּה געבאָרן צו נָחור, אבֿרהמס ברודער. 24 און
זײַן קעפּסווײַב וואָס איר נאָמען איז געווען רְאומָה, זי אויך האָט
געבאָרן טֶבַחן, און גַחמען, און תַּחַשן, און מַעֲכָהן.

# חַיֵי שָׂרָה

כג 1 און דאָס לעבן פֿון שׂרהן איז געווען הונדערט און זיבן יאָר
און צוואַנציק יאָר; דאָס זײַנען געווען די יאָרן פֿון שׂרהס
לעבן. 2 און שׂרה איז געשטאָרבן אין קִרְיַת-אַרבע, דאָס איז חֶברון,
אין לאַנד כּנַעַן. און אבֿרהם איז געקומען צו קלאָגן אויף שׂרהן און זי
צו באַוויינען.

3 און אבֿרהם איז אויפֿגעשטאַנען פֿון פֿאַר זײַן טויטן, און ער האָט
גערעדט צו די קינדער פֿון חֵת, אַזוי צו זאָגן: 4 אַ פֿרעמדער אָבער אַ
תּושב בין איך בײַ אײַך, גיט מיר אַ קבֿר-אייגנטום בײַ אײַך, און איך
וועל באַגראָבן מײַן טויטן פֿון פֿאַר מיר.

5 האָבן די קינדער פֿון חֵת געענטפֿערט אבֿרהמען, אים אַזוי צו זאָגן:
6 הער אונדז צו, מײַן האַר, אַ געטלעכער פֿירשט ביסטו צווישן
אונדז; אין דעם געקליבנסטן פֿון אונדזערע קבֿרים באַגראָב דײַן
טויטן; קיינער פֿון אונדז וועט ניט פֿאַרמײַדן זײַן קבֿר פֿון דיר, אויף
צו באַגראָבן דײַן טויטן.

7 איז אבֿרהם אויפֿגעשטאַנען, און האָט זיך געבוקט צו דעם פֿאָלק
פֿון לאַנד, צו די קינדער פֿון חֵת. 8 און ער האָט צו זיי גערעדט, אַזוי
צו זאָגן: אויב עס איז אײַער ווילן צו באַגראָבן מײַן טויטן פֿון פֿאַר
מיר, הערט מיך צו, און בעט פֿאַר מיר בײַ עֶפֿרון דעם זון פֿון צוחַרן,
9 ער זאָל מיר געבן די הייל פֿון מַכפֵּלָה וואָס געהערט צו אים, וואָס
אין עק פֿון זײַן פֿעלד; אין פֿולן געלט זאָל ער עס מיר געבן צווישן
אײַך פֿאַר אַ קבֿר-אייגנטום.

10 און עֶפֿרון איז געזעסן צווישן די קינדער פֿון חֵת; האָט עֶפֿרון דער
חִתּי געענטפֿערט אבֿרהמען אין די אויערן פֿון די קינדער פֿון חֵת,
פֿאַר אַלע אײַנגייער אין דעם טויער פֿון זײַן שטאָט, אַזוי צו זאָגן: 11
ניין, מײַן האַר, הער מיך צו: דאָס פֿעלד שענק איך דיר, אויך די הייל
וואָס דרינען שענק איך דיר; פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער פֿון מײַן
פֿאָלק שענק איך עס דיר; באַגראָב דײַן טויטן.

12 האָט אבֿרהם זיך געבוקט פֿאַר דעם פֿאָלק פֿון לאַנד, 13 און ער
האָט גערעדט צו עֶפֿרונען אין די אויערן פֿון דעם פֿאָלק פֿון לאַנד,
אַזוי צו זאָגן: ווען דו וואָלסט מיך נאָר צוהערן! איך גיב דאָס געלט
פֿאַרן פֿעלד, נעם עס פֿון מיר, און איך וועל דאָרטן באַגראָבן מײַן
טויטן.

14 האָט עֶפֿרון געענטפֿערט אבֿרהמען, אים אַזוי צו זאָגן: 15 הער
מיך צו, מײַן האַר, לאַנד אין פֿיר הונדערט שֶקל זילבער, וואָס איז
דאָס צווישן מיר און צווישן דיר? און דײַן טויטן באַגראָב.

16 האָט אבֿרהם צוגעהערט צו עֶפֿרונען, און אבֿרהם האָט אָפּגעוווֹיגן
עֶפֿרונען דאָס זילבער, וואָס ער האָט גערעדט אין די אויערן פֿון די
קינדער פֿון חֵת, פֿיר הונדערט שֶקל זילבער, גאַנגבאַר בײַם סוחר. 17
אַזוי איז געבליבן דאָס פֿעלד פֿון עֶפֿרונען, וואָס אין מַכפֵּלָה, וואָס
פֿאַר מַמרֵא, דאָס פֿעלד מיט דער הייל וואָס דרינען, און אַלע ביימער
וואָס אויפֿן פֿעלד, וואָס אין זײַן גאַנצן געמאַרק רונד אַרום, 18 דער
אײַנקויף פֿון אבֿרהמען, פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער פֿון חֵת, פֿאַר
אַלע אײַנגייער אין דעם טויער פֿון זײַן שטאָט. 19 און דערנאָך האָט
אבֿרהם באַגראָבן זײַן ווײַב שׂרהן אין דער הייל פֿון דעם פֿעלד פֿון
מַכפֵּלָה פֿאַר מַמרֵא, דאָס איז חֶברון, אין לאַנד כּנַעַן. 20 אַזוי איז
געבליבן דאָס פֿעלד, און די הייל וואָס דרינען, בײַ אבֿרהמען פֿאַר אַ
קבֿר-אייגנטום, פֿון די קינדער פֿון חֵת.

# כד

1 און אבֿרהם איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט; און גאָט האָט
געבענטשט אבֿרהמען מיט אַלצדינג. 2 האָט אבֿרהם געזאָגט
צו זײַן קנעכט, דעם עלטסטן פֿון זײַן הויז, וואָס האָט געוועלטיקט
איבער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט: טו, איך בעט דיך, דײַן האַנט
אונטער מײַן דיך, 3 און איך וועל דיך באַשווערן בײַ יהוה דעם גאָט

פֿון הימל און דעם גאָט פֿון דער ערד, אַז דו זאָלסט ניט נעמען אַ
ווײַב פֿאַר מײַן זון פֿון די טעכטער פֿון דעם כּנַעַני וואָס איך זיץ
צווישן אים. 4 נייערט צו מײַן לאַנד און צו מײַן אָפּשטאַם זאָלסטו
גיין, און נעמען אַ ווײַב פֿאַר מײַן זון, פֿאַר יצחקן.

5 האָט דער קנעכט צו אים געזאָגט: טאָמער וועט די פֿרוי ניט וועלן
גיין נאָך מיר אין דעם היגן לאַנד; זאָל איך ניט אַנדערש אומקערן
דײַן זון צו דעם לאַנד וואָס דו ביסט פֿון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען?

6 האָט אבֿרהם צו אים געזאָגט: היט דיך, זאָלסט ניט אומקערן מײַן
זון אַהין. 7 יהוה דער גאָט פֿון הימל, וואָס האָט מיך אַרויסגענומען
פֿון דעם הויז פֿון מײַן פֿאָטער, און פֿון דעם לאַנד פֿון מײַן געבורט,
און וואָס האָט צו מיר גערעדט, און וואָס האָט מיר געשוואָרן, אַזוי
צו זאָגן: צו דײַן זאָמען וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד – ער וועט
שיקן זײַן מלאך פֿאַר דיר, און וועסט קריגן אַ ווײַב פֿאַר מײַן זון
פֿון דאָרטן. 8 און אויב די פֿרוי וועט ניט וועלן גיין נאָך דיר, וועסטו
זײַן פֿרײַ פֿון דער דאָזיקער שבועה מײַנער; אָבער זאָלסט ניט
אומקערן מײַן זון אַהין.

9 האָט דער קנעכט געטאָן זײַן האַנט אונטער דעם דיך פֿון זײַן האַר
אבֿרהמען, און ער האָט אים געשוואָרן אויף דער דאָזיקער זאַך.

10 און דער קנעכט האָט גענומען צען קעמלען פֿון די קעמלען פֿון
זײַן האַר, און איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַלעם בעסטן פֿון זײַן האַר אין
זײַן האַנט; און ער איז אויפֿגעשטאַנען, און איז געגאַנגען קיין אֲרַם-
נַהֲרַיִם, צו דער שטאָט פֿון נָחורן. 11 און ער האָט געמאַכט קניען די
קעמלען אויסן שטאָט בײַם ברונעם וואַסער, אין אָוונט-צײַט, אין
דער צײַט וואָס די שעפּערינס גייען אַרויס. 12 און ער האָט געזאָגט:
יהוה, גאָט פֿון מײַן האַר אבֿרהמען, שיק מיר צו הײַנט, איך בעט דיך,
אַ טראַף, און טו חסד מיט מײַן האַר אבֿרהמען. 13 אָט שטיי איך
בײַם קוואַל וואַסער, און די טעכטער פֿון די שטאָטלײַט קומען אַרויס
שעפּן וואַסער; 14 זאָל זײַן, אַז די מיידל וואָס איך וועל צו איר זאָגן:
«בייג אײַן, איך בעט דיך, דײַן קרוג, און לאָמיך טרינקען», און זי וועט
זאָגן: «טרינק, און אויך דײַנע קעמלען וועל איך אָנטרינקען», האָסטו
זי באַשערט פֿאַר דײַן קנעכט יצחקן, און דערמיט וועל איך וויסן אַז
דו האָסט געטאָן חסד מיט מײַן האַר.

15 און עס איז געווען, איידער נאָך ער האָט געענדיקט רעדן, ערשט
רבקה קומט אַרויס – די וואָס איז געבאָרן געוואָרן בײַ בתואֵל דעם
זון פֿון מִלכָּה, דער ווײַב פֿון נָחור, אבֿרהמס ברודער – מיט איר קרוג
אויף איר אַקסל. 16 און די מיידל איז געווען זייער שיין פֿון אויסזען,
אַ יונגפֿרוי וואָס קיין מאַן האָט נאָך זי ניט געקענט; און זי האָט
אַראָפּגענידערט צום קוואַל, און האָט אָנגעפֿילט איר קרוג, און איז
אַרויפֿגעקומען. 17 איז דער קנעכט איר געלאָפֿן אַנטקעגן, און האָט
געזאָגט: לאָז מיך אַ זופּ טאָן, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער פֿון דײַן
קרוג. 18 האָט זי געזאָגט: טרינק מײַן האַר; און זי האָט אויף גיך
אַראָפּגעלאָזט איר קרוג אויף איר האַנט, און האָט אים געגעבן
טרינקען. 19 און אַז זי האָט געענדיקט אים געבן טרינקען, האָט זי
געזאָגט: אויך פֿאַר דײַנע קעמלען וועל איך אָנשעפּן, ביז זיי האָבן
געענדיקט טרינקען.

20 און זי האָט אויף גיך אויסגעליידיקט איר קרוג אין דער קאָריטע,
און איז ווידער געלאָפֿן צום ברונעם אָנשעפּן, ביז זי האָט אָנגעשעפּט
פֿאַר אַלע זײַנע קעמלען. 21 און דער מאַן קוקט זי אָן שווײַגעדיק, צו
וויסן אויב גאָט האָט באַגליקט זײַן וועג אָדער ניט. 22 און עס איז
געווען, ווי די קעמלען האָבן געענדיקט טרינקען, אַזוי האָט דער מאַן
גענומען אַ גילדערנעם נאָזרינג וואָס זײַן וואָג איז געווען אַ בקַע, און
צוויי אָרעמבענדער פֿאַר אירע הענט, וואָס זייער וואָג איז געווען צען
גאָלדשטיק. 23 און ער האָט געזאָגט: וועמעס טאָכטער ביסטו? זאָג
מיר, איך בעט דיך, איז דאָ אין דײַן פֿאָטערס הויז אַן אָרט פֿאַר אונדז
צום נעכטיקן?

24 האָט זי צו אים געזאָגט: איך בין די טאָכטער פֿון בתואֵל דעם זון
פֿון מִלכָּהן, וואָס זי האָט געבאָרן נָחורן. 25 און זי האָט צו אים
געזאָגט: אי שטרוי אי פוטער אַ סך איז דאָ בײַ אונדז, אי אַן אָרט
צום נעכטיקן.

26 האָט דער מאַן זיך גענײַגט און זיך געבוקט צו גאָט. 27 און ער
האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה דער גאָט פֿון מײַן האַר אבֿרהמען,
וואָס האָט ניט פֿאַרלאָזן זײַן חסד און זײַן טרײַשאַפֿט צו מײַן האַר;
מיך האָט גאָט געפֿירט אויף דעם וועג צו דעם הויז פֿון מײַן האַרס
ברידער.

28 און די מיידל איז געלאָפֿן, און האָט דערציילט אין איר מוטערס
הויז די דאָזיקע זאַכן. 29 און רבקה האָט געהאַט אַ ברודער וואָס זײַן
נאָמען איז געווען לָבָן; איז לָבָן אַרויסגעלאָפֿן צו דעם מאַן דרויסן
צום קוואַל. 30 און עס איז געווען, ווי ער האָט דערזען דעם נאָזרינג,
און די אָרעמבענדער אויף די הענט פֿון זײַן שוועסטער, און ווי ער
האָט געהערט די ווערטער פֿון זײַן שוועסטער רבקהן, אַזוי צו זאָגן:
אַזוי און אַזוי האָט דער מאַן צו מיר גערעדט – איז ער געקומען צו
דעם מאַן ווי ער שטייט בײַ די קעמלען לעבן קוואַל, 31 און ער האָט
געזאָגט: קום, געבענטשטער פֿון גאָט, פֿאַר וואָס שטייסטו דרויסן?
איך האָב דאָך אויפֿגעראַמט דאָס הויז, און אַן אָרט פֿאַר די קעמלען.

32 איז דער מאַן אַרײַנגעגאַנגען אין הויז; און ער האָט אָפּגעבונדן די
קעמלען, און האָט דערלאַנגט שטרוי און פֿוטער פֿאַר די קעמלען,
און וואַסער צו וואַשן זײַנע פֿיס, און די פֿיס פֿון די מענטשן וואָס
מיט אים. 33 און עס איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר אים צום עסן,
אָבער ער האָט געזאָגט: איך וועל ניט עסן, ביז איך האָב גערעדט
מײַנע רייד. האָט ער געזאָגט: רעד.

34 האָט ער געזאָגט: דער קנעכט פֿון אבֿרהמען בין איך. 35 און גאָט
האָט זייער געבענטשט מײַן האַר, און ער איז געוואָרן רײַך; און ער
האָט אים געגעבן שאָף און רינדער, און זילבער און גאָלד, און
קנעכט און דינסטן, און קעמלען און אייזלען. 36 און שׂרה, מײַן
האַרס ווײַב, האָט געבאָרן אַ זון צו מײַן האַר אויף איר עלטער; און
ער האָט אים אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. 37 און מײַן
האַר האָט מיך באַשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט נעמען אַ ווײַב
פֿאַר מײַן זון פֿון די טעכטער פֿון דעם כּנַעני וואָס איך זיץ אין זײַן
לאַנד. 38 ניט אַנדערש נאָר צו מײַן פֿאָטערס הויז זאָלסטו גיין, און
צו מײַן משפּחה, און נעמען אַ ווײַב פֿאַר מײַן זון. 39 האָב איך
געזאָגט צו מײַן האַר: טאָמער וועט די פֿרוי ניט וועלן גיין מיט מיר?
40 האָט ער צו מיר געזאָגט: יהוה וואָס איך בין געגאַנגען פֿאַר אים,
וועט שיקן זײַן מלאך מיט דיר, און וועט באַגליקן דײַן וועג, און
וועסט קריגן אַ ווײַב פֿאַר מײַן זון, פֿון מײַן משפּחה און פֿון מײַן
פֿאָטערס הויז. 41 דענצמאָל וועסטו פֿרײַ זײַן פֿון מײַן שבועה, אַז דו
וועסט קומען צו מײַן משפּחה; און אויב זיי וועלן דיר ניט געבן,
וועסטו אויך פֿרײַ זײַן פֿון מײַן שבועה. 42 בין איך געקומען הײַנט
צום קוואַל, און האָב געזאָגט: יהוה, גאָט פֿון מײַן האַר אבֿרהמען,

אויב דו ווילסט, איך בעט דיך, באַגליקן מײַן וועג וואָס איך גײ אויף
אים: 43 אָט שטײ איך בײַם קוואַל וואַסער; און עס זאָל זײַן, אַז די
מײדל וואָס קומט אַרויס שעפּן, און איך וועל זאָגן צו איר: «גיב מיר
טרינקען, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער פֿון דײַן קרוג», 44 און זי
וועט זאָגן צו מיר: «אי דו טרינק, אי פֿאַר דײַנע קעמלען וועל איך
אָנשעפּן», זאָל זי זײַן די ווײַב, וואָס גאָט האָט באַשערט פֿאַר מײַן
האַרס זון. 45 נאָך אײדער איך ענדיק רעדן צו מײַן האַרצן, ערשט
רבקה קומט אַרויס מיט איר קרוג אויף איר אַקסל; און זי האָט
אַראָפּגענידערט צום קוואַל און האָט אָנגעשעפּט. האָב איך צו איר
געזאָגט: גיב מיר טרינקען, איך בעט דיך. 46 האָט זי אויף גיך
אַראָפּגעלאָזט איר קרוג פֿון זיך, און האָט געזאָגט: טרינק, און אויך
דײַנע קעמלען וועל איך אָנטרינקען. האָב איך געטרונקען, און אויך
די קעמלען האָט זי אָנגעטרונקען. 47 האָב איך זי געפֿרעגט און האָב
געזאָגט: וועמעס טאָכטער ביסטו? האָט זי געזאָגט: די טאָכטער פֿון
בתואֵל דעם זון פֿון נָחורן, וואָס מִלכָּה האָט געבאָרן צו אים. און איך
האָב אָנגעטאָן דעם נאָזרינג אויף איר נאָז, און די אָרעמבענדער אויף
אירע הענט. 48 און איך האָב מיך געניײַגט און מיך געבוקט צו יהוה,
און איך האָב געלויבט יהוה דעם גאָט פֿון מײַן האַר אַבֿרהמען, וואָס
האָט מיך געפֿירט אויפֿן ריכטיקן וועג צו קריגן די טאָכטער פֿון מײַן
האַרס אַן אײגענעם פֿאַר זײַן זון. 49 און אַצונד, אויב איר ווילט טאָן
אַ חסד און אַ טרײַשאַפֿט מיט מײַן האַר, זאָגט מיר; און אויב ניט,
זאָגט מיר; און איך וועל מיך קערן אויף רעכטס אָדער אויף לינקס.

50 האָט געענטפֿערט לָבָן און בתואֵל, און זײ האָבן געזאָגט: די זאַך
איז אַרויס פֿון גאָט; מיר קענען ניט רעדן צו דיר שלעכטס אָדער
גוטס. 51 אָט איז רבקה פֿאַר דיר, נעם און גײ, און זאָל זי זײַן אַ ווײַב
צו דעם זון פֿון דײַן האַר, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

52 און עס איז געווען, ווי דער קנעכט פֿון אַבֿרהמען האָט געהערט
זײערע ווערטער, אַזוי האָט ער זיך געבוקט צו דער ערד פֿאַר גאָט. 53
און דער קנעכט האָט אַרויסגענומען זילבערנע זאַכן, און גילדערנע
זאַכן, און קלײדער, און געגעבן רבקהן; אויך איר ברודער און איר
מוטער האָט ער געגעבן טײַערע מתנות. 54 און זײ האָבן געגעסן און
געטרונקען, ער און די מענטשן וואָס מיט אים; און זײ האָבן
איבערגענעכטיקט; און זײ זײַנען אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, און
ער האָט געזאָגט: שיקט מיך אַוועק צו מײַן האַר.

55 האָט געזאָגט איר ברודער און איר מוטער: זאָל די מיידל בלייַבן
בייַ אונדז אַ יאָר אָדער צען חדשים , דערנאָך וועט זי גיין. 56 האָט
ער צו זיי געזאָגט: האַלט מיך ניט אויף, אַז גאָט האָט באַגליקט מייַן
וועג. שיקט מיך אַוועק, און לאָמיך גיין צו מייַן האַר. 57 האָבן זיי
געזאָגט: מיר וועלן רופֿן די מיידל, און מיר וועלן פֿרעגן איר מויל. 58
האָבן זיי גערופֿן רבקהן, און האָבן צו איר געזאָגט: ווילסטו גיין מיט
דעם דאָזיקן מאַן? האָט זי געזאָגט: איך וויל גיין.

59 האָבן זיי אַרויסבאַגלייט זייער שוועסטער רבקהן, און איר אַם, און
אבֿרהמס קנעכט, און זייַנע מענטשן. 60 און זיי האָבן געבענטשט
רבקהן, און האָבן צו איר געזאָגט: אונדזער שוועסטער, דו ווער
טויזנטער מאָל צען טויזנט, און דייַן זאָמען זאָל אַרבן דעם טויער פֿון
זייַנע פֿייַנט. 61 און רבקה איז אויפֿגעשטאַנען מיט אירע מיידלעך,
און זיי האָבן זיך אַרויפֿגעזעצט אויף די קעמלען, און זייַנען געגאַנגען
נאָך דעם מאַן. און דער קנעכט האָט גענומען רבקהן, און איז
אַוועקגעגאַנגען.

62 און יצחק איז אָנגעקומען פֿון ווּ מע גייט קיין באֵר-לַחַי-רוֹאי,
וואָרום ער איז געזעסן אין לאַנד פֿון דָרום – 63 און יצחק איז
אַרויסגעגאַנגען זיך דורכצוגיין אין פֿעלד אַקעגן אָוונט – האָט ער
אויפֿגעהויבן זייַנע אויגן און האָט אַ קוק געטאָן, ערשט קעמלען
קומען אָן. 64 און רבקה האָט אויפֿגעהויבן אירע אויגן, און האָט
דערזען יצחקן, און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון קעמל. 65 און זי
האָט געזאָגט צו דעם קנעכט: ווער איז יענער מאַן וואָס גייט אין
פֿעלד אונדז אַנטקעגן? האָט דער קנעכט געזאָגט: דאָס איז מייַן
האַר. האָט זי גענומען דעם שלייער, און האָט זיך פֿאַרדעקט.

66 און דער קנעכט האָט דערציילט יצחקן אַלע זאַכן וואָס ער האָט
געטאָן. 67 און יצחק האָט זי אַרייַנגעבראַכט אין דעם געצעלט פֿון
זייַן מוטער שׂרהן. און ער האָט גענומען רבקהן, און זי איז אים
געוואָרן פֿאַר אַ ווייַב; און ער האָט זי ליב געהאַט. און יצחק האָט זיך
געטרייסט נאָך זייַן מוטער.

# כה

1 און אַבֿרהם האָט ווידער גענומען אַ ווײַב, און איר נאָמען
איז געווען קטורָה. 2 און זי האָט אים געבאָרן זִמרָנען, און
יָקשָנען, און מדָנען, און מִדיָנען, און יִשבקן, און שוחַן. 3 און יָקשָן
האָט געבאָרן שבאָן, און דדָנען. און די קינדער פֿון דדָנען זײַנען
געווען אַשורים, און לטושים, און לְאומים. 4 און די זין פֿון מִדיָנען
זײַנען געווען: עֵיפָה, און עֵפֶר, און חֲנוך, און אבִֿידָע, און אֶלדָעָה, די
אַלע זײַנען געווען די קינדער פֿון קטורָהן.

5 און אַבֿרהם האָט אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט צו
יצחקן. 6 און צו די זין פֿון די קעפּסווײַבער וואָס אַבֿרהם האָט
געהאַט, האָט אַבֿרהם געגעבן מתּנות, און האָט זיי אַוועקגעשיקט פֿון
זײַן זון יצחקן, ווען ער האָט נאָך געלעבט, קיין מזרח אין מזרח-לאַנד.

7 און דאָס זײַנען די טעג פֿון די יאָרן פֿון אַבֿרהמס לעבן וואָס ער
האָט געלעבט: הונדערט יאָר און פֿינף יאָר און זיבעציק יאָר. 8 און
אַבֿרהם איז פֿאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן אין אַ גוטער עלטער,
אַלט און זאַט מיט יאָרן ; און ער איז אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַן
פֿאָלק. 9 און יצחק און יִשמָעֵאל, זײַנע זין, האָבן אים באַגראָבן אין
דער הייל פֿון מַכפֵּלָה, אין דעם פֿעלד פֿון עֶפרון דעם זון פֿון צוחַר
דעם חִתּי, וואָס פֿאַר מַמרֵא; 10 דאָס פֿעלד וואָס אַבֿרהם האָט
אָפּגעקויפֿט פֿון די קינדער פֿון חֵת, דאָרטן איז באַגראָבן געוואָרן
אַבֿרהם, און זײַן ווײַב שׂרה.

11 און עס איז געווען נאָך דעם טויט פֿון אַבֿרהמען, האָט גאָט
געבענטשט זײַן זון יצחקן. און יצחק איז געזעסן בײַ באֵר-לַחַי-רואי.

12 און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון יִשמָעֵאל, אַבֿרהמס זון, וואָס הָגָר
די מִצרית, די דינסט פֿון שׂרהן, האָט געבאָרן אַבֿרהמען. 13 און דאָס
זײַנען די נעמען פֿון יִשמָעֵאלס זין, נאָך זייערע נעמען, לויט זייערע
געבורטן: דער בכור פֿון יִשמָעֵאלן, נבָיות, און קֵדָר, און אַדבאֵל, און
מִבשָׂם; 14 און מִשמָע, און דומָה, און מַשָׂא; 15 חֲדַר, און תֵּימָא,
איטור, נָפִיש און קֵדמָה. 16 דאָס זײַנען די זין פֿון יִשמָעֵאלן, און דאָס
זײַנען זייערע נעמען אין זייערע דערפֿער, און אין זייערע לאַגערן;
צוועלף פֿירשטן לויט זייערע פֿעלקער. – 17 און דאָס זײַנען די יאָרן
פֿון יִשמָעֵאלס לעבן: הונדערט יאָר און זיבן יאָר און דרײַסיק יאָר.
און ער איז פֿאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן; און ער איז אײַנגעזאַמלט

געוואָרן צו זײַן פֿאָלק. – 18 און זיי האָבן געוווינט פֿון חֲוִילָה ביז שור
וואָס פֿאַר מִצרַיִם, ווי דו גייסט קיין אַשור; אין געזיכט פֿון אַלע זײַנע
ברידער האָט ער זיך באַזעצט.

# תּוֹלְדֹת

19 און דאָס איז די געשיכטע פֿון יצחק, אבֿרהמס זון: אבֿרהם האָט
געבאָרן יצחקן. 20 און יצחק איז געווען פֿערציק יאָר אַלט, ווען ער
האָט זיך גענומען רבקה, די טאָכטער פֿון בתואֵל דעם אַרַמי פֿון פַּדַן-
אַרָם, די שוועסטער פֿון לָבָן דעם אַרַמי, פֿאַר אַ ווײַב. 21 און יצחק
האָט געבעטן צו גאָט פֿון וועגן זײַן ווײַב, וואָרום זי איז געווען אַן
עקרה; און גאָט האָט זיך געלאָזט דערבעטן פֿון אים, און רבקה זײַן
ווײַב איז טראָגעדיק געוואָרן.

22 און די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין איר, און זי האָט געזאָגט:
אויב אַזוי, נאָך וואָס דען לעב איך? און זי איז געגאַנגען פֿרעגן בײַ
גאָט. 23 און גאָט האָט צו איר געזאָגט:
צוויי אומות זײַנען אין דײַן לײַב,
און צוויי פֿעלקער וועלן זיך פֿון דײַנע אינגעווייד צעשיידן,
און אַ פֿאָלק פֿון אַ פֿאָלק וועט זײַן שטאַרקער,
און דער עלטערער וועט דינען דעם ייִנגערן.

24 און אַז אירע טעג זײַנען פֿול געוואָרן צום געווינען, ערשט אַ
צווילינג איז אין איר לײַב. 25 און דער ערשטער איז אַרויסגעקומען
אַ רויטער, אין גאַנצן אַזוי ווי אַ האָריקער מאַנטל; און מע האָט
גערופֿן זײַן נאָמען עֵשָׂו. 26 און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זײַן
ברודער, און זײַן האַנט האָט צוגעהאַלטן דעם טריט פֿון עֵשָׂון; און
מע האָט גערופֿן זײַן נאָמען יַעֲקב. און יצחק איז געווען זעכציק יאָר
אַלט בײַ זייער געבאָרן ווערן.

27 און די ייִנגלעך זײַנען אויפֿגעוואַקסן; און עֵשָׂו איז געווען אַ
מענטש געניט אין געיעג, אַ פֿעלדמענטש, און יעקב איז געווען אַ
שטילער מענטש וואָס זיצט אין געצעלטן. 28 און יצחק האָט ליב
געהאַט עֵשָׂון, ווײַל דאָס געפֿאַנג איז אים געווען צום מויל; און רבקה
האָט ליב געהאַט יעקבן.

29 האָט יעקב איין מאָל געקאָכט אַ געקעכטס, און עֵשָׂו איז
אָנגעקומען פֿון פֿעלד, און ער איז געווען פֿאַרשמאַכט. 30 האָט עֵשָׂו
געזאָגט צו יעקבֿן: לאָז מיך אַ שלונג טאָן, איך בעט דיך, פֿון דעם
דאָזיקן רויטן-רויטן, וואָרום איך בין פֿאַרשמאַכט; דרום האָט מען
גערופֿן זײַן נאָמען אֱדום. 31 האָט יעקב געזאָגט: פֿאַרקויף מיר
אַקאָרשט דײַן בכוֹרה. 32 האָט עֵשָׂו געזאָגט: זע, איך גיי צום
שטאַרבן, און צו וואָס מיר דען בכוֹרה? 33 האָט יעקב געזאָגט:
שווער מיר אַקאָרשט. האָט ער אים געשוואָרן, און ער האָט
פֿאַרקויפֿט זײַן בכוֹרה צו יעקבֿן. 34 און יעקב האָט געגעבן עֵשָׂון
ברויט און געקעכטס פֿון לינדזן; און ער האָט געגעסן און
געטרונקען, און איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. אַזוי האָט
עֵשָׂו פֿאַראַכט די בכוֹרה.

## כו

1 און עס איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד, אַחוץ דעם
פֿריערדיקן הונגער, וואָס איז געווען אין די טעג פֿון אבֿרהמען;
און יצחק איז געגאַנגען צו אבֿימֶלֶך דעם מלך פֿון די פּלִשתּים, קיין
גרָר. 2 און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים, און האָט געזאָגט: זאָלסט
ניט נידערן קיין מִצרַיִם, וווין אין דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר זאָגן.
3 האַלט זיך אויף אין דעם דאָזיקן לאַנד, און איך וועל זײַן מיט דיר,
און וועל דיך בענטשן; וואָרום צו דיר און צו דײַן זאָמען וועל איך
געבן אַלע די דאָזיקע לענדער, און איך וועל מקיים זײַן די שבועה
וואָס איך האָב געשוואָרן צו דײַן פֿאָטער אבֿרהמען. 4 און איך וועל
מערן דײַן זאָמען אַזוי ווי די שטערן פֿון הימל, און וועל געבן צו דײַן
זאָמען אַלע די דאָזיקע לענדער; און בענטשן וועלן זיך מיט דײַן
זאָמען אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד; 5 דערפֿאַר וואָס אבֿרהם האָט
צוגעהערט צו מײַן קָול, און האָט געהיט מײַן היטונג, מײַנע געבאָט,
מײַנע געזעצן, און מײַנע לערנונגען.

6 און יצחק האָט זיך באַזעצט אין גרָר. 7 האָבן די מענטשן פֿון דעם
אָרט געפֿרעגט וועגן זײַן ווײַב, און ער האָט געזאָגט: זי איז מײַנע אַ
שוועסטער; וואָרום ער האָט מוֹרא געהאַט צו זאָגן «מײַן ווײַב»;
«טאָמער וועלן די מענטשן פֿון דעם אָרט מיך הרגען איבער רבֿקהן,
ווײַל זי איז שיין פֿון אויסזען».

8 און עס איז געווען, אַז ער איז דאָרטן אָפּגעווען אַ לאַנגע צײַט,
האָט אבֿימֶלֶך דער מלך פֿון די פּלִשתּים אַרויסגעקוקט דורכן
פֿענצטער, און געזען, ערשט יצחק שטיפֿט מיט זײַן ווײַב רבקהן. 9
האָט אבֿימֶלֶך גערופֿן יצחקן, און האָט געזאָגט: זי איז דאָך גאָר דײַן
ווײַב, און ווי אַזוי האָסטו געזאָגט: זי איז מײַנע אַ שוועסטער? האָט
יצחק צו אים געזאָגט: ווײַל איך האָב געקלערט: איך וועל נאָך
אומקומען איבער איר. 10 האָט אבֿימֶלֶך געזאָגט: וואָס האָסטו דאָ
געטאָן צו אונדז? שיר-שיר וואָלט איינער פֿון פאָלק געלעגן מיט דײַן
ווײַב, און וואָלסט געבראַכט אויף אונדז אַ שולד.

11 און אבֿימֶלֶך האָט באַפוילן דעם גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: דער
וואָס רירט אָן דעם דאָזיקן מאַן אָדער זײַן ווײַב, וועט טייטן געטייט
ווערן.

12 און יצחק האָט געזייט אין יענעם לאַנד, און האָט געקריגן אין
יענעם יאָר הונדערט מאָל אַזוי פֿיל; און גאָט האָט אים געבענטשט.
13 און דער מאַן איז געוואָרן רײַך, און איז נאָכאַנאַנד רײַכער
געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן זייער רײַך. 14 און ער האָט געהאַט
סטאַדעס שאָף, און סטאַדעס רינדער, און פֿיל קנעכט; און די
פּלִשתּים האָבן אים מקנא געווען. 15 און אַלע ברונעמער וואָס די
קנעכט פֿון זײַן פֿאָטער האָבן געגראָבן אין די טעג פֿון זײַן פֿאָטער
אבֿרהמען, האָבן די פּלִשתּים זיי פֿאַרשטאָפּט, און זיי אָנגעפֿילט מיט
ערד. 16 און אבֿימֶלֶך האָט געזאָגט צו יצחקן: גיי אַוועק פֿון אונדז,
וואָרום ביסט פֿיל מאַכטיקער פֿון אונדז.

17 איז יצחק אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרטן, און האָט געלאַגערט אין
טאָל פֿון גרָר, און האָט זיך דאָרטן באַזעצט. 18 און יצחק האָט
ווידער אויפֿגעגראָבן די וואַסערברונעמער וואָס מע האָט געגראָבן
אין די טעג פֿון זײַן פֿאָטער אבֿרהמען, און די פּלִשתּים האָבן זיי
פֿאַרשטאָפּט נאָך דעם טויט פֿון אבֿרהמען; און ער האָט זיי גערופֿן
מיט נעמען אַזוי ווי די נעמען וואָס זײַן פֿאָטער האָט זיי גערופֿן. 19
און די קנעכט פֿון יצחקן האָבן געגראָבן אין טאָל, און האָבן דאָרטן
געפונען אַ ברונעם לעבעדיקע וואַסער. 20 האָבן זיך געקריגט די
פּאַסטוכער פֿון גרָר מיט די פּאַסטוכער פֿון יצחקן, אַזוי צו זאָגן:
אונדז געהערט דאָס וואַסער. און ער האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון
דעם ברונעם עֵשֶׂק, ווײַל זיי האָבן זיך געעֶסֶקט מיט אים. 21 און זיי

האָבן געגראָבן אַן אַנדער ברונעם, און האָבן זיך איבער אים אויך
געקריגט. און ער האָט גערופֿן זײַן נאָמען שׂטנָה. 22 און ער האָט זיך
איבערגעטראָגן פֿון דאָרטן, און האָט געגראָבן אַן אַנדער ברונעם;
און זיי האָבן זיך איבער אים ניט געקריגט. האָט ער גערופֿן זײַן
נאָמען רחוֹבוֹת, ווײַל ער האָט געזאָגט: אַצונד האָט אונדז גאָט
געגעבן רַחבות, און מיר וועלן וואַקסן אין לאַנד.

23 און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון דאָרטן קיין באֵר-שֶׁבַע. 24 און גאָט
האָט זיך באַוויזן צו אים אין יענער נאַכט, און האָט געזאָגט: איך בין
דער גאָט פֿון דײַן פֿאָטער אבֿרהמען; זאָלסט ניט מוֹרא האָבן, וואָרום
איך בין מיט דיר, און איך וועל דיך בענטשן, און וועל מערן דײַן
זאָמען, פֿון מײַן קנעכט אבֿרהמס וועגן.

25 האָט ער דאָרטן געבויט אַ מזבח, און ער האָט גערופֿן צו דעם
נאָמען יהוה; און ער האָט דאָרטן אויפֿגעשטעלט זײַן געצעלט. און די
קנעכט פֿון יצחקן האָבן דאָרטן געגראָבן אַ ברונעם.

26 און אבֿימֶלֶך איז געגאַנגען צו אים פֿון גרָר, מיט אַחוזַת זײַן גוטן
פֿרײַנט, און פּיכול דעם האַר פֿון זײַן חיל. 27 האָט יצחק צו זיי
געזאָגט: נאָך וואָס זײַט איר געקומען צו מיר, אַז איר זײַט מיר
שׂוֹנאים, און האָט מיך אַרויסגעשיקט פֿון אײַך? 28 האָבן זיי געזאָגט:
זען האָבן מיר געזען אַז גאָט איז מיט דיר, און מיר האָבן געזאָגט:
זאָל-זשע זײַן אַ שבועה צווישן אונדז, צווישן אונדז און צווישן דיר,
און לאָמיר שליסן אַ בונד מיט דיר. 29 אויב דו וועסט טאָן מיט
אונדז בייז! אַזוי ווי מיר האָבן דיך ניט אָנגערירט, און אַזוי ווי מיר
האָבן מיט דיר רק גוטס געטאָן, און מיר האָבן דיך אַוועקגעלאָזט
בשלום. אַצונד ביסטו אַ געבענטשטער פֿון גאָט.

30 האָט ער געמאַכט פֿאַר זיי אַ מאָלצײַט, און זיי האָבן געגעסן און
געטרונקען. 31 און זיי האָבן זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און זיי
האָבן געשוואָרן איינער דעם אַנדערן, און יצחק האָט זיי
אַרויסבאַלייט, און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען פֿון אים בשלום.

32 און עס איז געווען אין יענעם טאָג, זײַנען געקומען די קנעכט פֿון
יצחקן, און האָבן אים דערציילט וועגן אַ ברונעם וואָס זיי האָבן
געגראָבן, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: מיר האָבן געפֿונען וואַסער.

33 האָט ער אים גערופֿן שִׁבְעָה. דרום איז דער נאָמען פֿון דער
שטאָט באֵר-שֶׁבַע ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

34 און אַז עֵשָׂו איז געווען פֿערציק יאָר אַלט, האָט ער גענומען
פֿאַר אַ ווײַב יהודית די טאָכטער פֿון באֵרי דעם חִתּי, און בשׂמַת
די טאָכטער פֿון אֵילון דעם חִתּי. 35 און זיי זײַנען געווען אַ
האַרצביטערניש פֿאַר יצחקן און פֿאַר רבקהן.

## כז

1 און עס איז געווען, אַז יצחק איז אַלט געוואָרן, און זײַנע
אויגן זײַנען געוואָרן צו טונקל צו זען, האָט ער גערופֿן זײַן
עלטערן זון עֵשָׂון, און האָט צו אים געזאָגט: מײַן זון! האָט ער צו
אים געזאָגט: דאָ בין איך. 2 האָט ער געזאָגט: זע נאָר, איך בין אַלט,
איך ווייס ניט דעם טאָג פֿון מײַן טויט. 3 דרום נעם אַצונד, איך בעט
דיך, דײַנע וואָפֿן, דײַן פֿײַלבײַטל און דײַן בויגן, און גיי אַרויס אין
פֿעלד, און פֿאַנג מיר אַ געפֿאַנג; 4 און מאַך מיר אַ מאכל אַזוי ווי איך
האָב ליב, און ברענג מיר, און איך וועל עסן; כּדי מײַן זעל זאָל דיך
בענטשן איידער איך שטאַרב.

5 און רבקה האָט געהערט ווי יצחק רעדט צו זײַן זון עֵשָׂון. און עֵשָׂו
איז אַוועקגעגאַנגען אין פֿעלד, צו פֿאַנגען אַ געפֿאַנג אויף צו
ברענגען. 6 האָט רבקה געזאָגט צו איר זון יעקבן, אַזוי צו זאָגן: זע,
איך האָב געהערט דײַן פֿאָטער רעדן צו דײַן ברודער עֵשָׂון, אַזוי צו
זאָגן: 7 ברענג מיר אַ געפֿאַנג, און מאַך מיר אַ מאכל, און איך וועל
עסן, און איך וועל דיך בענטשן פֿאַר גאָט פֿאַר מײַן טויט. 8 איז
אַצונד, מײַן זון, הער צו מײַן קָול לויט ווי איך באַפֿעל דיר. 9 גיי
אַקאָרשט צו די שאָף, און ברענג מיר פֿון דאָרטן צוויי גוטע
ציגנבעקלעך, און איך וועל פֿון זיי מאַכן אַ מאכל פֿאַר דײַן פֿאָטער,
אַזוי ווי ער האָט ליב. 10 און וועסט ברענגען צו דײַן פֿאָטער, ער זאָל
עסן, כּדי ער זאָל דיך בענטשן פֿאַר זײַן טויט.

11 האָט יעקב געזאָגט צו זײַן מוטער רבקהן: זע, מײַן ברודער עֵשָׂו
איז אַ מענטש אַ האָריקער, און איך בין אַ מענטש אַ גלאַטער. 12
טאָמער וועט מיך מײַן פֿאָטער אָנטאַפּן, וועל איך זײַן אין זײַנע אויגן
אַזוי ווי אַן אָפּנאַרער, און איך וועל ברענגען אויף מיר אַ קללה, און
ניט אַ ברכה.

13 האָט זײַן מוטער צו אים געזאָגט: אויף מיר דײַן קללה, מײַן זון!
נאָר הער צו מײַן קָול, און גיי ברענג מיר.

14 איז ער געגאַנגען, און האָט גענומען און געבראַכט צו זײַן מוטער,
און זײַן מוטער האָט געמאַכט אַ מאכל אַזוי ווי זײַן פֿאָטער האָט ליב
געהאַט. 15 און רבקה האָט גענומען די שענסטע בגדים פֿון איר
עלטערן זון עֵשָׂון, וואָס זײַנען געווען בײַ איר אין הויז, און זי האָט
אָנגעטאָן איר ייִנגערן זון יעקבן. 16 און די פֿעלכלעך פֿון די
ציגנבעקלעך האָט זי אָנגעטאָן אויף זײַנע הענט און אויף זײַן גלאַטן
האַלדז. 17 און זי האָט געגעבן דעם מאכל און דאָס ברויט וואָס זי
האָט געמאַכט, אין דער האַנט פֿון איר זון יעקבן.

18 און ער איז געקומען צו זײַן פֿאָטער, און האָט געזאָגט: פֿאָטער
מײַנער! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך; ווער ביסטו מײַן זון? 19 האָט
יעקב געזאָגט צו זײַן פֿאָטער: איך בין עֵשָׂו דײַן בכָור; איך האָב
געטאָן אַזוי ווי דו האָסט מיר געהייסן. הייב דיך אויף, איך בעט דיך,
זעץ דיך, און עס פֿון מײַן געפֿאַנג, כּדי דײַן זעל זאָל מיך בענטשן. 20
האָט יצחק געזאָגט צו זײַן זון: ווי האָסטו עפּעס אַזוי גיך געפֿונען,
מײַן זון? האָט ער געזאָגט: ווײַל יהוה דײַן גאָט האָט מיר צוגעשיקט
אַ טראַף. 21 האָט יצחק געזאָגט צו יעקבן: גענען, איך בעט דיך, און
לאָמיך דיך אָנטאַפּן, מײַן זון, אויב דו ביסט דאָס מײַן זון עֵשָׂו, אָדער
ניט. 22 האָט יעקב גענענט צו זײַן פֿאָטער יצחקן, און ער האָט אים
אָנגעטאַפּט, און האָט געזאָגט: דער קָול איז דער קָול פֿון יעקבן,
אָבער די הענט זײַנען די הענט פֿון עֵשָׂון. 23 און ער האָט אים ניט
דערקענט, ווײַל זײַנע הענט זײַנען געווען האָריק, אַזוי ווי די הענט
פֿון זײַן ברודער עֵשָׂון; און ער האָט אים געבענטשט. 24 און ער האָט
געזאָגט: דו ביסט דאָס מײַן זון עֵשָׂו? האָט ער געזאָגט: איך בין עס.
25 האָט ער געזאָגט: דערלאַנג מיר, און איך וועל עסן פֿון מײַן זונס
געפֿאַנג, כּדי מײַן זעל זאָל דיך בענטשן. האָט ער אים דערלאַנגט, און
ער האָט געגעסן; און ער האָט אים געבראַכט ווײַן, און ער האָט
געטרונקען. 26 און זײַן פֿאָטער יצחק האָט געזאָגט צו אים: גענען,
איך בעט דיך, און קוש מיך, מײַן זון. 27 האָט ער גענענט, און
האָט אים אַ קוש געטאָן. און ער האָט געשמעקט דעם ריח פֿון זײַנע
בגדים, און האָט אים געבענטשט, און געזאָגט:
זע, דער ריח פֿון מײַן זון
איז ווי דער ריח פֿון אַ פֿעלד

וואָס גאָט האָט עס געבענטשט.
28 און גאָט זאָל דיר געבן פֿון דעם טוי פֿון הימל,
און פֿון די פֿעטקייטן פֿון דער ערד,
און פֿיל תּבֿואה און וויַין.

29 פֿעלקער זאָלן דיר דינען,
און אומות זאָלן זיך בוקן צו דיר.
זיַי אַ האַר איבער דיַינע ברידער,
און די זין פֿון דיַין מוטער זאָלן זיך בוקן צו דיר.
פֿאַרשאָלטן די וואָס שילטן דיך,
און געבענטשט די וואָס בענטשן דיך!

30 און עס איז געווען, אַז יצחק האָט געענדיקט בענטשן יעקבֿן, איז
ווי נאָר יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פֿאַר זיַין פֿאָטער יצחקן, אַזוי
איז זיַין ברודער עֵשָׂו אָנגעקומען פֿון זיַין געיעג. 31 און ער אויך האָט
געמאַכט אַ מאכל און געבראַכט צו זיַין פֿאָטער; און ער האָט געזאָגט
צו זיַין פֿאָטער: זאָל מיַין פֿאָטער אויפֿשטיין, און עסן פֿון זיַין זונס
געפֿאַנג, כּדי דיַין זעל זאָל מיך בענטשן. 32 האָט זיַין פֿאָטער יצחק צו
אים געזאָגט: ווער ביסטו? האָט ער געזאָגט: איך בין דיַין זון, דיַין
בכֿור עֵשָׂו. 33 האָט יצחק געציטערט זייער אַ גרויס ציטערניש און
ער האָט געזאָגט: היַינט ווער איז דער וואָס האָט געפֿאַנגען אַ
געפֿאַנג און מיר געבראַכט, און איך האָב געגעסן פֿון אַלץ אײדער דו
ביסט געקומען, און איך האָב אים געבענטשט? ער וועט אויך זיַין
געבענטשט.

34 ווי עֵשָׂו האָט געהערט די ווערטער פֿון זיַין פֿאָטער, אַזוי האָט ער
אויסגעשריִען אַ זייער גרויס און ביטער געשריי, און ער האָט געזאָגט
צו זיַין פֿאָטער: בענטש מיך אויך, מיַין פֿאָטער. 35 האָט ער געזאָגט:
דיַין ברודער איז געקומען מיט באַטרוג, און האָט צוגענומען דיַין
ברכה. 36 האָט ער געזאָגט: צי דען רופֿט מען זיַין נאָמען יעקב, וויַיל
ער האָט מיר שוין צוויי מאָל אויסגענאַרט? מיַין בכוֹרה האָט ער
צוגענומען, און אָט האָט ער אַצונד צוגענומען מיַין ברכה. און ער
האָט געזאָגט: האָסטו ניט באַהאַלטן פֿאַר מיר אַ ברכה? 37 האָט
יצחק געענטפֿערט און האָט געזאָגט צו עֵשָׂון: זע, איך האָב אים
געמאַכט פֿאַר אַ האַר איבער דיר, און אַלע זיַינע ברידער האָב איך
אים געגעבן פֿאַר קנעכט, און מיט תּבֿואה און וויַין האָב איך אים

פֿאַרזאָרגט, און פֿאַר דיר, וואָס קען איך דען טאָן, מײַן זון? 38 האָט
עֵשָׂו געזאָגט צו זײַן פֿאָטער: איז דאָס די אײנציקע ברכה בײַ דיר,
מײַן פֿאָטער? בענטש מיך אויך, מײַן פֿאָטער. און עֵשָׂו האָט
אויפֿגעהויבן זײַן קָול און האָט געוויינט. 39 האָט זײַן פֿאָטער יצחק
זיך אָפּגערופֿן און האָט צו אים געזאָגט:
זע, ווײַט פֿון די פֿעטקייטן פֿון דער ערד וועט זײַן דײַן וווינונג,
און אָן דעם הימלס טוי פֿון אויבן;
און אויף דײַן שווערד וועסטו לעבן,
און דײַן ברודער וועסטו דינען;
40 און עס וועט זײַן, אַז דו וועסט זיך אָפּרײַסן,
וועסטו אַראָפּוואַרפֿן זײַן יאָך פֿון דײַן האַלדז.

41 און עֵשָׂו האָט פֿײַנט געקריגן יעקבן איבער דער ברכה וואָס זײַן
פֿאָטער האָט אים געבענטשט, און עֵשָׂו האָט געזאָגט בײַ זיך אין
האַרצן: זאָלן אָנקומען די טרויערטעג נאָך מײַן פֿאָטער, און איך וועל
הרגען מײַן ברודער יעקבן.

42 זײַנען דערציילט געוואָרן רבקהן די ווערטער פֿון איר עלטערן זון
עֵשָׂון, און זי האָט געשיקט און האָט גערופֿן איר ייִנגערן זון יעקבן,
און האָט צו אים געזאָגט: זע, דײַן ברודער עֵשָׂו טרייסט זיך וועגן
דיר, אַז ער וועט דיך הרגען. 43 און אַצונד, מײַן זון, הער צו מײַן קָול,
און שטיי אויף, אַנטלויף דיר צו מײַן ברודער לָבָנען קיין חָרָן. 44 און
וועסט זיצן בײַ אים עטלעכע יאָר, ביז וואַנען דער גרימצאָרן פֿון דײַן
ברודער וועט אָפּגיין; 45 ביז דער כּעס פֿון דײַן ברודער וועט זיך
אָפּקערן פֿון דיר, און ער וועט פֿאַרגעסן וואָס דו האָסט אים געטאָן;
און איך וועל שיקן, און וועל דיך אָפּנעמען פֿון דאָרטן. נאָך וואָס זאָל
איך אָנווערן אײַך ביידן אין איין טאָג?

46 און רבקה האָט געזאָגט צו יצחקן: מײַן לעבן איז מיר נִמאס פֿון
וועגן די טעכטער פֿון חֵת; אויב יעקב נעמט אַ ווײַב פֿון די טעכטער
פֿון חֵת, אַזוי ווי די דאָזיקע, פֿון די טעכטער פֿון לאַנד, וואָס טויג מיר
דאָס לעבן?

## כח

1 האָט יצחק גערופֿן יעקבן, און האָט אים געבענטשט, און
האָט אים באַפֿוילן, און האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט
נעמען אַ ווײַב פֿון די טעכטער פֿון כּנַעַן. 2 שטיי אויף, גיי קיין פַּדַן-
אֲרָם, צו דעם הויז פֿון בתואֵל, דײַן מוטערס פֿאָטער, און נעם דיר
פֿון דאָרטן אַ ווײַב פֿון די טעכטער פֿון לָבָן, דײַן מוטערס ברודער. 3
און גאָט שַׁדַי וועט דיך בענטשן, און וועט דיך פֿרוכפּערן און דיך
מערן, און וועסט ווערן אַ געזעמל פֿעלקער. 4 און ער וועט דיר געבן
די ברכה פֿון אבֿרהמען, דיר און דײַן זאָמען מיט דיר, כּדי זאָלסט
אַרבן דאָס לאַנד פֿון דײַן ווינשאַפֿט, וואָס גאָט האָט געגעבן צו
אבֿרהמען.

5 און יצחק האָט אַוועקגעשיקט יעקבן, און ער איז געגאַנגען קיין
פַּדַן-אֲרָם, צו לָבָן דעם זון פֿון בתואֵל דעם אֲרַמי, דעם ברודער פֿון
רבקה, דער מוטער פֿון יעקבן און עֵשָׂון.

און עֵשָׂו האָט געזען אַז יצחק האָט געבענטשט יעקבן, און האָט אים
אַוועקגעשיקט קיין פַּדַן-אֲרָם, זיך צו נעמען אַ ווײַב פֿון דאָרטן; אַז
ווען ער האָט אים געבענטשט, האָט ער אים באַפֿוילן, אַזוי צו זאָגן:
זאָלסט ניט נעמען אַ ווײַב פֿון די טעכטער פֿון כּנַעַן; 7 און יעקב האָט
צוגעהערט צו זײַן פֿאָטער און צו זײַן מוטער, און איז געגאַנגען קיין
פַּדַן-אֲרָם. 8 און עֵשָׂו האָט געזען אַז די טעכטער פֿון כְּנַעַן זײַנען
שלעכט אין די אויגן פֿון זײַן פֿאָטער יצחקן, 9 און עֵשָׂו איז געגאַנגען
צו יִשמָעֵאלן, און האָט, צו זײַנע אַנדערע ווײַבער, זיך גענומען פֿאַר אַ
ווײַב מָחלַת די טאָכטער פֿון יִשמָעֵאל, אבֿרהמס זון, די שוועסטער
פֿון נבָיוֹתן.

# וַיֵצֵא

10 און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פֿון באֵר-שֶׁבַע, און איז געגאַנגען
קיין חָרָן. 11 און ער האָט געטראָפֿן אַן אָרט, און איז דאָרטן געבליבן
נעכטיקן, וואָרום די זון איז אונטערגעגאַנגען; און ער האָט גענומען
פֿון די שטיינער פֿון דעם אָרט, און געמאַכט פֿאַר זײַן צוקאָפּנס, און
האָט זיך געלייגט אין יענעם אָרט. 12 האָט זיך אים געחלומט, ערשט
אַ לייטער שטייט אויף דער ערד, און זײַן שפּיץ גרייכט ביזן הימל, און
זע, מלאָכים פֿון גאָט גייען אַרויף און נידערן אַראָפּ אויף אים. 13 און
אָט שטייט גאָט איבער אים, און ער זאָגט: איך בין יהוה דער גאָט

פֿון דײַן פֿאָטער אבֿרהמען, און דער גאָט פֿון יצחקן. דאָס לאַנד וואָס
דו ליגסט דערויף, צו דיר וועל איך עס געבן, און צו דײַן זאָמען. 14
און דײַן זאָמען וועט זײַן אַזוי ווי שטויב פֿון דער ערד, און וועסט זיך
אויסשפּרייטן קיין מערב און קיין מזרח און קיין צפֿון און קיין דָרום,
און בענטשן וועלן זיך מיט דיר און מיט דײַן זאָמען אַלע משפּחות
פֿון דער ערד. 15 און זע, איך וועל זײַן מיט דיר, און איך וועל דיך
היטן אומעטום ווּ דו וועסט גיין, און איך וועל דיך אומקערן צו דער
דאָזיקער ערד, וואָרום איך וועל דיך ניט פֿאַרלאָזן, ביז וואַנען איך
האָב געטאָן וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט.

16 האָט יעקב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זײַן שלאָף, און ער האָט געזאָגט:
פֿאַר וואָר, גאָט איז פֿאַראַן אין דעם דאָזיקן אָרט, און איך האָב ניט
געוווּסט. 17 און ער האָט מוֹרא געהאַט, און האָט געזאָגט: ווי
מוֹראדיק איז דער דאָזיקער אָרט! דאָס איז ניט אַנדערש ווי דאָס
הויז פֿון גאָט, און דאָס איז דער טויער פֿון הימל.

18 און יעקב האָט זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און ער האָט גענומען
דעם שטיין וואָס ער האָט געמאַכט פֿאַר זײַן צוקאָפּנס, און האָט אים
געמאַכט פֿאַר אַ זײַלשטיין, און ער האָט אַרויפֿגעגאָסן אייל אויף זײַן
שפּיץ. 19 און ער האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון יענעם אָרט בית-אֵל,
אָבער לוז איז געווען דער נאָמען פֿון דער שטאָט צוערשט. 20 און
יעקב האָט אַ נדר געטאָן, אַזוי צו זאָגן: אויב גאָט וועט זײַן מיט מיר,
און וועט מיך היטן אויף דעם דאָזיקן וועג וואָס איך גיי, און ער וועט
מיר געבן ברויט צום עסן, און אַ בגד אָנצוטאָן, 21 און איך וועל מיך
אומקערן בשלום צו מײַן פֿאָטערס הויז, וועט יהוה מיר זײַן צום
גאָט. 22 און דער דאָזיקער שטיין וואָס איך האָב געמאַכט פֿאַר אַ
זײַלשטיין, וועט זײַן אַ הויז פֿון גאָט; און פֿון אַלץ וואָס דו וועסט מיר
געבן, וועל איך מעשׂרן מעשׂר צו דיר.

# כט

1 און יעקב האָט אויפֿגעהויבן זײַנע פֿיס, און איז געגאַנגען
צו דעם לאַנד פֿון די קינדער פֿון מזרח. 2 און ער האָט אַ
קוק געטאָן, ערשט אַ ברונעם איז אין פֿעלד, און זע, דרײַ סטאַדעס
שאָף הויערן דאָרטן בײַ אים; וואָרום פֿון יענעם ברונעם פֿלעגט מען
אָנטרינקען די סטאַדעס, און דער שטיין אויפֿן מויל פֿון ברונעם איז

געווען גרויס. 3 און אַז דאָרטן האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אַלע
סטאַדעס, האָט מען אַראָפּגעקײַקלט דעם שטיין פֿון דעם מויל פֿון
ברונעם, און מע האָט אָנגעטרונקען די שאָף, און אומגעקערט דעם
שטיין אויפֿן מויל פֿון דעם ברונעם אויף זײַן אָרט.

4 האָט יעקב צו זיי געזאָגט: פֿון וואַנען זײַט איר, מײַנע ברידער?
האָבן זיי געזאָגט: פֿון חָרָן זײַנען מיר. 5 האָט ער צו זיי געזאָגט:
קענט איר לָבָן דעם זון פֿון נָחוֹרן? האָבן זיי געזאָגט: מיר קענען. 6
האָט ער צו זיי געזאָגט: איז פֿריד צו אים? האָבן זיי געזאָגט: פֿריד;
און אָט קומט זײַן טאָכטער רחל מיט די שאָף. 7 האָט ער צו זיי
געזאָגט: זעט, דער טאָג איז נאָך גרויס, נאָך ניט צײַט דאָס פֿי זאָל
אײַנגעזאַמלט ווערן; טרינקט אָן די שאָף, און גייט פֿיטערט. 8 האָבן
זיי געזאָגט: מיר קענען ניט, ביז וואַנען אַלע סטאַדעס וועלן זיך
צונויפֿזאַמלען, און מע וועט אַראָפּקײַקלען דעם שטיין פֿון דעם מויל
פֿון ברונעם; און מיר וועלן אָנטרינקען די שאָף.

9 ווי ער רעדט נאָך מיט זיי, אַזוי איז רחל אונטערגעקומען מיט איר
פֿאָטערס שאָף; וואָרום זי איז געווען אַ פּאַסטוכערין. 10 און עס איז
געווען, ווי יעקב האָט דערזען רחלען, די טאָכטער פֿון לָבָן, זײַן
מוטערס ברודער, און די שאָף פֿון לָבָן, זײַן מוטערס ברודער, אַזוי
האָט יעקב גענענט, און האָט אַראָפּגעקײַקלט דעם שטיין פֿון דעם
מויל פֿון ברונעם, און האָט אָנגעטרונקען די שאָף פֿון לָבָן, זײַן
מוטערס ברודער. 11 און יעקב האָט געקושט רחלען, און האָט
אויפֿגעהויבן זײַן קָול און האָט געוויינט. 12 און יעקב האָט דערציילט
רחלען אַז ער איז איר פֿאָטערס אַן אייגענער, און אַז ער איז רבקהס
אַ זון; און זי איז געלאָפֿן, און האָט אָנגעזאָגט איר פֿאָטער.

13 און עס איז געווען, ווי לָבָן האָט געהערט די הערונג וועגן יעקב,
זײַן שוועסטערס זון, אַזוי איז ער אים געלאָפֿן אַנטקעגן, און ער האָט
אים געהאַלדזט און אים געקושט, און האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין
זײַן הויז. און ער האָט דערציילט לָבָנען אַלע יענע געשעענישן. 14
און לָבָן האָט צו אים געזאָגט: פֿאַר וואָר, מײַן ביין און מײַן פֿלייש
ביסטו.

און ער איז געזעסן בײַ אים אַ חודש צײַט.

15 האָט לָבָן געזאָגט צו יעקבן: צי ווײַל דו ביסט מײַנער אַן
אייגענער, זאָלסטו מיר דינען אומזיסט? זאָג מיר וואָס איז דײַן לוין.
16 און לָבָן האָט געהאַט צוויי טעכטער; דער נאָמען פֿון דער
עלטערער איז געווען לאה, און דער נאָמען פֿון דער ייִנגערער רחל.
17 און לאהס אויגן זײַנען געווען שלאַפֿע, און רחל איז געווען שיין
אויפֿן געשטאַלט, און שיין אויפֿן פּנים, 18 און יעקב האָט ליב
געקריגן רחלען; און ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר דינען זיבן יאָר
פֿאַר דײַן ייִנגערער טאָכטער רחלען. 19 האָט לָבָן געזאָגט: בעסער
איך זאָל זי דיר געבן, איידער איך זאָל זי געבן צו אַן אַנדער מאַן;
בלײַב בײַ מיר.

20 און יעקב האָט געדינט פֿאַר רחלען זיבן יאָר, און זיי זײַנען געווען
אין זײַנע אויגן אַזוי ווי עטלעכע טעג, פֿון זײַן ליבשאַפֿט צו איר. 21
און יעקב האָט געזאָגט צו לָבָנען: גיב מיר מײַן ווײַב, וואָרום מײַנע
טעג זײַנען דערפֿילט געוואָרן; און איך וועל קומען צו איר.

22 האָט לָבָן אײַנגעזאַמלט אַלע מענטשן פֿון דעם אָרט, און ער האָט
געמאַכט אַ מאָלצײַט. 23 און עס איז געווען אין אָוונט, האָט ער
גענומען זײַן טאָכטער לאהן, און האָט זי געבראַכט צו אים, און ער
איז געקומען צו איר. 24 און לָבָן האָט איר געגעבן זײַן דינסט זִלפָּהן
– פֿאַר אַ דינסט צו זײַן טאָכטער לאהן.

25 און עס איז געווען אין דער פֿרי, ערשט דאָס איז לאה. האָט ער
געזאָגט צו לָבָנען: וואָס האָסטו מיר דאָ געטאָן? האָב איך ניט
געדינט בײַ דיר פֿאַר רחלען, און פֿאַר וואָס האָסטו מיך גענאַרט? 26
האָט לָבָן געזאָגט: עס ווערט ניט געטאָן אַזוי אין אונדזער מקום,
אויסצוגעבן די ייִנגערע פֿאַר דער עלטערער. 27 דערפֿיל די וואָך פֿון
דער, און מיר וועלן דיר אויך יענע געבן, פֿאַר דעם דינסט וואָס דו
וועסט דינען בײַ מיר נאָך זיבן אַנדערע יאָר.

28 האָט יעקב אַזוי געטאָן, און ער האָט דערפֿילט די וואָך פֿון דער;
און ער האָט אים געגעבן זײַן טאָכטער רחלען, אים פֿאַר אַ ווײַב. 29
און לָבָן האָט געגעבן צו זײַן טאָכטער רחלען זײַן דינסט בלהָהן פֿאַר
אַ דינסט צו איר.

30 און ער איז געקומען אויך צו רחלען. און ער האָט רחלען אויך
מער ליב געהאַט פֿון לאהן; און ער האָט געדינט בײַ אים נאָך זיבן
אַנדערע יאָר.

31 און גאָט האָט געזען אַז לאה איז אומבאַליבט, און ער האָט
געעפֿנט איר טראַכט; און רחל איז געווען אַן עקרה. 32 און לאה איז
טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופֿן זײַן
נאָמען רְאוּבֵן, ווײַל זי האָט געזאָגט: יאָ, גאָט האָט געזען מײַן פּײַן,
וואָרום אַצונד וועט מיך מײַן מאַן ליב האָבן. 33 און זי איז ווידער
טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט געזאָגט:
ווײַל גאָט האָט געהערט אַז איך בין אומבאַליבט, דרום האָט ער מיר
געגעבן אויך דעם דאָזיקן; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען שִׁמְעוֹן. 34
און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי
האָט געזאָגט: אַצונד דאָס מאָל וועט מײַן מאַן ווערן צוגעטאָן צו
מיר, ווײַל איך האָב אים געבאָרן דרײַ זין; דרום האָט מען גערופֿן זײַן
נאָמען לֵוִי. 35 און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט
געבאָרן אַ זון, און זי האָט געזאָגט: דאָס מאָל טו איך לויבן גאָט;
דרום האָט זי גערופֿן זײַן נאָמען יהודָה. און זי האָט אויפֿגעהערט
געבערן.

ל 1 און אַז רחל האָט געזען אַז זי געבערט ניט פֿון יעקבן, האָט
רחל מקנא געווען איר שוועסטער, און זי האָט געזאָגט צו
יעקבן: גיב מיר קינדער, אַניט שטאַרב איך. 2 האָט דער צאָרן פֿון
יעקבן געגרימט אויף רחלען, און ער האָט געזאָגט: בין איך דען אויף
דעם אָרט פֿון גאָט, וואָס האָט פֿאַרמיטן פֿון דיר פֿרוכט פֿון לײַב? 3
האָט זי געזאָגט: אָט איז מײַן דינסט בלהָה, קום צו איר, און זי וועט
געבערן אויף מײַנע קני, און אויך איך וועל אויפֿגעריכט ווערן פֿון
איר.

4 און זי האָט אים געגעבן איר דינסט בלהָהן פֿאַר אַ ווײַב, און יעקב
איז צו איר געקומען. 5 און בלהָה איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט
יעקבן געבאָרן אַ זון. 6 און רחל האָט געזאָגט: גאָט האָט זיך פֿאַר
מיר אָנגענומען, און האָט אויך מײַן קָול צוגעהערט, און מיר געגעבן
אַ זון; דרום האָט זי גערופֿן זײַן נאָמען דָן. 7 און בלהָה, רחלס דינסט,

איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ צווייטן
זון. 8 און רחל האָט געזאָגט: שטאַרקע ראַנגלענישן האָב איך זיך
געראַנגלט מיט מײַן שוועסטער, און איך בין בײַגעקומען; דרום האָט
זי גערופֿן זײַן נאָמען נַפְתָּלי.

9 און לאה האָט געזען אַז זי האָט אויפֿגעהערט געבערן, האָט זי
גענומען איר דינסט זִלפָּהן, און זי געגעבן יעקבן פֿאַר אַ ווײַב. 10 און
זִלפָּה, לאהס דינסט, האָט יעקבן געבאָרן אַ זון. 11 האָט לאה
געזאָגט: מזל איז געקומען; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען גָד. 12 און
זִלפָּה, לאהס דינסט, האָט יעקבן געבאָרן אַ צווייטן זון. 13 האָט לאה
געזאָגט: אויף מײַן גליק! וואָרום די טעכטער וועלן מיך שאַצן
גליקלעך; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען אָשֵר.

14 און ראובן איז געגאַנגען אין די טעג פֿון ווייצשניט, און האָט
געפֿונען ליבעפּעלעך אין פֿעלד, און האָט זיי געבראַכט צו זײַן מוטער
לאהן. האָט רחל געזאָגט צו לאהן: גיב מיר, איך בעט דיך, פֿון דײַן
זונס ליבעפּעלעך. 15 האָט זי געזאָגט צו איר: ווינציק וואָס דו האָסט
צוגענומען מײַן מאַן, ווילסטו נאָך צונעמען מײַן זונס ליבעפּעלעך?
האָט רחל געזאָגט: דערפֿאַר זאָל ער ליגן מיט דיר הײַנטיקע נאַכט,
פֿאַר די ליבעפּעלעך פֿון דײַן זון.

16 און ווי יעקב איז געקומען פֿון פֿעלד אין אָוונט, אַזוי איז לאה אים
אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, און האָט געזאָגט: צו מיר מוזטו קומען,
וואָרום אָפּדינגען האָב איך דיך אָפּגעדונגען פֿאַר די ליבעפּעלעך פֿון
מײַן זון. און ער איז מיט איר געלעגן אין יענער נאַכט. 17 און גאָט
האָט צוגעהערט צו לאהן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט
יעקבן געבאָרן אַ פֿינפֿטן זון. 18 און לאה האָט געזאָגט: גאָט האָט
געגעבן מײַן שׂכר פֿאַר וואָס איך האָב געגעבן מײַן דינסט צו מײַן
מאַן; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען יִשָׂשכָר. 19 און לאה איז ווידער
טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ זעקסטן זון. 20 און
לאה האָט געזאָגט: גאָט האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ גוטן געשאַנק;
דאָס מאָל וועט מײַן מאַן וווינען מיט מיר, ווײַל איך האָב אים
געבאָרן זעקס זין; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען זבולון. 21 און
דערנאָך האָט זי געבאָרן אַ טאָכטער, און זי האָט גערופֿן איר נאָמען
דינה.

22 און גאָט האָט געדאַכט אָן רחלען, און גאָט האָט צוגעהערט צו
איר, און האָט געעפֿנט איר טראַכט. 23 און זי איז טראָגעדיק
געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט געזאָגט: גאָט האָט
אָפּגעטאָן מײַן חרפּה. 24 און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען יוסף, אַזוי צו
זאָגן: גאָט זאָל מיר צוגעבן נאָך אַן אַנדער זון.

25 און עס איז געווען, אַז רחל האָט געבאָרן יוספֿן, האָט יעקב
געזאָגט צו לָבָנען: לאָז מיך אַוועק, און איך וועל גיין צו מײַן אָרט און
צו מײַן לאַנד. 26 גיב מיר מײַנע ווײַבער און מײַנע קינדער, וואָס איך
האָב דיר פֿאַר זיי געדינט, און איך וועל גיין; וואָרום דו ווייסט מײַן
דינסט וואָס איך האָב דיר געדינט.

27 האָט לָבָן צו אים געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפֿונען
לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן –; איך האָב געמערקט אַז גאָט האָט
מיך געבענטשט פֿון דײַנעטוועגן. 28 און ער האָט געזאָגט: זאָג מיר
דײַן לוין, און איך וועל געבן.

29 האָט ער צו אים געזאָגט: דו ווייסט ווי איך האָב דיר געדינט, און
וואָס דײַן פֿי איז געוואָרן אונטער מיר; 30 וואָרום ווינציק-וואָס
האָסטו געהאַט פֿאַר מיר, און עס האָט זיך פֿאַרמערט לרוב, און גאָט
האָט דיך געבענטשט אין מײַנע טריט. און אַצונד, ווען וועל איך אויך
טאָן פֿאַר מײַן הויזגעזינט?

31 האָט ער געזאָגט: וואָס זאָל איך דיר געבן? האָט יעקב געזאָגט:
זאָלסט מיר גאָרנישט געבן; אויב דו וועסט מיר טאָן די דאָזיקע זאַך,
וועל איך ווידער פֿיטערן דײַנע שאָף, און היטן: 32 איך וועל דורכגיין
הײַנט דורך אַלע דײַנע שאָף, אָפּצוטאָן פֿון דאָרטן איטלעך
געשפּרענקלט און געפֿלעקט לאַם, און איטלעך טונקל לאַם צווישן
די שעפּסן, און געפֿלעקט און געשפּרענקלט צווישן די ציגן; און
אַזוינס זאָל זײַן מײַן לוין. 33 און עדות זאָגן וועט אויף מיר מײַן
ערלעכקייט פֿאַר דיר, אין אַ שפּעטערדיקן טאָג, אַז דו וועסט קומען
איבערקוקן מײַן לוין: איטלעכס וואָס איז ניט געשפּרענקלט און
געפֿלעקט צווישן די ציגן און טונקל צווישן די שעפּסן, איז דאָס אַ
געגנבעטס בײַ מיר.

34 האָט לָבָן געזאָגט: יאָ, זאָל זײַן אַזוי ווי דײַן וואָרט. 35 און ער
האָט אָפּגעטאָן אין יענעם טאָג די געשטרײַפּטע און געפֿלעקטע

בעק, און אַלע געשפּרענקלטע און געפּלעקטע ציגן, איטלעכס וואָס
האָט אויף זיך ווײַס, און איטלעך טונקלס צווישן די שעפּסן, און ער
האָט זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פֿון זײַנע זין. 36 און ער האָט
געמאַכט דרײַ טעג וועגס צווישן זיך און צווישן יעקבן. און יעקב
האָט געפּיטערט לָבָנס איבעריקע שאָף.

37 האָט יעקב זיך גענומען פֿײַכטע שטעקלעך פֿון טאָפּאָל,
און מאַנדלבוים, און פּלאַטאַנענבוים, און ער האָט אויסגעשיילט
אויף זיי ווײַסע אויסשיילונגען, אָפּדעקנדיק דאָס ווײַסע וואָס אויף די
שטעקלעך. 38 און ער האָט אַרײַנגעשטעלט די שטעקלעך וואָס ער
האָט אַרומגעשיילט, אין די קאָריטעס, אין די וואַסעררינעס וווּ די
שאָף קומען טרינקען, אַקעגן די שאָף; און זיי האָבן זיך געפּאָרט אַז
זיי זײַנען געקומען טרינקען. 39 און די שאָף האָבן זיך געפּאָרט פֿאַר
די שטעקלעך, און די שאָף האָבן געבאָרן געשטרײַפּטע,
געשפּרענקלטע, און געפּלעקטע. 40 און די לעמער האָט יעקב
אָפּגעשיידט – און ער האָט צוגעקערט די פּנימער פֿון די שאָף אין
לָבָנס שאָף צו די געשטרײַפּטע און אַלע טונקעלע – און האָט זיך
געמאַכט סטאַדעס באַזונדער, און האָט זיי ניט געשטעלט מיט לָבָנס
שאָף. 41 און עס איז געווען, ווען נאָר די שטאַרקע שאָף האָבן זיך
געפּאָרט, אַזוי פֿלעגט יעקב אַרײַנטאָן די שטעקלעך פֿאַר די אויגן פֿון
די שאָף אין די קאָריטעס, כּדי זיי זאָלן זיך פּאָרן בײַ די שטעקלעך; 42
אָבער אַז די שאָף זײַנען געווען שוואַכע, פֿלעגט ער ניט אַרײַנטאָן;
אַזוי פֿלעגן די שוואַכע אָנקומען לָבָנען, און די שטאַרקע יעקבן. 43
און דער מאַן איז געוואָרן זייער רײַך, און ער האָט געהאַט פֿיל
שאָף, און דינסטן און קנעכט, און קעמלען און אייזלען.

# לא

1 און ער האָט געהערט די ווערטער פֿון לָבָנס זין, אַזוי צו
זאָגן: יעקב האָט צוגענומען אַלץ וואָס אונדזער פֿאָטער
האָט געהאַט, און פֿון אונדזער פֿאָטערס האָב האָט ער געמאַכט די
דאָזיקע גאַנצע רײַכקייט. 2 און יעקב האָט געזען אָן לָבָנס פּנים,
ערשט ער איז ניט צו אים ווי נעכטן-אייערנעכטן. 3 און גאָט האָט
געזאָגט צו יעקבן: קער זיך אום צו דעם לאַנד פֿון דײַנע עלטערן, און
צו דײַן אָפּשטאַם, און איך וועל זײַן מיט דיר.

4 האָט יעקב געשיקט און האָט גערופֿן רחלען און לאהן אין פֿעלד,
צו זײַנע שאָף. 5 און ער האָט צו זיי געזאָגט: איך זע אָן אײַער
פֿאָטערס פּנים, אַז ער איז ניט צו מיר ווי נעכטן-אייערנעכטן; אָבער
דער גאָט פֿון מײַן פֿאָטער איז געווען מיט מיר. 6 און איר ווייסט אַז
מיט מײַן גאַנצן כּוח האָב איך געדינט אײַער פֿאָטער. 7 און אײַער
פֿאָטער האָט געמאַכט געשפּעט פֿון מיר, און האָט געביטן מײַן לוין
צען מאָל, נאָר גאָט האָט אים ניט געלאָזן שלעכטס טאָן מיט מיר. 8
אַז ער האָט אַזוי געזאָגט: געשפּרענקלטע זאָלן זײַן דײַן לוין, האָבן
אַלע שאָף געבאָרן געשפּרענקלטע; און אַז ער האָט אַזוי געזאָגט:
געשטרײַפֿטע זאָלן זײַן דײַן לוין, האָבן אַלע שאָף געבאָרן
געשטרײַפֿטע. 9 און גאָט האָט אַוועקגענומען פֿון אײַער פֿאָטערס פֿי,
און געגעבן מיר. 10 און עס איז געווען אין דער צײַט ווען די שאָף
האָבן זיך געפּאָרט, האָב איך אױפֿגעהויבן מײַנע אויגן, און האָב
געזען אין חלום, ערשט די בעק וואָס שפּרינגען אויף די שאָף זײַנען
געשטרײַפֿטע, געשפּרענקלטע, און געפּלעקטע. 11 און אַ מלאך פֿון
גאָט האָט געזאָגט צו מיר אין חלום: יעקב! און איך האָב געזאָגט:
דאָ בין איך. 12 האָט ער צו מיר געזאָגט: הייב אַקאָרשט אויף דײַנע
אויגן און זע, אַלע בעק וואָס שפּרינגען אויף די שאָף זײַנען
געשטרײַפֿטע, געשפּרענקלטע, און געפּלעקטע; וואָרום איך האָב
געזען אַלץ וואָס לָבָן טוט צו דיר. 13 איך בין דער גאָט פֿון בית-אֵל
וואָס דו האָסט דאָרטן געזאַלבט אַ זײַלשטיין, וואָס דו האָסט דאָרטן
געטאָן אַ נדר צו מיר. און אַצונד שטיי אויף, גיי אַרויס פֿון דעם היגן
לאַנד, און קער זיך אום צו דעם לאַנד פֿון דײַן געבורט.

14 האָבן רחל און לאה געענטפֿערט און געזאָגט צו אים: האָבן מיר
דען נאָך אַ חלק אָדער אַ ירושה אין אונדזער פֿאָטערס הויז? 15
זײַנען מיר ניט אַזוי ווי פֿרעמדע פֿאַררעכנט בײַ אים? וואָרום ער
האָט אונדז פֿאַרקויפֿט, און אויפֿעסן אויך אויפֿגעגעסן דאָס
געלט פֿאַר אונדז. 16 וואָרום די גאַנצע עשירות וואָס גאָט האָט
אַוועקגענומען פֿון אונדזער פֿאָטער, דאָס איז אונדזערס און
אונדזערע קינדערס. און אַצונד, אַלץ וואָס גאָט האָט דיר געהייסן,
טו.

17 איז יעקב אויפֿגעשטאַנען, און האָט אַרויפֿגעזעצט זײַנע קינדער
און זײַנע ווײַבער אויף קעמלען; 18 און ער האָט אַוועקגעפֿירט דאָס
גאַנצע פֿי זײַנס, און זײַן גאַנצן פֿאַרמעג וואָס ער האָט אָנגעקליבן,

דאָס פֿי פֿון זײַן אייגנס וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין פַּדַן-אֲרָם – כּדי
צו גיין צו זײַן פֿאָטער יצחקן, קיין כּנַעַן. 19 און לָבָן איז געווען
אַוועקגעגאַנגען שערן זײַנע שאָף. האָט רחל אַרויסגעגנבעט דעם
תּרָפִים פֿון איר פֿאָטער. 20 און יעקב האָט געגנבעט דאָס האַרץ פֿון
לָבָן דעם אַרַמי מיט וואָס ער האָט אים ניט געלאָזט מערקן אַז ער
אַנטלויפֿט. 21 און ער איז אַנטלאָפֿן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט,
און ער איז אויפֿגעשטאַנען און אַריבערגעגאַנגען דעם טײַך, און האָט
געקערט זײַן פּנים צום באַרג גִלעָד.

22 איז אָנגעזאָגט געוואָרן לָבָנען אויפֿן דריטן טאָג אַז יעקב איז
אַנטלאָפֿן. 23 האָט ער גענומען זײַנע ברידער מיט זיך, און האָט אים
נאָכגעיאָגט זיבן טעג וועגס, און ער האָט אים אָנגעיאָגט אויפֿן באַרג
גִלעָד.

24 איז גאָט געקומען צו לָבָן דעם אַרַמי אין אַ חלום פֿון דער נאַכט,
און האָט צו אים געזאָגט: היט דיך, זאָלסט ניט רעדן מיט יעקבן פֿון
גוטס ביז שלעכטס.

25 און לָבָן האָט אָנגעיאָגט יעקבן. און יעקב האָט אויפֿגעשטעלט
זײַן געצעלט אויפֿן באַרג; אויך לָבָן און זײַנע ברידער האָבן
אויפֿגעשטעלט אויפֿן באַרג גִלעָד. 26 האָט לָבָן געזאָגט צו יעקבן:
וואָס האָסטו געטאָן וואָס דו האָסט געגנבעט מײַן האַרץ, און האָסט
אַוועקגעפֿירט מײַנע טעכטער אַזוי ווי געפֿאַנגענע פֿון שווערד? 27
פֿאַר וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן באַהאַלטענערהייט, און האָסט זיך
אַוועקגעגנבעט פֿון מיר, און האָסט מיר ניט אויסגעזאָגט, אַז איך
זאָל דיך באַלייטן מיט שׂמחה און מיט געזאַנגען, מיט פּויק און מיט
האַרף? 28 און האָסט מיך ניט געלאָזן קושן מײַנע זין און מײַנע
טעכטער. נאַריש האָסטו אַצונד געטאָן. 29 מײַן האַנט האָט בכּוח צו
טאָן מיט אײַך שלעכטס, נאָר דער גאָט פֿון אײַער פֿאָטער האָט
נעכטן בײַ נאַכט געזאָגט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: היט דיך פֿון צו רעדן
מיט יעקבן פֿון גוטס ביז שלעכטס. 30 און אַצונד, אַוועקגיין ביסטו
אַוועקגעגאַנגען, ווײַל בענקען האָסטו זיך פֿאַרבענקט נאָך דײַן
פֿאָטערס הויז, אַלמאַי אָבער האָסטו געגנבעט מײַן גאָט?

31 האָט יעקב געענטפֿערט און האָט געזאָגט צו לָבָנען: ווײַל איך
האָב מורא געהאַט, וואָרום איך האָב געקלערט: טאָמער וועסטו

אַוועקרויבן דײַנע טעכטער פֿון מיר. 32 בײַ וועמען אָבער דו וועסט
געפֿינען דײַן גאָט, דער זאָל ניט לעבן. פֿאַר אונדזערע ברידער
דערקען וואָס איז דײַנס בײַ מיר, און נעם דיר צו. און יעקב האָט ניט
געוווּסט אַז רחל האָט עס געגנבעט.

33 איז לָבָן אַרײַנגעגאַנגען אין דעם געצעלט פֿון יעקבן, און אין דעם
געצעלט פֿון לאהן, און אין דעם געצעלט פֿון די צוויי דינסטן, און ער
האָט ניט געפֿונען; און ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון לאהס געצעלט,
און איז אַרײַנגעגאַנגען אין דעם געצעלט פֿון רחלען. 34 און רחל
האָט גענומען דעם תּרָפֿים, און האָט אים אַרײַנגעטאָן אין זאָטלקישן
פֿון דעם קעמל, און האָט זיך געזעצט דערויף; און לָבָן האָט
אַרומגעטאַפּט דאָס גאַנצע געצעלט, און האָט ניט געפֿונען. 35 האָט
זי געזאָגט צו איר פֿאָטער: זאָל ניט פֿאַרדריסן אין די אויגן פֿון מײַן
האַר, וואָס איך קען ניט אויפֿשטיין פֿאַר דיר, ווײַל דער שטייגער פֿון
ווײַבער איז בײַ מיר. און ער האָט געזוכט, און האָט ניט געפֿונען דעם
תּרָפֿים.

36 האָט יעקבן פֿאַרדראָסן, און ער האָט זיך געקריגט מיט לָבָנען. און
יעקב האָט זיך אָפּגערופֿן און האָט געזאָגט צו לָבָנען: וואָס איז מײַן
פֿאַרברעך, וואָס איז מײַן חטא, וואָס דו האָסט מיך נאָכגעיאָגט? 37
אַז דו האָסט דורכגעטאַפּט אַלע מײַנע זאַכן, וואָס האָסטו געפֿונען
פֿון אַלע דײַנע כְּלֵי-בית? לייג עס דאָ פֿאַר מײַנע ברידער און דײַנע
ברידער, און זאָלן זיי אַנטשיידן צווישן אונדזביידן. 38 פֿאַר די
צוואַנציק יאָר וואָס איך בין געווען מיט דיר, האָבן דײַנע שעפּסן און
דײַנע ציגן ניט פֿאַר וואָרפֿן, און די ווידערס פֿון דײַנע שאָף האָב איך
ניט געגעסן. 39 אַ פֿאַרצוקטע האָב איך ניט געבראַכט צו דיר; איך
פֿלעג לײַדן איר שאָדן; פֿון מײַן האַנט פֿלעגסטו עס אויפֿמאָנען,
געגנבעט בײַ טאָג, צי געגנבעט בײַ נאַכט. 40 בײַ טאָג פֿלעגט מיך
אויפֿעסן די היץ, און דער פֿראָסט בײַ נאַכט; און מײַן שלאָף האָט
געווײַכט פֿון מײַנע אויגן. 41 פֿאַר צוואַנציק יאָר בין איך געווען אין
דײַן הויז: פֿערצן יאָר האָב איך דיר געדינט פֿאַר דײַנע צוויי טעכטער,
און זעקס יאָר פֿאַר דײַנע שאָף; און דו האָסט געביטן מײַן לוין צען
מאָל. 42 ווען ניט דער גאָט פֿון מײַן פֿאָטער, דער גאָט פֿון אַבֿרהמען
און די פֿאָרכט פֿון יצחקן, וואָלט געווען מיט מיר, וואָלסטו מיך
אַצונד אַוועקגעשיקט מיט ליידיקן. גאָט האָט געזען מײַן פּײַן און די

מאַטערניש פֿון מייַנע הענט, און ער האָט אַנטשיידט נעכטן בייַ
נאַכט.

43 האָט לָבָן געענטפֿערט און האָט געזאָגט צו יעקבן; די טעכטער
זייַנען מייַנע טעכטער, און די קינדער מייַנע קינדער, און די שאָף
מייַנע שאָף, און אַלץ וואָס דו זעסט איז מייַנס; און וואָס קען איך
היינט טאָן צו די דאָזיקע טעכטער מייַנע, אָדער צו זייערע קינדער
וואָס זיי האָבן געבאָרן? 44 און אַצונד, קום לאָמיר שליסן אַ בונד,
איך און דו, און זאָל עס זייַן צום עדות צווישן מיר און צווישן דיר.

45 האָט יעקב גענומען אַ שטיין, און האָט אים אויפֿגעשטעלט פֿאַר
אַ זייַלשטיין. 46 און יעקב האָט געזאָגט צו זייַנע ברידער: קלייַבט אָן
שטיינער. האָבן זיי גענומען שטיינער, און געמאַכט אַ הויפֿן, און זיי
האָבן געגעסן דאָרטן אויפֿן הויפֿן. 47 און לָבָן האָט אים גערופֿן יְגַר-
שָׂהֲדותאָ, און יעקב האָט אים גערופֿן גַל-עֵד. 48 און לָבָן האָט
געזאָגט: דער דאָזיקער הויפֿן איז אַן עדות צווישן מיר און צווישן דיר
הייַנט. דרום האָט מען גערופֿן זייַן נאָמען גלעָד; 49 און אויך מִצפָּה,
ווייַל ער האָט געזאָגט: גאָט זאָל אַראָפּקוקן צווישן מיר און צווישן
דיר, ווען מיר וועלן זייַן פֿאַרהוילן איינער פֿון אַנדערן, 50 אויב דו
וועסט פּייַניקן מייַנע טעכטער, און אויב דו וועסט צונעמען אַנדערע
ווייַבער צו מייַנע טעכטער, בעת קיין מענטש איז ניטאָ לעבן אונדז;
זע, גאָט איז אַן עדות צווישן מיר און צווישן דיר.

51 און לָבָן האָט געזאָגט צו יעקבן: אָט איז דער דאָזיקער הויפֿן, און
אָט איז דער זייַלשטיין, וואָס איך האָב אויפֿגעשטעלט צווישן מיר און
צווישן דיר. 52 אַן עדות איז דער דאָזיקער הויפֿן, און אַן עדות דער
זייַלשטיין, אַז איך וועל ניט אַריבערגיין דעם דאָזיקן הויפֿן צו דיר,
און אַז דו וועסט ניט אַריבערגיין דעם דאָזיקן הויפֿן און דעם דאָזיקן
זייַלשטיין צו מיר, צום בייזן. 53 זאָל דער גאָט פֿון אַבֿרהמען, און
דער גאָט פֿון נָחורן, דער גאָט פֿון זייער פֿאָטער, משפּטן צווישן
אונדז. און יעקב האָט געשוואָרן בייַ דער פֿאָרכט פֿון זייַן פֿאָטער
יצחקן.

54 און יעקב האָט געשלאַכט שלאַכטאָפּפֿער אויפֿן באַרג, און ער
האָט גערופֿן זייַנע ברידער צו עסן ברויט; און זיי האָבן געגעסן
ברויט, און האָבן גענעכטיקט אויפֿן באַרג.

לב 1 און לָבָן האָט זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און ער האָט
געקושט זײַנע זין און זײַנע טעכטער, און האָט זיי
געבענטשט; און לָבָן איז אַוועקגעגאַנגען, און האָט זיך אומגעקערט
צו זײַן אָרט.

2 און יעקב איז געגאַנגען אויף זײַן וועג, און מלאָכים פֿון גאָט האָבן
אים באַגעגנט. 3 און יעקב האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי דערזען:
גאָטס מחנה איז דאָס; און ער האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון יענעם
אָרט מַחֲנַיִם.

# וַיִשְׁלַח

4 און יעקב האָט געשיקט שלוחים פֿאַרויס פֿאַר זיך צו זײַן ברודער
עֵשָׂון קיין לאַנד שֵׂעִיר, אין פֿעלד פֿון אֱדוֹם. 5 און ער האָט זיי
באַפֿוילן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו מײַן האַר, צו עֵשָׂון:
אַזוי האָט געזאָגט דײַן קנעכט יעקב: בײַ לָבָנען האָב איך געוווינט,
און איך האָב זיך אויפֿגעהאַלטן ביז אַצונד. 6 און איך האָב אָקסן און
אייזלען, שאָף, און קנעכט און דינסטן; האָב איך געשיקט אָנזאָגן
מײַן האַר, כּדי צו געפֿינען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן.

7 האָבן די שלוחים זיך אומגעקערט צו יעקבן, אַזוי צו זאָגן: מיר
זײַנען געקומען צו דײַן ברודער, צו עֵשָׂון, און ער גייט דיר אויך
אַנטקעגן, און פֿיר הונדערט מאַן מיט אים. 8 האָט יעקב זייער מוֹרא
געקריגן, און ער איז געווען באַקלעמט. און ער האָט צעטיילט דאָס
פֿאָלק וואָס מיט אים, און די שאָף און די רינדער און די קעמלען,
אין צוויי מחנות. 9 און ער האָט געזאָגט: אויב עֵשָׂו וועט קומען אויף
איין מחנה, און וועט זי שלאָגן, וועט די איבעריקע מחנה אַנטרונען
ווערן.

10 און יעקב האָט געזאָגט: גאָט פֿון מײַן פֿאָטער אבֿרהמען, און גאָט
פֿון מײַן פֿאָטער יצחקן, יהוה, וואָס האָט געזאָגט צו מיר: קער זיך
אום צו דײַן לאַנד און צו דײַן אָפּשטאַם, און איך וועל גוטס טאָן מיט
דיר; 11 איך בין צו קליין פֿאַר אַלע חסדים און פֿאַר אַלדער
טרײַשאַפֿט וואָס דו האָסט געטאָן מיט דײַן קנעכט; וואָרום מיט מײַן
שטעקן בין איך אַריבערגעגאַנגען דעם דאָזיקן יַרדן, און אַצונד בין
איך געוואָרן צוויי מחנות. 12 זײַ מיך מציל, איך בעט דיך, פֿון דער

האַנט פֿון מײַן ברודער, פֿון דער האַנט פֿון עֵשָׂון, וואָרום איך האָב
מורא פֿאַר אים, ער זאָל ניט קומען און מיך שלאָגן מוטער מיט
קינדער. 13 דו האָסט דאָך געזאָגט: גוטס טאָן וועל איך גוטס טאָן
מיט דיר, און איך וועל מאַכן דײַן זאָמען אַזוי ווי דער זאַמד פֿון ים,
וואָס קען ניט געציילט ווערן פֿון פֿילקייט.

14 און ער האָט דאָרטן גענעכטיקט יענע נאַכט; און ער האָט
גענומען פֿון וואָס אים איז געקומען צו דער האַנט, אַ מתּנה פֿאַר זײַן
ברודער עֵשָׂון: 15 צוויי הונדערט ציגן, און צוואַנציק בעק, צוויי
הונדערט שעפּסן, און צוואַנציק ווידערס, 16 דרײַסיק קעמלען
זייגעדיקע מיט זייערע יונגע, פֿערציק קי, און צען אָקסן, צוואַנציק
אייזעלינס, און צען יונגע אייזלען. 17 און ער האָט איבערגעגעבן אין
דער האַנט פֿון זײַנע קנעכט, צו סטאַדע, צו סטאַדע באַזונדער; און
ער האָט אָנגעזאָגט זײַנע קנעכט: גייט מיר פֿאַרויס, און וואַרע זאָלט
איר מאַכן צווישן סטאַדע און סטאַדע. 18 און ער האָט באַפֿוילן דעם
ערשטן, אַזוי צו זאָגן: אַז דיך וועט באַגעגענען עֵשָׂו מײַן ברודער, און
וועט דיך פֿרעגן, אַזוי צו זאָגן: וועמעס ביסטו? און וווּהין גייסטו?
און וועמעס זײַנען די דאָזיקע פֿאַר דיר? 19 זאָלסטו זאָגן: דײַן קנעכט
יעקבס; אַ מתּנה איז דאָס געשיקט צו מײַן האַר, צו עֵשָׂון; און אָן
איז ער אויך הינטער אונדז. 20 און ער האָט באַפֿוילן אויך דעם
צווייטן און דעם דריטן, און אַלע וואָס זײַנען געגאַנגען הינטער די
סטאַדעס, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי די דאָזיקע רייד זאָלט איר רעדן צו
עֵשָׂון, אַז איר טרעפֿט אים; 21 און איר זאָלט זאָגן: אָן איז אויך דײַן
קנעכט יעקב הינטער אונדז. וואָרום ער האָט געזאָגט: לאָמיך אים
איבערבעטן מיט דער מתּנה וואָס גייט מיר פֿאַרויס, און דערנאָך וועל
איך זען זײַן פּנים, אפֿשר וועט ער מיך אויפֿנעמען.

22 איז די מתּנה אַוועק אים פֿאַרויס, און ער האָט גענעכטיקט יענע
נאַכט אין לאַגער. 23 און ער איז אויפֿגעשטאַנען אין יענער נאַכט,
און האָט גענומען זײַנע צוויי ווײַבער, און זײַנע צוויי דינסטן, און
זײַנע עלף קינדער, און ער איז אַריבערגעפֿאָרן דעם איבערפֿאָר פֿון
יַבּוֹק. 24 ער האָט זיי גענומען, און האָט זיי אַריבערגעפֿירט איבערן
טײַך, און האָט אַריבערגעפֿירט וואָס ער האָט געהאַט.

25 און אַז יעקב איז געבליבן אַליין, האָט אַ מאַן זיך געראַנגלט מיט
אים ביז דער פֿרימאָרגן איז אויפֿגעגאַנגען. 26 און אַז ער האָט געזען

אַז ער קען אים ניט בײַקומען, האָט ער אָנגערירט דאָס לעפֿל פֿון זײַן
דיך; און דאָס לעפֿל פֿון יעקבס דיך איז אויסגעלונקען געוואָרן אין
זײַן ראַנגלען זיך מיט אים. 27 האָט ער געזאָגט: לאָז מיך אַוועק,
וואָרום דער פֿרימאָרגן איז אויפֿגעגאַנגען. האָט ער געזאָגט: איך וועל
דיך ניט אַוועקלאָזן, סײַדן וועסט מיך בענטשן. 28 האָט ער צו אים
געזאָגט: וואָס איז דײַן נאָמען? האָט ער געזאָגט: יעקב. 29 האָט ער
געזאָגט: ניט מער זאָל יעקב גערופֿן ווערן דײַן נאָמען, נײַערט יִשׂרָאֵל,
וואָרום האָסט געשטריטן מיט גאָט און מיט מענטשן, און ביסט
בײַגעקומען. 30 האָט יעקב געפֿרעגט און האָט געזאָגט: זאָג מיר, איך
בעט דיך, דײַן נאָמען. האָט ער געזאָגט: נאָך וואָס דען פֿרעגסטו אויף
מײַן נאָמען? און ער האָט אים דאָרטן געבענטשט.

31 און יעקב האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם אָרט פּניאֵל, ווײַל:
איך האָב געזען גאָט פּנים אֶל פּנים, און מײַן זעל איז ניצול געוואָרן.
32 און די זון איז אים אויפֿגעגאַנגען ווי ער איז אַריבערגעגאַנגען
פּניאֵל. און ער האָט געהונקען אויף זײַן דיך.

33 דרום עסן ניט די קינדער פֿון ישׂראל דעם שפּרינגאָדער וואָס
אויפֿן לעפֿל פֿון דיך, ביז אויף הײַנטיקן טאָג; ווײַל ער האָט אָנגערירט
דאָס לעפֿל פֿון יעקבס דיך, דעם שפּרינגאָדער.

## לג

1 און יעקב האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן, און האָט אַ קוק
געטאָן, ערשט עֵשָׂו קומט אָן, און פֿיר הונדערט מאַן מיט
אים; האָט ער אײַנגעטײלט די קינדער צו לאהן, און צו רחלען, און
צו די צוויי דינסטן. 2 און ער האָט געשטעלט די דינסטן און זייערע
קינדער צוערשט, און לאהן און אירע קינדער הינטער זיי, און רחלען
און יוֹספֿן די לעצטע. 3 און ער איז אַוועק זיי פֿאַרויס, און ער האָט
זיך געבוקט צו דער ערד זיבן מאָל ביז ער האָט גענענט צו זײַן
ברודער.

4 איז עֵשָׂו אים געלאָפֿן אַנטקעגן, און ער האָט אים אַרומגענומען,
און איז אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז, און האָט אים געקושט, און זיי
האָבן געוויינט. 5 און ער האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן, און האָט
געזען די ווײַבער און די קינדער, און ער האָט געזאָגט: ווער זײַנען די

דאָזיקע בײַ דיר? האָט ער געזאָגט: די קינדער מיט וואָס גאָט האָט
געלײַטזעליקט דײַן קנעכט.

6 האָבן גענענט די דינסטן, זיי און זייערע קינדער, און האָבן זיך
געבוקט. 7 און אויך לאה און אירע קינדער האָבן גענענט, און האָבן
זיך געבוקט; און דערנאָך האָבן גענענט יוֹסף און רחל, און האָבן זיך
געבוקט.

8 האָט ער געזאָגט: וואָס איז בײַ דיר די דאָזיקע גאַנצע מחנה וואָס
איך האָב באַגעגנט? האָט ער געזאָגט: צו געפֿינען לײַטזעליקייט אין
די אויגן פֿון מײַן האַר. 9 האָט עֵשָׂו געזאָגט: איך האָב גענוג, מײַן
ברודער, זאָל בלײַבן בײַ דיר וואָס בײַ דיר. 10 האָט יעקב געזאָגט:
ניין, איך בעט דיך; אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפֿונען
לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, זאָלסטו אָננעמען מײַן מתּנה פֿון מײַן
האַנט, וואָרום איך האָב געזען דײַן פּנים, אַזוי ווי מע זעט דעם פּנים
פֿון גאָט, און דו האָסט מיך באַוויליקט. 11 נעם אָן, איך בעט דיך,
מײַן געשאַנק וואָס איז דיר געבראַכט געוואָרן, ווײַל גאָט האָט מיך
געלײַטזעליקט, און ווײַל בײַ מיר איז דאָ פֿון אַלעם. און ער איז
צוגעשטאַנען צו אים, ביז ער האָט אָנגענומען.

12 האָט ער געזאָגט: לאָמיר ציען און גיין, און איך וועל גיין לעבן
דיר. 13 האָט ער צו אים געזאָגט: מײַן האַר מערקט אַז די קינדער
זײַנען יונג, און די שאָף און די רינדער זײַנען בײַ מיר זייגעדיקע, און
אַז מע וועט זיי צוטרײַבן איין טאָג, וועלן אויסשטאַרבן אַלע שאָף. 14
זאָל, איך בעט דיך, מײַן האַר אַוועקגיין פֿאַרויס פֿאַר זײַן קנעכט, און
איך וועל מיר ציען פּאַמעלעך נאָך די טריט פֿון דעם פֿי וואָס פֿאַר
מיר, און נאָך די טריט פֿון די קינדער, ביז וואַנען איך וועל קומען צו
מײַן האַר קיין שֵׂעִיר. 15 האָט עֵשָׂו געזאָגט: לאָמיך אָפּשטעלן בײַ דיר
פֿון דעם פֿאָלק וואָס מיט מיר. האָט ער געזאָגט: נאָך וואָס גאָר זאָל
איך געפֿינען לײַטזעליקייט אין די אויגן פֿון מײַן האַר?

16 און עֵשָׂו האָט זיך אומגעקערט אין יענעם טאָג אויף זײַן וועג קיין
שֵׂעִיר. 17 און יעקב האָט אַוועקגעצויגן קיין סוּכּוֹת, און ער האָט
געבויט פֿאַר זיך אַ הויז, און פֿאַר זײַנע פֿי האָט ער געמאַכט בײַדלעך;
דרום האָט מען גערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם אָרט סוּכּוֹת.

18 און יעקב איז געקומען בשלום אין דער שטאָט שכֶם וואָס אין
לאַנד כְּנַעַן, ווען ער איז געקומען פֿון פַּדַן-אַרָם; און ער האָט
געלאַגערט פֿאַר דער שטאָט. 19 און ער האָט אָפּגעקויפֿט דאָס שטיק
פֿעלד וואָס ער האָט דאָרטן אויפֿגעשטעלט זײַן געצעלט, פֿון דער
האַנט פֿון די קינדער פֿון חֲמוֹר דעם פֿאָטער פֿון שכֶמען, פֿאַר
הונדערט קשׂיטָה. 20 און ער האָט דאָרטן אויפֿגעשטעלט אַ מזבח,
און האָט אים גערופֿן אֵל-אֱלֹהֵי-יִשׂרָאֵל.

# לד

1 און דינה די טאָכטער פֿון לאהן, וואָס זי האָט געבאָרן
יעקבן, איז אַרויסגעגאַנגען זען די טעכטער פֿון לאַנד. 2 האָט
שכֶם דער זון פֿון חֲמוֹר דעם חִוִי, דעם פֿירשט פֿון לאַנד, זי דערזען,
און ער האָט זי גענומען, און איז געלעגן מיט איר, און האָט זי
געפּײַניקט. 3 און זײַן זעל האָט זיך באַהעפֿט אָן יעקבס טאָכטער
דינהן, און ער האָט ליב געקריגן די מיידל, און ער האָט גערעדט צום
האַרצן פֿון דער מיידל. 4 און שכֶם האָט געזאָגט צו זײַן פֿאָטער
חֲמוֹרן, אַזוי צו זאָגן: נעם מיר די דאָזיקע מיידל פֿאַר אַ ווײַב.

5 און יעקב האָט געהערט אַז ער האָט פֿאַראומרייניקט זײַן טאָכטער
דינהן, ווען זײַנע זין זײַנען געווען מיט זײַן פֿי אין פֿעלד; האָט יעקב
געשוויגן ביז זיי זײַנען געקומען.

6 און חֲמוֹר דער פֿאָטער פֿון שכֶמען איז אַרויסגעקומען צו יעקבן, צו
רעדן מיט אים. 7 און די זין פֿון יעקבן זײַנען געקומען פֿון פֿעלד, ווי
זיי האָבן עס געהערט; און די מענער האָבן זיך געקלעמט, און זיי
האָט שטאַרק געברענט וואָס ער האָט באַגאַנגען אַ נבָלה אַקעגן
ישׂראל, צו ליגן מיט דער טאָכטער פֿון יעקבן, וואָס אַזוי-וואָס טאָר
ניט געטאָן ווערן.

8 און חֲמוֹר האָט גערעדט מיט זיי, אַזוי צו זאָגן: די זעל פֿון מײַן זון
שכֶמען גלוסט נאָך אײַער טאָכטער. גיט זי אים, איך בעט אײַך, פֿאַר
אַ ווײַב. 9 און זײַט זיך מתחתּן מיט אונדז; אײַערע טעכטער וועט איר
אונדז געבן, און אונדזערע טעכטער וועט איר אײַך נעמען. 10 און
איר וועט זיך באַזעצן בײַ אונדז, און דאָס לאַנד וועט ליגן פֿאַר אײַך;
זיצט און פֿאַרקערט דרינען און באַפֿעסטיקט אײַך אין איר. 11 און
שכֶם האָט געזאָגט צו איר פֿאָטער און צו אירע ברידער: לאָמיך

געפֿינען לײַטזעליקייט אין אײַערע אויגן, און וואָס איר וועט מיר
זאָגן, וועל איך געבן. 12 מערט אויף מיר נדן און מתּנות ביז גאָר, און
איך וועל געבן אַזוי ווי איר וועט מיר זאָגן, נאָר גיט מיר די מיידל
פֿאַר אַ ווײַב.

13 האָבן די זין פֿון יעקבן געענטפֿערט שכֶם און זײַן פֿאָטער חַמוֹרן
מיט ליסטיקייט, און זיי האָבן גערעדט – ווײַל ער האָט
פֿאַראומרייניקט זייער שוועסטער דינהן – 14 און זיי האָבן צו זיי
געזאָגט: מיר קענען ניט טאָן די דאָזיקע זאַך, צו געבן אונדזער
שוועסטער צו אַ מאַן וואָס איז אומבאַשניטן, וואָרום דאָס איז אַ
חרפּה פֿאַר אונדז. 15 נאָר מיט דעם באַדינג וועלן מיר אײַנוויליקן צו
אײַך: אויב איר וועט ווערן אַזוי ווי מיר, אַז בײַ אײַך זאָל געמַלט ווערן
איטלעכער מאַנספּאַרשוין. 16 דענצמאָל וועלן מיר אײַך געבן
אונדזערע טעכטער, און אײַערע טעכטער וועלן מיר אונדז נעמען,
און מיר וועלן זיך באַזעצן בײַ אײַך, און ווערן איין פֿאָלק. 17 אָבער
אַז איר וועט ניט צוהערן צו אונדז, זיך צו מַלן, וועלן מיר נעמען
אונדזער טאָכטער, און מיר וועלן אַוועקגיין.

18 און זייערע ווערטער זײַנען וויל געפֿעלן אין די אויגן פֿון חַמוֹרן,
און אין די אויגן פֿון שכֶם דעם זון פֿון חַמוֹרן. 19 און דער יונג האָט
ניט געזאַמט צו טאָן די זאַך, וואָרום ער האָט געגאַרט נאָך דער
טאָכטער פֿון יעקבן; און ער איז געווען דער אָנגעזעענסטער פֿון דעם
גאַנצן הויז פֿון זײַן פֿאָטער. 20 און חַמוֹר און זײַן זון שכֶם זײַנען
געקומען צום טויער פֿון זייער שטאָט, און האָבן גערעדט צו די
מענטשן פֿון זייער שטאָט, אַזוי צו זאָגן: 21 די דאָזיקע מענטשן
זײַנען אין שלום מיט אונדז; זאָלן זיי זיך באַזעצן אין לאַנד, און
פֿאַרקערן דרינען; וואָרום זעט, דאָס לאַנד ליגט געראַם אין אָרט פֿאַר
זיי. זייערע טעכטער וועלן מיר אונדז נעמען פֿאַר ווײַבער, און
אונדזערע טעכטער וועלן מיר זיי געבן. 22 אָבער נאָר מיט דעם
באַדינג וועלן די מענטשן אײַנוויליקן צו אונדז זיך צו באַזעצן בײַ
אונדז, צו ווערן איין פֿאָלק, אַז בײַ אונדז זאָל געמַלט ווערן
איטלעכער מאַנספּאַרשוין, אַזוי ווי זיי זײַנען געמַלט. 23 זייער פֿי, און
זייער אייגנס, און אַלע זייערע בהמות, וועלן דאָך זײַן אונדזערע;
זאָלן מיר נאָר אײַנוויליקן צו זיי, און זיי זאָלן זיך באַזעצן בײַ אונדז.

24 האָבן אַלע אַרויסגייער פֿון דעם טויער פֿון זײַן שטאָט צוגעהערט
צו חֲמוֹרן און צו זײַן זון שכֶמען, און אַלע מאַנספּאַרשוינען זײַנען
געמַלט געוואָרן, אַלע אַרויסגייער פֿון דעם טויער פֿון זײַן שטאָט.

25 און עס איז געווען אויפֿן דריטן טאָג, ווען זיי זײַנען געווען אין
ווייטאָק, האָבן יעקבס צוויי זין, שמעון און לֵוִי, די ברידער פֿון דינהן,
גענומען איטלעכער זײַן שווערד, און זיי זײַנען געקומען זיכערערהייט
אויף דער שטאָט, און האָבן אויסגעהרגעט אַלע מאַנספּאַרשוינען. 26
אויך חֲמוֹרן און זײַן זון שכֶמען האָבן זיי געהרגעט מיטן שאַרף פֿון
שווערד; און זיי האָבן צוגענומען דינהן פֿון שכֶמס הויז, און זײַנען
אַרויסגעגאַנגען. 27 זײַנען די זין פֿון יעקבן געקומען אויף די
דערשלאָגענע, און האָבן אויסגערויבט די שטאָט, ווײַל זיי האָבן
פֿאַראומרייניקט זייער שוועסטער; 28 זייערע שאָף און זייערע
רינדער און זייערע אייזלען, סײַ וואָס אין שטאָט, סײַ וואָס אין פֿעלד,
האָבן זיי צוגענומען; 29 און זייער גאַנצן פֿאַרמעג, און אַלע זייערע
קליינע קינדער און זייערע ווײַבער, האָבן זיי געפֿאַנגען און
אַוועקגערויבט – אַלע וואָס אין הויז.

30 האָט יעקב געזאָגט צו שמעונען און צו לֵוִין: איר האָט מיך
פֿאַראומגליקט, מיך צו פֿאַרמיאוסן בײַ דעם באַוווינער פֿון לאַנד, בײַ
דעם כּנַעֲני און בײַ דעם פּרִזִי; וואָרום איך בין אַ הײַפֿל מענטשן, און
זיי וועלן זיך אויפֿקלײַבן אַקעגן מיר, און וועלן מיך שלאָגן, און איך
און מײַן הויז וועלן פֿאַרטיליקט ווערן. 31 האָבן זיי געזאָגט: זאָל מען
אַזוי ווי מיט אַ זונה זיך באַגיין מיט אונדזער שוועסטער?

## לה

1 און גאָט האָט געזאָגט צו יעקבן: שטיי אויף, גיי אַרויף קיין
בית-אֵל און זיץ דאָרטן, און מאַך דאָרטן אַ מזבח צו דעם
גאָט וואָס האָט זיך באַוויזן צו דיר בײַ דײַן אַנטלויפֿן פֿון דײַן ברודער
עֵשָׂון.

2 האָט יעקב געזאָגט צו זײַן הויזגעזינט, און צו אַלע וואָס מיט אים:
טוט אָפּ די פֿרעמדע געטער וואָס צווישן אײַך, און רייניקט אײַך, און
בײַט איבער אײַערע קליידער. 3 און לאָמיר אויפֿשטיין און אַרויפֿגיין
קיין בית-אֵל, און איך וועל דאָרטן מאַכן אַ מזבח צו דעם גאָט וואָס

האָט מיר געענטפֿערט אין טאָג פֿון מײַן נויט, און איז געווען מיט
מיר אויף דעם וועג וואָס איך בין געגאַנגען.

4 האָבן זיי אָפּגעגעבן יעקבן אַלע פֿרעמדע געטער וואָס אין זייער
האַנט, און די אוירינגען וואָס אין זייערע אויערן; און יעקב האָט זיי
באַהאַלטן אונטער דעם אייכנבוים וואָס בײַ שכֶם. 5 און זיי האָבן
אַוועקגעצויגן; און אַ שרעק פֿון גאָט איז געווען אויף די שטעט וואָס
אַרום זיי, און זיי האָבן ניט נאָכגעיאָגט די זין פֿון יעקבן.

6 און יעקב איז געקומען קיין לוז וואָס אין לאַנד כּנַעַן – דאָס איז
בית-אֵל – ער און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט אים. 7 און ער האָט
דאָרטן געבויט אַ מזבח, און האָט גערופֿן דעם אָרט אֵל-בית-אֵל,
וואָרום דאָרטן האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט צו אים בײַ זײַן אַנטלויפֿן
פֿון זײַן ברודער.

8 און דבוֹרה, רבקהס אַם, איז געשטאָרבן, און זי איז באַגראָבן
געוואָרן אונטער בית-אֵל, אונטער דעם אייכנבוים; און ער האָט
גערופֿן זײַן נאָמען אַלוֹן-בכות.

9 און גאָט האָט זיך ווידער באַוויזן צו יעקבן בײַ זײַן קומען פֿון פּדַן-
אַרָם, און ער האָט אים געבענטשט. 10 און גאָט האָט צו אים
געזאָגט: דײַן נאָמען איז יעקב; זאָל מער ניט גערופֿן ווערן דײַן נאָמען
יעקב, נײַערט ישׂראל זאָל זײַן דײַן נאָמען; און ער האָט גערופֿן זײַן
נאָמען ישׂראל. 11 און גאָט האָט צו אים געזאָגט: איך בין גאָט שַדַי,
פֿרוכפּער דיך און מער דיך; אַ פֿאָלק און אַ געזעמל פֿעלקער זאָל
ווערן פֿון דיר, און מלכים זאָלן אַרויסגיין פֿון דײַנע לענדן. 12 און
דאָס לאַנד וואָס איך האָב געגעבן אבֿרהמען און יצחקן, דיר וועל איך
עס געבן, און דײַן זאָמען נאָך דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד.

13 און גאָט האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון איבער אים אין דעם אָרט ווּ
ער האָט מיט אים גערעדט. 14 און יעקב האָט אויפֿגעשטעלט אַ זײַל
אויף דעם אָרט ווּ ער האָט מיט אים גערעדט, אַ זײַל פֿון שטיין, און
ער האָט אַרויפֿגעגאָסן אויף אים אַ גיסאָפּפֿער, און געגאָסן אויף אים
אייל. 15 און יעקב האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם אָרט וואָס גאָט
האָט גערעדט מיט אים דאָרטן, בית-אֵל.

16 און זיי האָבן אַוועקגעצויגן פֿון בית-אֵל. און ווען עס איז נאָך
געווען אַ שטרעק לאַנד צו קומען קיין אֶפֿרָת, איז רחל געגאַנגען צו
קינד, און זי האָט געהאַט אַ שווערע געבורט. 17 און עס איז געווען,
אין איר שווערער געבורט, האָט די הייבין צו איר געזאָגט: זאָלסט
ניט מורא האָבן, וואָרום אויך דאָס איז דיר אַ זון. 18 און עס איז
געווען, ווען איר נשמה איז אויסגעגאַנגען, בעת זי איז געשטאָרבן,
האָט זי גערופֿן זײַן נאָמען בן-אוֹני; אָבער זײַן פֿאָטער האָט אים
גערופֿן בנימין.

19 און רחל איז געשטאָרבן, און זי איז באַגראָבן געוואָרן אויפֿן וועג
קיין אֶפֿרָת, דאָס איז בית-לֶחֶם. 20 און יעקב האָט געשטעלט אַ
מצבֿה אויף איר קבֿר; דאָס איז די מצבֿה פֿון רחלס קבֿר ביז אויף
הײַנט.

21 און ישׂראל האָט אַוועקגעצויגן, און ער האָט אויפֿגעשטעלט זײַן
געצעלט פֿון יענער זײַט מִגדַל-עֵדֶר.

22 און עס איז געווען ווען ישׂראל האָט געוווינט אין יענעם לאַנד,
איז געגאַנגען ראובן און איז געלעגן מיט בלהָה, זײַן פֿאָטערס
קעפּסווײַב; און ישׂראל האָט עס געהערט.

און די זין פֿון יעקבן זײַנען געווען צוועלף: 23 די זין פֿון לאהן:
יעקבס בכָור ראובן, און שמעון, און לֵוִי, און יהודה, און יִשָׂשׂכָר, און
זבולון; 24 די זין פֿון רחלען: יוֹסף און בנימין; 25 און די זין פֿון
בלהָה, רחלס דינסט: דָן און נפֿתּלי; 26 און די זין פֿון זִלפָּה, לאהס
דינסט: גָד און אָשר. דאָס זײַנען די זין פֿון יעקבן, וואָס זײַנען אים
געבאָרן געוואָרן אין פַּדַן-אַרָם.

27 און יעקב איז געקומען צו זײַן פֿאָטער יצחקן קיין מַמרֵא, קיין
קִריַת-אַרבע – דאָס איז חֶברוֹן – וואָס דאָרטן האָט געוווינט אבֿרהם
און יצחק.

28 און די טעג פֿון יצחקן זײַנען געווען הונדערט יאָר און אַכציק יאָר.
29 און יצחק איז פֿאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן, און ער איז
אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַן פֿאָלק, אַלט און זאַט מיט טעג. און
עֵשָׂו און יעקב זײַנע זין האָבן אים באַגראָבן.

# לו

1 און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון עֵשָׂון, דאָס איז אֶדוֹם. 2 עֵשָׂו
האָט גענומען זײַנע װײַבער פֿון די טעכטער פֿון כּנַעַן: עָדָה די
טאָכטער פֿון אֵילוֹן דעם חִתּי, און אָהלִיבָמָה די טאָכטער פֿון עֲנָהן,
די טאָכטער פֿון צִבְעוֹן דעם חִוִי; 3 און בשׂמַת די טאָכטער פֿון
יִשמָעֵאלן, די שװעסטער פֿון נבָיוֹתן. 4 און עָדָה האָט עֵשָׂון געבאָרן
אֶלִיפַזן; און בשׂמַת האָט געבאָרן רְעוּאֵלן; 5 און אָהלִיבָמָה האָט
געבאָרן יְעוּשן, און יַעְלָמען, און קרַחן. דאָס זײַנען די זין פֿון עֵשָׂון,
װאָס זײַנען אים געבאָרן געװאָרן אין לאַנד כּנַעַן.

6 און עֵשָׂו האָט גענומען זײַנע װײַבער, און זײַנע זין און זײַנע
טעכטער, און אַלע נפשות פֿון זײַן הױזגעזינט, און זײַן פי, און אַלע
זײַנע בהמות, און זײַן גאַנץ אײגנס װאָס ער האָט אָנגעקליבן אין
לאַנד כּנַעַן, און ער איז אַװעקגעגאַנגען אין אַ לאַנד, אַװעק פֿון זײַן
ברודער יעקבן. 7 װאָרום זײער פֿאַרמעג איז געװען צו גרױס אױף צו
זיצן באַנאַנד, און דאָס לאַנד פֿון זײער װוּנשאַפט האָט זײ ניט
געקענט טראָגן פֿון װעגן זײער פי. 8 האָט עֵשָׂו זיך באַזעצט אױפֿן
באַרג שֵׂעִיר; עֵשָׂו דאָס איז אֶדוֹם.

9 און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון עֵשָׂו דעם פאָטער פֿון אֶדוֹם אױפֿן
באַרג שֵׂעִיר. 10 דאָס זײַנען די נעמען פֿון עֵשָׂוס זין: אֶלִיפַז דער זון
פֿון עֵשָׂוס װײַב עָדָהן, רְעוּאֵל דער זון פֿון עֵשָׂוס װײַב בשׂמַתן. 11 און
די זין פֿון אֶלִיפַזן זײַנען געװען: תֵּימָן, אוֹמָר, צפוֹ, און גַעְתָּם, און קנַז.
12 און תִּמנַע איז געװען אַ קעפּסװײַב פֿון עֵשָׂוס זון אֶלִיפַזן, און זי
האָט אֶלִיפַזן געבאָרן עַמָלֵקן. דאָס זײַנען די זין פֿון עֵשָׂוס װײַב עָדָהן.
13 און דאָס זײַנען די זין פֿון רְעוּאֵלן: נַחַת, און זֶרַח, שַמָה, און מִזָה.
דאָס זײַנען געװען די זין פֿון עֵשָׂוס װײַב בשׂמַתן. 14 און דאָס זײַנען
געװען די זין פֿון עֵשָׂוס װײַב אָהלִיבָמָה דער טאָכטער פֿון עֲנָהן, דער
טאָכטער פֿון צִבְעוֹנען; זי האָט עֵשָׂון געבאָרן יְעוּשן, און יַעְלָמען, און
קֹרַחן.

15 דאָס זײַנען די פירשטן פֿון די קינדער פֿון עֵשָׂו: די קינדער פֿון
עֵשָׂוס בכָור אֶלִיפַזן: דער פירשט פֿון תֵּימָן, דער פירשט פֿון אוֹמָר,
דער פירשט פֿון צפוֹ, דער פירשט פֿון קנַז, 16 דער פירשט פֿון קֹרַח,
דער פירשט פֿון גַעְתָּם, דער פירשט פֿון עַמָלֵק. דאָס זײַנען די פירשטן
פֿון אֶלִיפַז אין לאַנד אֶדוֹם. דאָס זײַנען די קינדער פֿון עָדָהן. 17 און
דאָס זײַנען די קינדער פֿון עֵשָׂוס זון רְעוּאֵלן: דער פירשט פֿון נַחַת,

דער פירשט פֿון זֶרַח, דער פירשט פֿון שַׁמָּה, דער פירשט פֿון מִזָּה.
דאָס זײַנען די פירשטן פֿון רְעוּאֵל אין לאַנד אֱדוֹם. דאָס זײַנען די
קינדער פֿון עֵשָׂוס ווײַב בשׂמתן. 18 און דאָס זײַנען די קינדער פֿון
עֵשָׂוס ווײַב אָהליבָמָהן: דער פירשט פֿון יְעוּש, דער פירשט פֿון יַעְלָם,
דער פירשט פֿון קֹרַח; דאָס זײַנען די פירשטן פֿון עֵשָׂוס ווײַב
אָהליבָמָה דער טאָכטער פֿון עֲנָהן. 19 דאָס זײַנען די קינדער פֿון עֵשָׂו,
און דאָס זײַנען זייערע פירשטן; דאָס איז אֱדוֹם.

20 דאָס זײַנען די זין פֿון שֵׂעִיר דעם חוֹרי, די באַוווינער פֿון לאַנד:
לוֹטָן, און שוֹבָל, און צִבְעוֹן, און עֲנָה, 21 און דִשוֹן, און אֵצֶר, און
דישָן, דאָס זײַנען די פירשטן פֿון די חוֹרים, די קינדער פֿון שֵׂעִיר אין
לאַנד אֱדוֹם. 22 און די זין פֿון לוֹטָנען זײַנען געווען חוֹרי און הֵימָם.
און לוֹטָנס שוועסטער איז געווען תִּמנַע. 23 און דאָס זײַנען די זין פֿון
שוֹבָלן: עַלוָן, און מָנַחַת, און עֵיבָל, שפוֹ, און אוֹנָם. 24 און דאָס
זײַנען די זין פֿון צִבְעוֹנען: אַיָה און עֲנָה. דאָס איז דער עֲנָה וואָס
האָט געפֿונען די הייסע קוואַלן אין דער מדבר, ווען ער האָט
געפּיטערט די אייזלען פֿון זײַן פֿאָטער צִבְעוֹנען. 25 און דאָס זײַנען די
קינדער פֿון עֲנָהן: דִשוֹן, און אָהליבָמָה די טאָכטער פֿון עֲנָהן. 26 און
דאָס זײַנען די זין פֿון דִשוֹנען: חֶמדָן, און אֶשבָן, און יִתרָן, און כּרָן.
27 דאָס זײַנען די זין פֿון אֵצֶרן: בלהָן, און זַעֲוָן, און עֲקָן. 28 דאָס
זײַנען די זין פֿון דישָנען: עוּץ און אֲרָן.

29 דאָס זײַנען די פירשטן פֿון דעם חוֹרי: דער פירשט פֿון לוֹטָן, דער
פירשט פֿון שוֹבָל, דער פירשט פֿון צִבְעוֹן, דער פירשט פֿון עֲנָה, 30
דער פירשט פֿון דִשוֹן, דער פירשט פֿון אֵצֶר, דעם פירשט פֿון דישָן.
דאָס זײַנען די פירשטן פֿון די חוֹרים, לויט זייערע פירשטן אין לאַנד
שֵׂעִיר.

31 און דאָס זײַנען די מלכים וואָס האָבן געקיניגט אין לאַנד אֱדוֹם,
אײדער עס האָט געקיניגט אַ קיניג בײַ די קינדער פֿון ישׂראל. 32 עס
האָט געקיניגט אין אֱדוֹם בלַע דער זון פֿון בעוֹרן; און דער נאָמען פֿון
זײַן שטאָט איז געווען דִנהָבָה. 33 איז בלַע געשטאָרבן, און אויף זײַן
אָרט האָט געקיניגט יוֹבָב דער זון פֿון זֶרחן, פֿון בצרָה. 34 איז יוֹבָב
געשטאָרבן, און אויף זײַן אָרט האָט געקיניגט חוּשָם פֿון לאַנד פֿון
דעם תֵּימָני. 35 איז חוּשָם געשטאָרבן, און אויף זײַן אָרט האָט
געקיניגט הֲדַד דער זון פֿון בדַדן, וואָס האָט געשלאָגן מִדיָן אין פעלד

פֿון מואָב; און דער נאָמען פֿון זײַן שטאָט איז געווען עַוִית. 36 איז
הֲדַד געשטאָרבן, און אויף זײַן אָרט האָט געקיניגט שַׂמלָה פֿון
מַשׂרֵקָה. 37 איז שַׂמלָה געשטאָרבן, און אויף זײַן אָרט האָט געקיניגט
שָאול פֿון רחובֿות בײַם טײַך. 38 איז שָאול געשטאָרבן, און אויף זײַן
אָרט האָט געקיניגט בַּעַל-חָנָן דער זון פֿון עַכבּוֹרן. 39 איז בַּעַל-חָנָן
דער זון פֿון עַכבּוֹרן געשטאָרבן, און אויף זײַן אָרט האָט געקיניגט
הֲדַד; און דער נאָמען פֿון זײַן שטאָט איז געווען פָּעו; און דער נאָמען
פֿון זײַן ווײַב איז געווען מהֵיטַבאֵל די טאָכטער פֿון מַטרֵד דער
טאָכטער פֿון מֵי-זָהָבן.

40 און דאָס זײַנען די נעמען פֿון די פירשטן פֿון עֵשָׂו, לויט זייערע
משפּחות, לויט זייערע ערטער, מיט זייערע נעמען: דער פירשט פֿון
תִּמנַע, דער פירשט פֿון עַלוָה, דער פירשט פֿון יתֵת, 41 דער פירשט
פֿון אָהליבָמָה, דער פירשט פֿון אֵלָה, דער פירשט פֿון פּינוֹן, 42 דער
פירשט פֿון קנַז, דער פירשט פֿון תֵּימָן, דער פירשט פֿון מִבצָר, 43
דער פירשט פֿון מַגדיאֵל, דער פירשט פֿון עִירָם. דאָס זײַנען די
פירשטן פֿון אֱדוֹם לויט זייערע ווינערטער, אין דעם לאַנד פֿון זייער
אייגנטום. דאָס איז עֵשָׂו דער פֿאָטער פֿון אֱדוֹם.

# וַיֵּשֶׁב

לז 1 און יעקב איז געזעסן אין דעם לאַנד פֿון זײַן פֿאָטערס
ווו̇ינשאַפט, אין לאַנד כּנַעַן.

2 דאָס איז די געשיכטע פֿון יעקבן: יוֹסף צו זיבעצן יאָר איז געווען אַ
פּאַסטוך מיט זײַנע ברידער בײַ די שאָף; און ער איז געווען אַ ייִנגל
אַקעגן די זין פֿון בלהָהן, און אַקעגן די זין פֿון זִלפָּהן, די ווײַבער פֿון
זײַן פֿאָטער; און יוֹסף האָט געבראַכט בייזע רייד אויף זיי צו זייער
פֿאָטער.

3 און ישׂראל האָט ליב געהאַט יוֹספֿן מער פֿון אַלע זײַנע זין, ווײַל ער
איז בײַ אים געווען אַ בן-זקונים. און ער האָט אים געמאַכט אַ
געשטרײַפּט העמדל. 4 און אַז זײַנע ברידער האָבן געזען אַז זייער
פֿאָטער האָט אים ליבער פֿון אַלע זײַנע ברידער, האָבן זיי אים פֿײַנט
געקריגן, און ניט געקענט רעדן צו אים פֿרידלעך.

5 און יוֹספֿן האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ער האָט דערציילט זײַנע
ברידער, און זיי האָבן אים נאָך מער פֿײַנט געקריגן. 6 און ער האָט
צו זיי געזאָגט: הערט אַקאָרשט דעם דאָזיקן חלום וואָס מיר האָט
זיך געחלומט: 7 מיר בינדן אַזוי גאַרבן אין פֿעלד, ערשט מײַן גאַרב
האָט זיך אויפֿגעהויבן, און איז אויך געבליבן שטיין; און זע, אײַערע
גאַרבן האָבן זיך אַרומגעשטעלט, און האָבן זיך געבוקט צו מײַן
גאַרב.

8 האָבן זײַנע ברידער צו אים געזאָגט: קיניגן ווילסטו קיניגן איבער
אונדז? אָדער געוועלטיקן ווילסטו געוועלטיקן איבער אונדז? און זיי
האָבן אים נאָך מער פֿײַנט געקריגן פֿאַר זײַנע חלוֹמות, און פֿאַר זײַנע
רייד.

9 און אים האָט זיך ווידער געחלומט אַן אַנדער חלום, און ער האָט
דערציילט זײַנע ברידער, און האָט געזאָגט: אָט האָט זיך מיר ווידער
געחלומט אַ חלום: ערשט די זון און די לבנה און די עלף שטערן
בוקן זיך צו מיר.

10 און ווי ער האָט עס דערציילט זײַן פֿאָטער און זײַנע ברידער, האָט
זײַן פֿאָטער אָנגעשריען אויף אים, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס
איז דאָס פֿאַר אַ חלום וואָס דיר האָט זיך געחלומט? זאָל איך און
דײַן מוטער און דײַנע ברידער גאָר קומען זיך בוקן פֿאַר דיר צו דער
ערד?

11 און די ברידער האָבן אים מקנא געווען; אָבער זײַן פֿאָטער האָט
די זאַך געהאַלטן אין זינען.

12 און זײַנע ברידער זײַנען געגאַנגען פּיטערן די שאָף פֿון זייער
פֿאָטער אין שכֶם. 13 האָט ישׂראל געזאָגט צו יוֹספֿן: דײַנע ברידער
פּיטערן דאָך אין שכֶם; קום און איך וועל דיך שיקן צו זיי. האָט ער
צו אים געזאָגט: דאָ בין איך. 14 האָט ער צו אים געזאָגט: גיי
אַקאָרשט זע אויב פֿריד איז צו דײַנע ברידער, און פֿריד צו די שאָף,
און ברענג מיר אַן ענטפֿער. און ער האָט אים אַוועקגעשיקט פֿון
דעם טאָל פֿון חֶברוֹן, און ער איז געקומען קיין שכֶם. 15 האָט אים
געפֿונען אַ מאַן, ערשט ער בלאָנדזשעט אום אין פֿעלד; און דער מאַן
האָט אים געפֿרעגט, אַזוי צו זאָגן: וואָס זוכסטו? 16 האָט ער
געזאָגט: מײַנע ברידער זוך איך; זאָג מיר, איך בעט דיך, ווו פּיטערן

זיי? 17 האָט דער מאַן געזאָגט: זיי האָבן אַוועקגעצויגן פֿון דאַנען,
וואָרום איך האָב געהערט ווי זיי זאָגן: לאָמיר גיין קיין דותָן. איז יוסף
געגאַנגען נאָך זײַנע ברידער, און ער האָט זיי געפֿונען אין דותָן.

18 און ווי זיי האָבן אים דערזען פֿון ווײַטן, און אײדער נאָך ער האָט
גענענט צו זיי, האָבן זיי זיך געקליגט קעגן אים, אים צו טייטן. 19
און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: אָן קומט דער דאָזיקער
בעל-חלומות. 20 און אַצונד, קומט, און לאָמיר אים הרגען, און אים
אַרײַנוואַרפֿן אין איינער פֿון די גריבער, און מיר וועלן זאָגן: אַ בייזע
חיה האָט אים אויפֿגעגעסן; און מיר וועלן זען וואָס וועט ווערן פֿון
זײַנע חלומות.

21 האָט ראובן דערהערט, און ער האָט אים געזוכט מציל צו זײַן פֿון
זייער האַנט, און האָט געזאָגט: לאָמיר אים ניט נעמען דאָס לעבן. 22
און ראובן האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט פֿאַרגיסן קיין בלוט;
וואַרפֿט אים אַרײַן אין יענער גרוב וואָס אין מדבר, אָבער אַ האַנט
זאָלט איר ניט אויסשטרעקן אויף אים – כּדי אים מציל צו זײַן פֿון
זייער האַנט, אים אומצוקערן צו זײַן פֿאָטער.

23 און עס איז געווען, ווי יוסף איז צוגעקומען צו זײַנע ברידער, אַזוי
האָבן זיי אויסגעטאָן יוספֿן זײַן העמדל, דאָס געשטרײַפֿטע העמדל
וואָס אויף אים. 24 און זיי האָבן אים גענומען, און האָבן אים
אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער גרוב. און די גרוב איז געווען ליידיק, קיין
וואַסער איז אין איר ניט געווען.

25 און זיי האָבן זיך געזעצט עסן ברויט. און זיי האָבן אויפֿגעהויבן
זייערע אויגן, און האָבן אַ קוק געטאָן, ערשט אַ קאַראַוואַן
ישמעאֵלים קומט אָן פֿון גִלעָד, און זייערע קעמלען טראָגן געווירץ
און באַלזאַם און לאַדאַן וואָס זיי גייען אַראָפּנידערן קיין מִצרַיִם. 26
האָט יהודה געזאָגט צו זײַנע ברידער: וואָס וועט אַרויסקומען, אַז
מיר וועלן הרגען אונדזער ברודער, און מיר וועלן פֿאַרדעקן זײַן
בלוט? 27 קומט, און לאָמיר אים פֿאַרקויפֿן צו די ישמעאֵלים, און
אונדזער האַנט זאָל ניט זײַן אויף אים; וואָרום אונדזער ברודער,
אונדזער פֿלייש איז ער. און זײַנע ברידער האָבן צוגעהערט. 28 און
ווי די מִדיָנישע לײַט, די סוחרים, זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען, אַזוי האָבן
זיי אַרויסגעצויגן און אַרויפֿגעבראַכט יוספֿן פֿון דער גרוב, און

זיי האָבן פֿאַרקויפֿט יוספֿן צו די יִשמעאֵלים פֿאַר צוואַנציק
זילבערשטיק; און די האָבן אַוועקגעפֿירט יוספֿן קיין מִצרַיִם.

29 און ראובן האָט זיך אומגעקערט צו דער גרוב, ערשט יוסף איז
ניטאָ אין דער גרוב; האָט ער צעריסן זײַנע קליידער. 30 און ער האָט
זיך אומגעקערט צו זײַנע ברידער, און האָט געזאָגט: דער ייִנגל איז
ניטאָ, און איך, ווו טו איך מיך אַהין?

31 און זיי האָבן גענומען יוספֿס העמדל, און האָבן געשאָכטן אַ
ציגנבאָק, און האָבן אײַנגעטונקט דאָס העמדל אין דעם בלוט. 32
און זיי האָבן אַוועקגעשיקט דאָס געשטרײַפֿטע העמדל, און געלאָזט
ברענגען צו זייער פֿאָטער, און געלאָזט זאָגן: דאָס האָבן מיר
געפֿונען; דערקען אַקאָרשט אויב דאָס איז דײַן זונס העמדל אָדער
ניט. 33 האָט ער עס דערקענט, און ער האָט געזאָגט: מײַן זונס
העמדל; אַ בייזע חיה האָט אים אויפֿגעגעסן, פֿאַרצוקן פֿאַרצוקט
געוואָרן איז יוסף. 34 און יעקב האָט צעריסן זײַנע קליידער, און
אָנגעטאָן זאַק אויף זײַנע לענדן, און ער האָט געטרויערט אויף זײַן
זון פֿיל טעג. 35 און אַלע זײַנע זין און אַלע זײַנע טעכטער זײַנען
אויפֿגעשטאַנען אים צו טרייסטן, אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט
טרייסטן; און ער האָט געזאָגט: פֿאַר וואָר, אַן אָבל וועל איך נידערן
צו מײַן זון אין קבֿר. און זײַן פֿאָטער האָט אים באַוויינט.

36 און די מְדָנִים האָבן אים פֿאַרקויפֿט אין מִצרַיִם צו פּוֹטיפֿרן, אַ
הויפֿדינער פֿון פַּרעהן, דעם אויבערלײַבוועכטער.

לח 1 און עס איז געווען אין יענער צײַט, האָט יהודה
אַראָפּגענידערט פֿון זײַנע ברידער, און ער האָט אײַנגעקערט
צו אַ מאַן פֿון עֲדוּלָם, וואָס זײַן נאָמען איז געווען חִירָה. 2 און יהודה
האָט דאָרטן געזען די טאָכטער פֿון אַ מאַן אַ כּנַעֲני, וואָס זײַן נאָמען
איז געווען שוּעַ, און ער האָט זי גענומען, און איז געקומען צו איר. 3
און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און ער האָט
גערופֿן זײַן נאָמען עֵר. 4 און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און
האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען אוֹנָן. 5 און זי
האָט ווידער געבאָרן אַ זון; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען שֵׁלָה. און
ער איז געווען אין כּזיב, אַז זי האָט אים געבאָרן.

6 און יהודה האָט גענומען אַ ווײַב פֿאַר ער זײַן בכור, וואָס איר
נאָמען איז געווען תּמר. 7 און ער, יהודהס בכור, איז געווען שלעכט
אין די אויגן פֿון גאָט, און גאָט האָט אים געטייט. 8 האָט יהודה
געזאָגט צו אונָנען: קום צו דײַן ברודערס ווײַב, און באַשוועגער זי,
און שטעל אויף אַ זאָמען נאָך דײַן ברודער. 9 און אַזוי ווי אונן האָט
געוווּסט אַז דער זאָמען וועט ניט געהערן צו אים, איז, אַז ער איז
געקומען צו זײַן ברודערס ווײַב, האָט ער אויסגעבראַכט צו דער ערד,
כּדי ניט צו געבן אַ זאָמען צו זײַן ברודער. 10 איז געווען שלעכט אין
די אויגן פֿון גאָט וואָס ער האָט געטאָן, און ער האָט אים אויך
געטייט.

11 האָט יהודה געזאָגט צו זײַן שנור תּמרן: זיץ אַן אַלמנה אין דײַן
פֿאָטערס הויז, ביז מײַן זון שלה וועט אויפֿוואַקסן; וואָרום ער האָט
געקלערט: טאָמער וועט ער אויך שטאַרבן אַזוי ווי זײַנע ברידער.
איז תּמר אַוועקגעגאַנגען, און איז געזעסן אין איר פֿאָטערס הויז.

12 האָבן זיך געמערט די טעג, און שועס טאָכטער, די ווײַב פֿון
יהודהן, איז געשטאָרבן. און אַז יהודה האָט זיך געהאַט געטרייסט,
איז ער אַרויפֿגעגאַנגען צו די שערער פֿון זײַנע שאָף קיין תּמנה, ער
און זײַן גוטער פֿרײַנט חירה פֿון עדולם.

13 איז אָנגעזאָגט געוואָרן תּמרן, אַזוי צו זאָגן: זע, דײַן שווער גייט
אַרויף קיין תּמנה, צו שערן זײַנע שאָף. 14 האָט זי אויסגעטאָן אירע
אַלמנה-קליידער פֿון זיך, און האָט זיך פֿאַרדעקט מיט אַ שלייער, און
זיך אײַנגעוויקלט, און זי האָט זיך געזעצט בײַם אײַנגאַנג פֿון עינים,
וואָס אויפֿן וועג קיין תּמנה; וואָרום זי האָט געזען אַז שלה איז
אויפֿגעוואַקסן, און זי איז ניט געגעבן געוואָרן צו אים פֿאַר אַ ווײַב.

15 און יהודה האָט זי געזען, און ער האָט זי גערעכנט פֿאַר אַ זונה,
ווײַל זי האָט פֿאַרדעקט איר פּנים. 16 האָט ער פֿאַרקערט צו איר
בײַם וועג, און האָט געזאָגט: קום, איך בעט דיך, לאָמיך קומען צו
דיר; וואָרום ער האָט ניט געוווּסט אַז זי איז זײַן שנור. האָט זי
געזאָגט: וואָס וועסטו מיר געבן, אַז דו וועסט קומען צו מיר? 17
האָט ער געזאָגט: איך וועל שיקן אַ ציגנבעקל פֿון די שאָף. האָט זי
געזאָגט: סײַדן וועסט מיר געבן אַ משכּון ביז דו שיקסט. 18 האָט ער
געזאָגט: וואָס פֿאַר אַ משכּון זאָל איך דיר געבן? האָט זי געזאָגט:

דײַן זיגלרינג, און דײַן שנור, און דײַן שטעקן וואָס אין דײַן האַנט.
האָט ער עס איר געגעבן, און ער איז צו איר געקומען, און זי איז
טראָגעדיק געוואָרן פֿון אים. 19 און זי איז אויפֿגעשטאַנען און איז
אַוועקגעגאַנגען, און זי האָט אויסגעטאָן פֿון זיך איר שלייער, און
האָט אָנגעטאָן אירע אַלמנה-קליידער.

20 און יהודה האָט געשיקט דאָס ציגנבעקל דורך דער האַנט פֿון זײַן
גוטן פרײַנט פֿון עֲדולָם, כּדי אָפּצונעמען דעם משכּון פֿון דער פרויס
האַנט; אָבער ער האָט זי ניט געפונען. 21 האָט ער געפרעגט די
מענטשן פֿון איר אָרט, אַזוי צו זאָגן: ווּ איז די זוֹנה וואָס איז געווען
אין עֵינַיִם בײַם וועג? האָבן זיי געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין זוֹנה.
22 האָט ער זיך אומגעקערט צו יהודהן, און האָט געזאָגט: איך האָב
זי ניט געפונען. און אויך די מענטשן פֿון דעם אָרט האָבן געזאָגט: דאָ
איז ניט געווען קיין זוֹנה. 23 האָט יהודה געזאָגט: זאָל זי עס האַלטן
פֿאַר זיך, כּדי מיר זאָלן ניט ווערן צו שפּאָט; איך האָב דאָך געשיקט
דאָס דאָזיקע ציקעלע, און דו האָסט זי ניט געפונען.

24 און עס איז געווען אין אַרום דרײַ חדשים, איז אָנגעזאָגט געוואָרן
יהודהן, אַזוי צו זאָגן: דײַן שנור תָּמָר האָט מזַנה געווען, און אָט איז
זי אויך טראָגעדיק פֿון זנות. האָט יהודה געזאָגט: פירט זי אַרויס, און
זאָל זי פֿאַרברענט ווערן.

25 ווי זי איז אַרויסגעפירט געוואָרן, אַזוי האָט זי געשיקט זאָגן צו
איר שווער: פֿון דעם מאַן וואָס די דאָזיקע געהערן צו אים, בין איך
טראָגעדיק. און זי האָט געזאָגט: דערקען אַקאָרשט וועמעס איז דער
דאָזיקער זיגלרינג, און די שנורן, און דער שטעקן? 26 האָט יהודה
דערקענט, און ער האָט געזאָגט: זי איז גערעכטער פֿון מיר, דערפֿאַר
ווײַל איך האָב זי ניט געגעבן צו מײַן זון שֵׁלָהן. אָבער ער האָט מער
ווידער ניט פֿאַרקערט מיט איר.

27 און עס איז געווען אין דער צײַט פֿון איר געבערן, ערשט אַ
צווילינג איז אין איר לײַב. 28 און עס איז געווען, אַז זי האָט געבאָרן,
האָט איינער אַרויסגעשטעקט זײַן האַנט, און די הייבין האָט גענומען
און האָט אָנגעבונדן אָן זײַן האַנט אַ רויטן פּאָדים, אַזוי צו זאָגן: דער
דאָזיקער איז אַרויסגעקומען צוערשט. 29 און עס איז געווען, ווי ער
ציט צוריק זײַן האַנט, ערשט זײַן ברודער איז אַרויסגעקומען; האָט זי

געזאָגט: וואָס האָסטו זיך געריסן מיט אַזאַ רײַסעניש? און מע האָט
גערופֿן זײַן נאָמען פֶּרֶץ. 30 און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זײַן
ברודער, וואָס אויף זײַן האַנט איז געווען דער רויטער פֿאָדים; און
מע האָט גערופֿן זײַן נאָמען זֶרַח.

## לט

1 און יוֹסף איז אַראָפּגענידערט געוואָרן קיין מִצרַיִם, און
פּוֹטיפַר, אַ הויפּדינער פֿון פַּרעהן, דער אויבערלײַבוועכטער,
אַ מִצרישער מאַן, האָט אים אָפּגעקויפֿט פֿון דער האַנט פֿון די
יִשמעאֵלים וואָס האָבן אים אַהין אַראָפּגענידערט. 2 און גאָט איז
געווען מיט יוֹספֿן, און ער איז געווען אַ באַגליקטער מענטש; און ער
איז געווען אין הויז פֿון זײַן האַר דעם מִצרי. 3 און זײַן האַר האָט
געזען, אַז גאָט איז מיט אים, און אַלץ וואָס ער טוט, באַגליקט גאָט
אין זײַן האַנט; 4 האָט יוֹסף געפֿונען חן אין זײַנע אויגן, און ער האָט
אים באַדינט. און ער האָט אים אויפֿגעזעצט איבער זײַן הויז, און
אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער איבערגעגעבן אין זײַן האַנט. 5
און עס איז געווען, פֿון זינט ער האָט אים אויפֿגעזעצט איבער זײַן
הויז, און איבער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט גאָט געבענטשט
דעם מִצרִיס הויז פֿון יוֹספֿס וועגן, און אַ ברכה פֿון גאָט איז געווען
אויף אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין הויז און אין פֿעלד. 6 האָט ער
איבערגעלאָזן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין יוֹספֿס האַנט, און ער
האָט לעבן אים ניט געוווּסט פֿון קיין זאַך, אַחוץ דעם ברויט וואָס ער
האָט געגעסן. און יוֹסף איז געווען שיין אויפֿן געשטאַלט, און שיין
אויפֿן פּנים.

7 און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט זײַן האַרס
ווײַב אויפֿגעהויבן אירע אויגן אויף יוֹספֿן, און זי האָט געזאָגט: ליג
מיט מיר. 8 האָט ער ניט געוואָלט, און ער האָט געזאָגט צו זײַן
האַרס ווײַב: זע, מײַן האַר ווייס ניט לעבן מיר וואָס אין הויז טוט זיך,
און אַלץ וואָס ער האָט, האָט ער איבערגעגעבן אין מײַן האַנט. 9 ער
איז אין דעם דאָזיקן הויז ניט גרעסער פֿון מיר, און ער האָט ניט
פֿאַרמיטן פֿון מיר קיין זאַך, נאָר בלויז דיך, ווײַל דו ביסט זײַן ווײַב.
הײַנט ווי קען איך טאָן דאָס דאָזיקע גרויסע בייז, און זינדיקן צו
גאָט?

10 און עס איז געווען, אַז זי האָט גערעדט צו יוספֿן טאָג פֿאַר טאָג,
און ער האָט ניט צוגעהערט צו איר, צו ליגן מיט איר, צו זײַן מיט
איר, 11 איז, איין טאָג ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין הויז צו טאָן
זײַן אַרבעט, און קיין מענטש פֿון די הויזלײַט איז דאָרטן ניט געווען
אין הויז, 12 האָט זי אים אָנגעכאַפּט פֿאַר זײַן קלייד, אַזוי צו זאָגן:
ליג מיט מיר. האָט ער איבערגעלאָזן זײַן קלייד אין איר האַנט, און
איז אַנטלאָפֿן און אַרויס דרויסן. 13 און עס איז געווען, ווי זי האָט
געזען, אַז ער האָט איבערגעלאָזן זײַן קלייד אין איר האַנט, און איז
אַנטלאָפֿן דרויסן, 14 אַזוי האָט זי גערופֿן צו אירע הויזלײַט, און האָט
צו זיי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זעט, מע האָט אונדז געבראַכט אַ מאַן אַ
עבֿרי, צו מאַכן געשפּעט פֿון אונדז; ער איז געקומען צו מיר צו ליגן
מיט מיר, און איך האָב גערופֿן אויף אַ הויכן קָול. 15 איז, ווי ער האָט
געהערט, אַז איך האָב אויפֿגעהויבן מײַן קָול און האָב גערופֿן, אַזוי
האָט ער איבערגעלאָזן זײַן קלייד בײַ מיר, און איז אַנטלאָפֿן און
אַרויס דרויסן.

16 און זי האָט אַוועקגעלייגט זײַן קלייד בײַ זיך, ביז זײַן האַר איז
געקומען אַהיים. 17 און זי האָט גערעדט צו אים אַזוי ווי די דאָזיקע
ווערטער, אַזוי צו זאָגן: דער קנעכט דער עבֿרי וואָס דו האָסט אונדז
געבראַכט, איז געקומען צו מיר צו מאַכן געשפּעט פֿון מיר. 18 און
עס איז געווען, ווי איך האָב אויפֿגעהויבן מײַן קָול און האָב גערופֿן,
אַזוי האָט ער איבערגעלאָזן זײַן קלייד בײַ מיר, און איז אַנטלאָפֿן
דרויסן.

19 און עס איז געווען, ווי זײַן האַר האָט געהערט די ווערטער פֿון זײַן
ווײַב, וואָס זי האָט צו אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אַזעלכע זאַכן
האָט געטאָן צו מיר דײַן קנעכט, האָט זײַן צאָרן געגרימט. 20 און
יוספֿס האַר האָט אים גענומען, און האָט אים אַרײַנגעזעצט אין
געפֿענקעניש, אין דעם אָרט וווּ דעם מלכּס געפֿאַנגענע זײַנען
אײַנגעשפּאַרט; און ער איז דאָרטן געווען אין געפֿענקעניש.

21 און גאָט איז געווען מיט יוספֿן, און ער האָט גענייגט צו אים
גענאָד, און אים געגעבן חן אין די אויגן פֿון דעם האַר פֿון
געפֿענקעניש. 22 און דער האַר פֿון געפֿענקעניש האָט איבערגעגעבן
אויף דער האַנט פֿון יוספֿן אַלע געפֿאַנגענע וואָס אין געפֿענקעניש;
און אַלץ וואָס מע האָט דאָרטן געטאָן, האָט ער אויפֿגעטאָן. 23 דער

האַר פֿון געפֿענקעניש האָט ניט נאָכגעקוקט קיין שום זאַך אונטער
זײַן האַנט, ווײַל גאָט איז געווען מיט אים, און וואָס ער האָט געטאָן,
האָט גאָט באַגליקט.

מ 1 און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט דער
טראַנקמײַסטער פֿון דעם מלך פֿון מִצרַיִם, און דער בעקער, זיך
פֿאַרזינדיקט אַקעגן זייער האַר, דעם מלך פֿון מִצרַיִם. 2 און
פַּרעה האָט געצערנט אויף זײַנע צוויי הויפֿדינער, אויף דעם
אויבערטראַנקמײַסטער און אויף דעם אויבערבעקער. 3 און ער האָט
זיי אַרײַנגעזעצט אין דער וואַך פֿון דעם אויבערלײַבוועכטערס הויז,
אין געפֿענקעניש, אין דעם אָרט וואָס יוֹסף איז דאָרטן געווען
אײַנגעשפּאַרט. 4 און דער אויבערלײַבוועכטער האָט געשטעלט יוֹספֿן
לעבן זיי, און ער האָט זיי באַדינט; און זיי זײַנען געווען אַ צײַט אין
וואַך.

5 האָט זיךביידן געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט, איטלעכן
זײַן חלום, איטלעכן לויט דעם פּיתרון פֿון זײַן חלום – דעם
טראַנקמײַסטער און דעם בעקער פֿון דעם מלך פֿון מִצרַיִם, וואָס
זײַנען געווען אײַנגעשפּאַרט אין געפֿענקעניש. 6 און יוֹסף איז
געקומען צו זיי אין דער פֿרי, און האָט זיי אָנגעקוקט, ערשט זיי
זײַנען צעטראָגן. 7 האָט ער געפֿרעגט די הויפֿדינער פֿון פַּרעהן וואָס
מיט אים אין דער וואַך פֿון זײַן האַרס הויז, אַזוי צו זאָגן: פֿאַר וואָס
זײַנען אײַערע פּנימער היינט פֿאַרערגערט? 8 האָבן זיי צו אים
געזאָגט: אונדז האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ניטאָ ווער זאָל אים
פּוֹתר זײַן. האָט יוֹסף צו זיי געזאָגט: פּיתרוֹנים זײַנען דאָך פֿון גאָט;
דערציילט מיר, איך בעט אײַך.

9 האָט דער אויבערטראַנקמײַסטער דערציילט זײַן חלום צו יוֹספֿן,
און ער האָט צו אים געזאָגט: מיר חלומט זיך, ערשט פֿאַר מיר איז אַ
ווײַנשטאָק, 10 און אויפֿן ווײַנשטאָק דרײַ צווײַגן; און ווי ער בליט,
איז אויפֿגעגאַנגען זײַן בליעכץ, האָבן זײַנע הענגלעך געצײַטיקט
ווײַנטרויבן. 11 און פַּרעהס בעכער איז געווען אין מײַן האַנט; האָב
איך גענומען די ווײַנטרויבן, און האָב זיי אויסגעקוועטשט אין פַּרעהס
בעכער, און דערלאַנגט דעם בעכער אין פַּרעהס האַנט.

12 האָט יוסף צו אים געזאָגט: דאָס איז דער פּיתרון דערפֿון: די דרײַ
צווײַגן דאָס זײַנען דרײַ טעג. 13 אין דרײַ טעג אַרום וועט פּרעה
אויפֿנעמען דײַן קאָפּ, און וועט דיך אומקערן אויף דײַן שטאַנד, און
וועסט דערלאַנגען פּרעהס בעכער אין זײַן האַנט, לויטן פֿריערדיקן
שטייגער, ווען דו ביסט געווען זײַן טראַנקמײַסטער. 14 אָבער זאָלסט
מיך געדענקען בײַ זיך, אַז דיר וועט גוט זײַן, און זאָלסט טאָן, איך
בעט דיך, אַ חסד מיט מיר, און מיך דערמאָנען פֿאַר פּרעהן, און מיך
אַרויסציִען פֿון דעם דאָזיקן הויז. 15 וואָרום געגנבעט בין איך
געגנבעט געוואָרן פֿון לאַנד פֿון די עִברים; און דאָ אויך האָב איך קיין
זאַך ניט געטאָן, וואָס מע האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה.

16 האָט דער אויבערבעקער געזען אַז ער האָט צום גוטן פּותר
געווען, און ער האָט געזאָגט צו יוספֿן: מיר אויך האָט זיך געחלומט,
ערשט דרײַ געפֿלאָכטענע קערב זײַנען אויף מײַן קאָפּ; 17 און אין
דעם אויבערשטן קאָרב איז פֿון אַלערליי עסנוואַרג פֿאַר פּרעהן,
געבעקזאַכן, און די פֿויגלען עסן זיי פֿון דעם קאָרב איבער מײַן קאָפּ.

18 האָט יוסף געענטפֿערט און האָט געזאָגט: דאָס איז דער פּיתרון
דערפֿון: די דרײַ קערב דאָס זײַנען דרײַ טעג. 19 אין דרײַ טעג אַרום
וועט פּרעה אַראָפּנעמען דײַן קאָפּ פֿון דיר, און וועט דיך אויפֿהענגען
אויף אַ בוים, און די פֿויגלען וועלן עסן דײַן פֿלייש פֿון דיר.

20 און עס איז געווען אויפֿן דריטן טאָג, אין פּרעהס געבורטסטאָג,
האָט ער געמאַכט אַ מאָלצײַט פֿאַר אַלע זײַנע קנעכט, און האָט
אויפֿגענומען דעם קאָפּ פֿון דעם אויבערטראַנקמײַסטער, און דעם
קאָפּ פֿון דעם אויבערבעקער, צווישן זײַנע קנעכט. 21 און
ער האָט אומגעקערט דעם אויבערטראַנקמײַסטער צו זײַן
טראַנקמײַסטערשאַפֿט; און ער האָט דערלאַנגט דעם בעכער אין
פּרעהס האַנט. 22 און דעם אויבערבעקער האָט ער
אויפֿגעהאַנגען, אַזוי ווי יוסף זיי האָט פּותר געווען. 23 אָבער דער
אויבערטראַנקמײַסטער האָט ניט געדאַכט אָן יוספֿן, און האָט אים
פֿאַרגעסן.

# מִקֵץ

מא 1 און עס איז געווען צום סוֹף פֿון צוויי יאָר צײַט, האָט זיך
פַּרעהן געחלומט, ערשט ער שטייט בײַם טײַך. 2 און אָט
גייען אַרויף פֿון טײַך זיבן קי, שיין אויפֿן אויסזען און פֿעט אויפֿן לײַב;
און זיי האָבן זיך געפּיטערט אין דעם טײַכגראָז. 3 און אָט גייען אַרויף
נאָך זיי פֿון טײַך זיבן אַנדערע קי, מיאוס אויפֿן אויסזען, און מאָגער
אויפֿן לײַב; און זיי האָבן זיך געשטעלט לעבן יענע קי בײַם ברעג
טײַך. 4 און די מיאוסע אויפֿן אויסזען און מאָגערלײַביקע קי האָבן
אויפֿגעגעסן די זיבן שיינע אויפֿן אויסזען און פֿעטע קי. און פַּרעה
האָט זיך אויפֿגעכאַפּט.

5 און ער איז אײַנגעשלאָפֿן, און אים האָט זיך געחלומט אַ צווייט
מאָל, ערשט זיבן זאַנגען גייען-אויף אויף איין שטענגל געזונטע און
גוטע. 6 און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען דינע און
פֿאַרברענטע פֿון מזרח-ווינט. 7 און די דינע זאַנגען האָבן
אײַנגעשלונגען די זיבן געזונטע און פֿולע זאַנגען. און פַּרעה האָט זיך
אויפֿגעכאַפּט, ערשט עס איז אַ חלום.

8 און עס איז געווען אין דער פֿרי, איז זײַן געמיט געווען צערודערט,
און ער האָט געשיקט און גערופֿן אַלע חרטומים פֿון מִצרַיִם, און
אַלע אירע חכמים; און פַּרעה האָט זיי דערציילט זײַנע חלוֹמות,
אָבער קיינער האָט זיי ניט געקענט פּוֹתר זײַן פֿאַר פַּרעהן.

9 האָט דער אויבערטראַנקמײַסטער גערעדט צו פַּרעהן, אַזוי צו זאָגן:
מײַנע זינד מוז איך הײַנט דערמאָנען. 10 פַּרעה האָט געצערנט אויף
זײַנע קנעכט, און האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין דער וואַך פֿון דעם
אויבערלײַבוועכטערס הויז, מיך און דעם אויבערבעקער. 11 האָט זיך
אונדז געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט, מיר און אים; איטלעכן לויט
דעם פּיתרון פֿון זײַן חלום האָט זיך אונדז געחלומט. 12 און דאָרטן
איז מיט אונדז געווען אַ עִברישער יונג, אַ קנעכט פֿון דעם
אויבערלײַבוועכטער, האָבן מיר אים דערציילט, און ער האָט אונדז
פּוֹתר געווען אונדזערע חלוֹמות; איטלעכן לויט זײַן חלום האָט ער
פּוֹתר געווען. 13 און עס איז געווען, אַזוי ווי ער האָט אונדז פּוֹתר
געווען, אַזוי איז געשען: מיך האָט מען אומגעקערט אויף מײַן
שטאַנד, און אים האָט מען אויפֿגעהאַנגען.

14 האָט פּרעה געשיקט און גערופֿן יוספֿן, און מע האָט אים אויף גיך
אַרויסגענומען פֿון תּפֿיסה. און ער האָט זיך אָפּגעגאָלט, און האָט
איבערגעביטן זײַנע קליידער, און איז געקומען צו פּרעהן.

15 האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן: מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום,
און ניטאָ ווער זאָל אים פּותר זײַן; און איך האָב געהערט זאָגן אויף
דיר, אַז דו פֿאַרשטייסט אַ חלום, אים פּותר צו זײַן.

16 האָט יוסף געענטפֿערט פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: ניט איך, גאָט וועט
באַשיידן דעם פֿריד פֿון פּרעהן.

17 האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן: מיר חלומט זיך, ערשט איך שטיי
בײַם ברעג טײַך. 18 און אָט גייען אַרויף פֿון טײַך זיבן קי, פֿעט אויפֿן
לײַב און שיין אויפֿן געשטאַלט; און זיי האָבן זיך געפּיטערט אין
גראָז. 19 און אָט גייען אַרויף נאָך זיי זיבן אַנדערע קי, אָרים און
זייער מיאוס אויפֿן געשטאַלט און דאַר אויפֿן לײַב, וואָס אין גאַנצן
לאַנד מִצרַיִם האָב איך ניט געזען זייער גלײַכן אין מיאוסקייט. 20 און
די דאַרע און מיאוסע קי האָבן אויפֿגעגעסן די ערשטע זיבן פֿעטע קי.
21 און זיי זײַנען אַרײַן אין זיי, און עס איז ניט געווען קענטיק אַז זיי
זײַנען אין זיי אַרײַן, און זייער אויסזען איז געווען אַזוי מיאוס ווי אין
אָנהייב. און איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. 22 און איך האָב געזען אין
מײַן חלום, ערשט זיבן זאַנגען גייען-אויף אויף איין שטענגל, פֿולע
און גוטע. 23 און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען
אײַנגעטריקנטע, דינע, פֿאַרברענטע פֿון מזרח-ווינט. 24 און די דינע
זאַנגען האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן גוטע זאַנגען. האָב איך
דערציילט די חרטומים, אָבער קיינער קען מיר ניט זאָגן.

25 האָט יוסף געזאָגט צו פּרעהן: דער חלום פֿון פּרעהן איז איינער;
וואָס גאָט וויל טאָן האָט ער אָנגעזאָגט פּרעהן. 26 די זיבן גוטע קי
דאָס זײַנען זיבן יאָר, און די זיבן גוטע זאַנגען דאָס זײַנען זיבן יאָר;
איין חלום איז דאָס. 27 און די זיבן דאַרע און מיאוסע קי, וואָס
זײַנען אַרויפֿגעקומען נאָך זיי, דאָס זײַנען זיבן יאָר; און די זיבן
ליידיקע זאַנגען פֿאַרברענט פֿון מזרח-ווינט, דאָס וועלן זײַן זיבן
הונגעריאָרן. 28 דאָס איז די זאַך וואָס איך האָב געזאָגט פּרעהן: וואָס
גאָט וויל טאָן האָט ער באַוויזן פּרעהן. 29 זע, עס קומען זיבן יאָר פֿון
גרויס זעט אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. 30 און נאָך זיי וועלן אויפֿשטיין

זיבן הונגעריאָרן, און די גאַנצע זעט וועט זײַן פֿאַרגעסן אין לאַנד
מִצרַיִם; און דער הונגער וועט פֿאַרלענדן דאָס לאַנד. 31 און פֿון דער
זעט וועט ניט זײַן צו מערקן אין לאַנד, פֿון וועגן יענעם הונגער וואָס
נאָכדעם; וואָרום ער וועט זײַן זייער שווער. 32 און וואָס דער חלום
האָט זיך איבערגעחזרט אַ צווייט מאָל: ווײַל די זאַך איז פֿעסט פֿון
גאָט, און גאָט אײַלט דאָס צו טאָן. 33 און אַצונד, זאָל פַּרעה זען אַ
פֿאַרשטאַנדיקן און אַ קלוגן מאַן, און אים שטעלן איבערן לאַנד
מִצרַיִם. 34 זאָל פַּרעה דאָס טאָן, און זאָל ער אויפֿזעצן אויפֿזעער
איבערן לאַנד, און באַוואָרענען דאָס לאַנד מִצרַיִם אין די זיבן זאַטע
יאָרן. 35 און זאָל מען אויפֿזאַמלען די גאַנצע שפּײַז פֿון די דאָזיקע
גוטע יאָרן וואָס קומען, און זאָל מען אָנקלײַבן תּבואה אונטער דער
האַנט פֿון פַּרעהן, פֿאַר שפּײַז אין די שטעט, און היטן. 36 און די
שפּײַז וועט זײַן אַוועקגעלייגט פֿאַרן לאַנד, אויף די זיבן הונגעריאָרן
וואָס וועלן זײַן אין לאַנד מִצרַיִם, און דאָס לאַנד וועט ניט פֿאַרשניטן
ווערן פֿון הונגער.

37 און די זאַך איז ווױלגעפֿעלן אין די אויגן פֿון פַּרעהן, און אין די
אויגן פֿון אַלע זײַנע קנעכט. 38 און פּרעה האָט געזאָגט צו זײַנע
קנעכט: קענען מיר דען געפֿינען אַזאַ ווי דער דאָזיקער, אַ מאַן וואָס
דער גײַסט פֿון גאָט איז אין אים? 39 און פַּרעה האָט געזאָגט צו
יוֹספֿן: נאָכדעם ווי גאָט האָט דיך געלאָזט וויסן דאָס אַלץ, איז ניטאָ
אַ פֿאַרשטאַנדיקער און אַ קלוגער אַזוי ווי דו. 40 דו וועסט זײַן
איבער מײַן הויז, און לויט דײַן מויל זאָל געוווירטשאַפֿט ווערן מײַן
גאַנץ פֿאָלק; נאָר מיטן טראָן וועל איך זײַן גרעסער פֿון דיר. 41 און
פַּרעה האָט געזאָגט צו יוֹספֿן: זע, איך האָב דיך אויפֿגעזעצט איבערן
גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. 42 און פַּרעה האָט אַראָפּגענומען זײַן זיגלרינג
פֿון זײַן האַנט, און האָט אים אָנגעטאָן אויף דער האַנט פֿון יוֹספֿן,
און ער האָט אים אָנגעקליידט אין לײַנענע בגדים, און אים אָנגעטאָן
אַ גילדערנע קייט אויפֿן האַלדז. 43 און ער האָט אים געמאַכט פֿאָרן
אין זײַן צווייטן רײַטוואָגן; און מע האָט אויסגערופֿן פֿאַר אים: אַבֿרֵך!
און ער האָט אים אויפֿגעזעצט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

44 און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוֹספֿן: איך בין פַּרעה, אָבער אָן דיר
זאָל קיינער ניט אויפֿהייבן אַ האַנט אָדער אַ פֿוס אין גאַנצן לאַנד
מִצרַיִם. 45 און פַּרעה האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון יוֹספֿן, צָפְנַת-

פַּעְנֵחַ; און ער האָט אים געגעבן אָסנַת די טאָכטער פֿון פּוֹטי-פֶּרַע,
דעם פּריסטער פֿון און, פֿאַר אַ ווײַב.

46 און יוֹסף איז אַרויסגעגאַנגען איבערן לאַנד מִצרַיִם. – און יוֹסף
איז געווען דרײַסיק יאָר אַלט, ווען ער האָט זיך געשטעלט פֿאַר פַּרעה
דעם מלך פֿון מִצרַיִם. – און יוֹסף איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פֿאַר
פַּרעהן, און איז דורכגעגאַנגען דורכן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

47 און דאָס לאַנד האָט געבראַכט אין די זיבן זאַטע יאָרן הויפֿנסווײַז.
48 און ער האָט אויפֿגעזאַמלט די גאַנצע שפּײַז פֿון די זיבן יאָר וואָס
זײַנען געווען אין לאַנד מִצרַיִם, און האָט אַרײַנגעטאָן די שפּײַז אין די
שטעט; די שפּײַז פֿון די פֿעלדער פֿון אַ שטאָט וואָס אַרום איר, 49
האָט ער אַרײַנגעטאָן אין איר. און יוֹסף האָט אָנגעקליבן תּבֿואה אַזוי
ווי זאַמד פֿון ים, זייער פֿיל, ביז מע האָט אויפֿגעהערט צו ציילן, ווײַל
עס איז געווען אָן אַ צאָל.

50 און בײַ יוֹספֿן זײַנען געבאָרן געוואָרן, איידער דאָס הונגעריאָר איז
געקומען, צוויי זין, וואָס אָסנַת די טאָכטער פֿון פּוֹטי-פֿרַע דעם
פּריסטער פֿון און האָט אים געבאָרן. 51 און יוֹסף האָט גערופֿן דעם
נאָמען פֿון דעם בכָור מנַשֶׁה, ווײַל: «גאָט האָט מיך געמאַכט
פֿאַרגעסן מײַן גאַנצע מאַטערניש, און דאָס גאַנצע הויז פֿון מײַן
פֿאָטער». 52 און דעם נאָמען פֿון דעם צווייטן האָט ער גערופֿן
אֶפֿרַיִם, ווײַל: «גאָט האָט מיך געפֿרוכפּערט אין דעם לאַנד פֿון מײַן
פּײַן».

53 און עס האָבן זיך געענדיקט די זיבן יאָר פֿון דער זעט וואָס איז
געווען אין לאַנד מִצרַיִם. 54 און עס האָבן אָנגעהויבן קומען די זיבן
הונגעריאָרן, אַזוי ווי יוֹסף האָט פֿאַרויסגעזאָגט. און עס איז געווען אַ
הונגער אין אַלע לענדער, נאָר אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם איז געווען
ברויט.

55 און אַז דאָס גאַנצע לאַנד מִצרַיִם האָט אָנגעהויבן הונגערן, און
דאָס פֿאָלק האָט געשריען צו פַּרעהן אום ברויט, האָט פַּרעה געזאָגט
צו גאַנץ מִצרַיִם: גייט צו יוֹספֿן; וואָס ער וועט אײַך זאָגן, זאָלט איר
טאָן. 56 און דער הונגער איז געווען איבערן גאַנצן לאַנד; און יוֹסף
האָט געעפֿנט אַלע שפּײַכלערס, און האָט פֿאַרקויפֿט צו מִצרַיִם; און
דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט אין לאַנד מִצרַיִם. 57 און פֿון דער

גאַנצער ערד איז מען געקומען קיין מִצרַיִם צו יוֹספֿן קויפֿן תּבֿואה,
וואָרום דער הונגער איז געווען שטאַרק אויף דער גאַנצער ערד.

# מב

1 און יעקב האָט געזען אַז עס איז דאָ תּבֿואה אין מִצרַיִם,
און יעקב האָט געזאָגט צו זײַנע זין: וואָס קוקט איר אײַך
אָן? 2 און ער האָט געזאָגט: אָט האָב איך געהערט, אַז עס איז דאָ
תּבֿואה אין מִצרַיִם. נידערט אַראָפּ אַהין, און קויפֿט אונדז אײַן פֿון
דאָרטן, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן.

3 האָבן יוֹספֿס צען ברידער אַראָפּגענידערט קויפֿן תּבֿואה פֿון
מִצרַיִם. 4 אָבער בנימין, יוֹספֿס ברודער, האָט יעקב ניט מיטגעשיקט
מיט זײַנע ברידער, ווײַל ער האָט געזאָגט: טאָמער וועט אים טרעפֿן
אַן אומגליק.

5 זײַנען געקומען די זין פֿון ישׂראל אײַנקויפֿן, צווישן די וואָס זײַנען
געקומען, וואָרום דער הונגער איז געווען אין לאַנד כּנַעַן. 6 און יוֹסף
איז געווען דער געוועלטיקער איבערן לאַנד; ער איז געווען דער וואָס
האָט פֿאַרקויפֿט צום גאַנצן פֿאָלק פֿון לאַנד. זײַנען געקומען יוֹספֿס
ברידער, און האָבן זיך צו אים געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד. 7 און
יוֹסף האָט געזען זײַנע ברידער, און האָט זיי דערקענט, אָבער ער
האָט זיך געמאַכט פֿרעמד צו זיי, און האָט גערעדט מיט זיי האַרט,
און האָט צו זיי געזאָגט: פֿון וואַנען קומט איר? האָבן זיי געזאָגט:
פֿון לאַנד כּנַעַן, אײַנצוקויפֿן שפּײַז.

8 און יוֹסף האָט דערקענט זײַנע ברידער, אָבער זיי האָבן אים ניט
דערקענט. 9 און יוֹסף האָט זיך דערמאָנט אָן די חלוֹמות, וואָס
האָבן זיך אים געחלומט וועגן זיי, און ער האָט צו זיי געזאָגט:
אויסקוקערס זײַט איר; צו זען די נאַקעטקייט פֿון לאַנד זײַט איר
געקומען.

10 האָבן זיי צו אים געזאָגט: ניין, מײַן האַר, נײַערט צו קויפֿן שפּײַז
זײַנען געקומען דײַנע קנעכט. 11 מיר אַלע זײַנען זין פֿון איין מאַן;
ערלעכע מענטשן זײַנען מיר; דײַנע קנעכט זײַנען קיין מאָל ניט
געווען קיין אויסקוקערס.

12 האָט ער צו זיי געזאָגט: ניין, נייַערט די נאַקעטקייט פֿון לאַנד זייַט
איר געקומען זען.

13 האָבן זיי געזאָגט: צוועלף ברידער זייַנען מיר, דייַנע קנעכט, זין
פֿון איין מאַן אין לאַנד כּנַעַן, און אָט איז דער ייִנגסטער הייַנט מיט
אונדזער פֿאָטער, און איינער איז ניט געוואָרן.

14 האָט יוֹסף צו זיי געזאָגט: דאָס איז דאָך וואָס איך האָב צו אייַך
גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אויסקוקערס זייַט איר. 15 דערמיט וועט איר
געפּרוּווט ווערן: אַזוי ווי פַּרעה לעבט, אויב איר וועט פֿון דאַנען
אַרויסגיין, סייַדן אייַער ייִנגסטער ברודער וועט קומען אַהער! 16
שיקט פֿון אייַך איינעם, ער זאָל ברענגען אייַער ברודער, און איר
בלייַבט אייַנגעשפּאַרט, כּדי אייַערע ווערטער זאָלן אויסגעפּרוּווט
ווערן, אויב דער אמת איז מיט אייַך; און אויב ניט, אַזוי ווי פַּרעה
לעבט, אַז איר זייַט אויסקוקערס!

17 און ער האָט זיי אַרייַנגענומען אין וואַך אויף דרייַ טעג.

18 און יוֹסף האָט צו זיי געזאָגט אויפֿן דריטן טאָג: דאָס טוט, און
איר וועט בלייַבן לעבן – איך האָב מוֹרא פֿאַר גאָט: 19 אויב איר זייַט
ערלעכע מענטשן, זאָל איין ברודער אייַערער בלייַבן אייַנגעשפּאַרט
אין אייַער וואַכהויז, און איר גייט, און ברענגט תּבוּאה פֿאַר דעם
הונגער פֿון אייַערע הויזגעזינטן. 20 און אייַער ייִנגסטן ברודער זאָלט
איר ברענגען צו מיר; און אייַערע ווערטער וועלן באַווערט ווערן, און
איר וועט ניט שטאַרבן.

האָבן זיי אַזוי געטאָן.

21 און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: פֿאַר וואָר, מיר זייַנען
שולדיק וועגן אונדזער ברודער וואָס מיר האָבן צוגעזען דעם צער
פֿון זייַן זעל, ווען ער האָט זיך געבעטן בייַ אונדז, און מיר האָבן ניט
צוגעהערט. דרום איז אויף אונדז געקומען די דאָזיקע צרה. 22 און
ראוּבן האָט זיך אָפּגערופֿן צו זיי, אַזוי צו זאָגן: האָב איך אייַך ניט
געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרזינדיקט אייַך ניט אָן דעם ייִנגל? אָבער
איר האָט ניט צוגעהערט; און אָט אויך ווערט זייַן בלוט
אויפֿגעמאָנט.

23 און זיי האָבן ניט געוווּסט אַז יוֹסף פֿאַרשטייט וואָרום אַ
טאָלמעטש איז געווען צווישן זיי. 24 האָט ער זיך אָפּגעדרייט פֿון זיי,
און האָט געוויינט. און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי, און האָט צו
זיי גערעדט; און ער האָט גענומען פֿון זיי שמעונען, און האָט אים
אײַנגעשפּאַרט פֿאַר זייערע אויגן.

25 און יוֹסף האָט באַפֿוילן, מע זאָל אָנפֿילן זייערע כּלים מיט תּבֿואה,
און אומקערן זייער געלט איטלעכן אין זײַן זאַק, און זיי געבן שפּײַז
אויפֿן וועג. און מע האָט צו זיי אַזוי געטאָן. 26 און זיי האָבן
אויפֿגעלאָדן זייער תּבֿואה אויף זייערע אייזלען, און זײַנען
אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרטן.

27 האָט איינער געעפֿנט זײַן זאַק צו געבן זײַן אייזל פֿוטער אין
האַרבעריק, און האָט דערזען זײַן געלט, ערשט עס איז אין מויל פֿון
זײַן זאַק. 28 האָט ער געזאָגט צו זײַנע ברידער: מײַן געלט איז
אומגעקערט געוואָרן, און אָט איז עס אויך אין מײַן זאַק. איז זיי
אַרויסגעפֿאַלן דאָס האַרץ, און זיי האָבן ציטערנדיק געזאָגט איינער
צום אַנדערן: וואָס האָט אונדז דאָ גאָט געטאָן?

29 און זיי זײַנען געקומען צו זייער פֿאָטער יעקבֿן קיין לאַנד כּנַעַן,
און האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס זיי האָט געטראָפֿן, אַזוי צו זאָגן:
30 דער מאַן, דער האַר פֿון לאַנד, האָט מיט אונדז גערעדט האַרט,
און ער האָט אונדז געמאַכט פֿאַר אויסקוקערס פֿון דעם לאַנד. 31
האָבן מיר צו אים געזאָגט: ערלעכע מענטשן זײַנען מיר, מיר זײַנען
קיין מאָל ניט געווען קיין אויסקוקערס. 32 צוועלף ברידער זײַנען
מיר, זין פֿון אונדזער פֿאָטער; איינער איז ניט געוואָרן, און דער
ייִנגסטער איז הײַנט מיט אונדזער פֿאָטער אין לאַנד כּנַעַן. 33 האָט
דער מאַן, דער האַר פֿון לאַנד, צו אונדז געזאָגט: דערמיט וועל איך
וויסן אַז איר זײַט ערלעכע מענטשן: איין ברודער אײַערן לאָזט
איבער בײַ מיר, און נעמט גענוג פֿאַר דעם הונגער פֿון אײַערע
הויזגעזינטן, און גייט. 34 און ברענגט אײַער ייִנגסטן ברודער צו מיר,
און איך וועל וויסן אַז איר זײַט ניט קיין אויסקוקערס, נאָר איר זײַט
ערלעכע מענטשן; וועל איך אײַך אָפּגעבן אײַער ברודער, און איר
וועט מעגן פֿאַרקערן אין לאַנד.

35 און עס איז געווען, ווי זיי ליידיקן אויס זייערע זעק, ערשט
איטלעכנס בינטל געלט איז אין זײַן זאַק; און ווי זיי און זייער
פֿאָטער האָבן דערזען זייערע בינטלעך געלט, אַזוי האָבן זיי מורא
געקראָגן. 36 און זייער פֿאָטער יעקב האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט
מיך באַרויבט פֿון מײַנע קינדער; יוסף איז מער ניטאָ, און שמעון איז
ניטאָ, און בנימינען ווילט איר אַוועקנעמען; דאָס אַלץ איז אויף מיר
אויסגעגאַנגען.

37 האָט ראובן געזאָגט צו זײַן פֿאָטער, אַזוי צו זאָגן: מײַנע ביידע זין
זאָלסטו טייטן, אויב איך וועל דיר אים ניט צוריקבֿרענגען. גיב אים
אויף מײַן האַנט, און איך וועל אים אומקערן צו דיר.

38 האָט ער געזאָגט: מײַן זון וועט ניט אַראָפּנידערן מיט אײַך,
וואָרום זײַן ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן, און אַז אים
וועט טרעפֿן אַן אומגליק אויף דעם וועג וואָס איר וועט גיין דערויף,
וועט איר מאַכן נידערן מײַנע גראָע האָר מיט טרויער אין קבֿר.

## מג

1 און דער הונגער איז געווען שווער אין לאַנד. 2 און עס איז
געווען, אַז זיי האָבן אויפֿגעגעסן די תּבֿואה, וואָס זיי האָבן
געבראַכט פֿון מִצרַיִם, האָט זייער פֿאָטער צו זיי געזאָגט: גייט ווידער,
קויפֿט אונדז אַ ביסל שפּײַז.

3 האָט יהודה געזאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן: וואָרענען האָט אונדז
געוואָרנט דער מאַן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט מײַן פּנים ניט זען, אויב
אײַער ברודער איז ניט מיט אײַך. 4 אויב דו שיקסט אונדזער ברודער
מיט אונדז, וועלן מיר אַראָפּנידערן, און וועלן דיר אײַנקויפֿן שפּײַז. 5
אויב אָבער דו שיקסט ניט, וועלן מיר ניט אַראָפּנידערן, וואָרום דער
מאַן האָט אונדז אָנגעזאָגט: איר זאָלט מײַן פּנים ניט זען, אויב אײַער
ברודער איז ניט מיט אײַך.

6 האָט ישׂראל געזאָגט: נאָך וואָס האָט איר מיר געטאָן די רעה, צו
זאָגן דעם מאַן, אַז איר האָט נאָך אַ ברודער?

7 האָבן זיי געזאָגט: דער מאַן האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט וועגן
אונדז, און וועגן אונדזער משפּחה, אַזוי צו זאָגן: לעבט נאָך אײַער

פֿאָטער? האָט איר נאָך אַ ברודער? און מיר האָבן אים דערציילט
לויט די דאָזיקע ווערטער. זאָלן מיר גאָר וויסן, אַז ער וועט זאָגן:
ברענגט אַראָפּ אײַער ברודער? 8 און יהודה האָט געזאָגט צו זײַן
פֿאָטער ישׂראל: שיק דעם ייִנגל מיט מיר, און מיר וועלן אויפֿשטיין
און וועלן גיין, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן, אי מיר, אי דו,
אי אונדזערע קליינע קינדער. 9 איך בין עָרֵב פֿאַר אים, פֿון מײַן
האַנט זאָלסטו אים מאָנען; אויב איך וועל דיר אים ניט ברענגען און
אים אַוועקשטעלן פֿאַר דיר, זאָל איך זײַן אַ פֿאַרזינדיקטער צו דיר
אַלע טעג. 10 וואָרום אַז מיר וואָלטן זיך ניט אויפֿגעהאַלטן, וואָלטן
מיר שוין אַצונד זיך געהאַט אומגעקערט צום צווייטן מאָל.

11 האָט זייער פֿאָטער ישׂראל צו זיי געזאָגט: אויב שוין יאָ אַזוי, טוט
אָט-וואָס: נעמט פֿון די בעסטע פּרוכטן פֿון לאַנד אין אײַערע כּלים,
און ברענגט אַראָפּ צו דעם מאַן אַ מתּנה, אַ ביסל באַלזאַם, און אַ
ביסל האָניק, געווירץ, און לאַדאַן, ניס, און מאַנדלען. 12 און טאָפּל
געלט נעמט מיט אין אײַער האַנט; און דאָס געלט וואָס איז
אומגעקערט געוואָרן אין מויל פֿון אײַערע זעק, זאָלט איר אומקערן
מיט אײַער האַנט; אפֿשר איז דאָס געווען אַ פֿאַרזע. 13 און נעמט
אײַער ברודער, און שטייט אויף, גייט ווידער צו דעם מאַן. 14 און
גאָט שַׁדַי וועט אײַך געבן דערבאַרימונג בײַ דעם מאַן, און ער וועט
אײַך אַוועקלאָזן אײַער אַנדער ברודער און בנימינען; און איך, אויב
איך מוז אָנווערן מײַנע קינדער, וועל איך אָנווערן.

15 האָבן די מענער גענומען די דאָזיקע מתּנה, און טאָפּל געלט האָבן
זיי מיטגענומען אין זייער האַנט, און בנימינען, און זיי זײַנען
אויפֿגעשטאַנען און האָבן גענידערט קיין מִצרַיִם, און האָבן זיך
געשטעלט פֿאַר יוספֿן.

16 און ווי יוסף האָט דערזען בנימינען מיט זיי, אַזוי האָט ער געזאָגט
צו דעם וואָס איבער זײַן הויז: ברענג אַרײַן די מענטשן אין הויז, און
שעכט אַ שעכטונג, און גרייט צו, וואָרום די מענטשן וועלן עסן מיט
מיר צו מיטאָג. 17 האָט דער מאַן געטאָן אַזוי ווי יוסף האָט געהייסן,
און דער מאַן האָט אַרײַנגעבראַכט די מענער אין יוספֿס הויז.

18 און די מענער האָבן מורא געהאַט, ווײַל זיי זײַנען אַרײַנגעבראַכט
געוואָרן אין יוספֿס הויז, און זיי האָבן געזאָגט: פֿון וועגן דעם געלט

וואָס איז אומגעקערט געוואָרן אין אונדזערע זעק דאָס ערשטע מאָל,
וערן מיר אַריַינגעבראַכט, כּדי זיך אַרויפֿצוּוואַרפֿן אויף אונדז, און
אָנפֿאַלן אויף אונדז, און אונדז נעמען פֿאַר קנעכט מיט אונדזערע
אייזלען.

19 האָבן זיי געגענט צו דעם מאַן וואָס איבער יוֹספֿס הויז, און האָבן
גערעדט צו אים אין איַינגאַנג פֿון הויז. 20 און זיי האָבן געזאָגט: איך
בעט דיך, מיַין האַר, מיר האָבן אַראָפּגענידערט דאָס ערשטע מאָל צו
קויפֿן שפּיַיז. 21 און עס איז געווען, אַז מיר זיַינען געקומען צום
האַרבעריק, און האָבן געעפֿנט אונדזערע זעק, ערשט איטלעכנס
געלט איז אין מויל פֿון זיַין זאַק, אונדזער געלט אין זיַין פֿולער וואָג;
האָבן מיר עס אָפּגעבראַכט אין אונדזער האַנט. 22 און נאָך אַנדער
געלט האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט אין אונדזער האַנט, צו קויפֿן שפּיַיז.
מיר ווייסן ניט ווער עס האָט אַריַינגעטאָן אונדזער געלט אין
אונדזערע זעק.

23 האָט ער געזאָגט: פֿריד צו איַיך! איר זאָלט ניט מוֹרא האָבן;
איַיער גאָט, און דער גאָט פֿון איַיער פֿאָטער, האָט איַיך געשאָנקען
אַן אוֹצר אין איַיערע זעק; איַיער געלט איז מיר אַריַינגעקומען. און
ער האָט אַרויסגעבראַכט צו זיי שמעונען.

24 און דער מאַן האָט אַריַינגעבראַכט די מענער אין יוֹספֿס הויז, און
ער האָט געגעבן וואַסער, און זיי האָבן געוואַשן זייערע פֿיס; און ער
האָט געגעבן פֿוטער פֿאַר זייערע אייזלען. 25 און זיי האָבן צוגעגרייט
די מתּנה איידער יוֹסף וועט קומען אום מיטאָג, וואָרום זיי האָבן
געהערט אַז דאָרטן וועלן זיי עסן ברויט.

26 און ווי יוֹסף איז געקומען אין הויז, אַזוי האָבן זיי אַריַינגעבראַכט
צו אים אין הויז די מתּנה וואָס אין זייער האַנט, און זיי האָבן זיך
געבוקט פֿאַר אים צו דער ערד. 27 און ער האָט זיי געפֿרעגט אויף
פֿריד, און ער האָט צו זיי געזאָגט: איז פֿריד צו איַיער אַלטן פֿאָטער,
וואָס איר האָט פֿון אים דערציילט? לעבט ער נאָך? 28 האָבן זיי
געזאָגט: פֿריד איז צו דיַין קנעכט אונדזער פֿאָטער, ער לעבט נאָך.
און זיי האָבן זיך געניַיגט און זיך געבוקט.

29 האָט ער אויפֿגעהויבן זיַינע אויגן, און האָט דערזען זיַין ברודער
בנימינען, זיַין מוטערס זון, און ער האָט געזאָגט: איז דאָס איַיער

ייִנגסטער ברודער, וואָס איר האָט מיר פֿון אים דערציילט? און ער
האָט געזאָגט: זאָל דיך גאָט לײַטזעליקן, מײַן זון.

30 און יוסף האָט זיך געאײַלט, וואָרום זײַן האַרץ האָט אים
פֿאַרקלעמט אויף זײַן ברודער, און ער האָט זיך געוואָלט
פֿאַנאַנדערוויינען; איז ער אַרײַן אין קאַמער, און האָט דאָרטן
געוויינט. 31 און ער האָט אָפּגעוואַשן זײַן פּנים, און איז
אַרויסגעגאַנגען; און ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן און האָט געזאָגט:
לייגט ברויט.

32 האָט מען געלייגט פֿאַר אים באַזונדער, און פֿאַר זיי באַזונדער,
און פֿאַר די מִצרים וואָס האָבן געגעסן בײַ אים, באַזונדער, וואָרום
די מִצרים קענען ניט עסן ברויט מיט די עִברים, ווײַל דאָס איז אַן
אומווערדיקייט בײַ די מִצרים.

33 און זיי זײַנען אויסגעזעצט געוואָרן פֿאַר אים, דער בכָור לויט זײַן
בכוֹרהשאַפֿט, און דער ייִנגערער לויט זײַן יונגקייט; און די מענטשן
האָבן זיך געוווּנדערט צווישן אײנאַנדער. 34 און ער האָט זיי געלאָזט
צוטראָגן חלקים פֿון פֿאַר אים, און בנימינס חלק איז געווען פֿינף
מאָל אַזוי פֿיל ווי זייער איטלעכנס חלק. און זיי האָבן געטרונקען און
זיך אָנגעטרונקען מיט אים.

# מד

1 און ער האָט באַפֿוילן דעם וואָס איבער זײַן הויז, אַזוי צו
זאָגן: פֿיל אָן די זעק פֿון די מענטשן מיט שפּײַז וויפֿיל זיי
קענען טראָגן, און טו אַרײַן איטלעכנס געלט אין מויל פֿון זײַן זאַק. 2
און מײַן בעכער, דעם זילבערנעם בעכער, זאָלסטו אַרײַנטאָן אין
מויל פֿון דעם זאַק פֿון דעם ייִנגסטן, מיט דעם געלט פֿאַר זײַן
תּבֿואה.

און ער האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט וואָס יוסף האָט גערעדט.

3 ווי דער מאָרגן האָט אויפֿגעלויכטן, אַזוי זײַנען די מענער
אַוועקגעשיקט געוואָרן, זיי און זייערע אייזלען. 4 זיי זײַנען נאָרוואָס
אַרויסגעגאַנגען פֿון שטאָט, נאָך ניט געווען ווײַט אַוועק, אַזוי האָט
יוסף געזאָגט צו דעם וואָס איבער זײַן הויז: שטיי אויף, יאָג נאָך די

מענטשן, און אַז דו וועסט זיי אָניאָגן, זאָלסטו זאָגן צו זיי: פֿאַר וואָס
האָט איר אָפּגעצאָלט אַ רעה פֿאַר אַ טוֹבה? 5 דאָס איז דאָך דער
וואָס מײַן האַר טרינקט פֿון אים, און צויבערן טוט ער צויבערן מיט
אים. איר האָט זיך שלעכט באַגאַנגען מיט וואָס איר האָט געטאָן.

6 און ער האָט זיי אָנגעיאָגט, און האָט צו זיי גערעדט די דאָזיקע
ווערטער. 7 האָבן זיי צו אים געזאָגט: פֿאַר וואָס רעדט מײַן האַר
אַזעלכע ווערטער? באַהיט זאָלן ווערן דײַנע קנעכט פֿון טאָן אַזאַ
זאַך! 8 זע, דאָס געלט וואָס מיר האָבן געפֿונען אין מויל פֿון
אונדזערע זעק, האָבן מיר דיר אומגעקערט פֿון לאַנד כּנַעַן, הײַנט ווי
וועלן מיר גנבֿען פֿון דײַן האַרס הויז זילבער אָדער גאָלד? 9 דער
יעניקער פֿון דײַנע קנעכט וואָס ער וועט בײַ אים געפֿונען ווערן, זאָל
שטאַרבן, און אויך מיר וועלן זײַן קנעכט צו מײַן האַר.

10 האָט ער געזאָגט: הגם געזאָלט האָט אַצונד זײַן אַזוי ווי אײַערע
ווערטער, זאָל נאָר דער וואָס ער וועט בײַ אים געפֿונען ווערן, זײַן אַ
קנעכט צו מיר, און איר וועט זײַן ריין.

11 האָבן זיי אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איטלעכער זײַן זאַק אויף דער
ערד, און זיי האָבן געעפֿנט איטלעכער זײַן זאַק. 12 און ער האָט
געזוכט; מיטן עלטסטן האָט ער אָנגעהויבן, און מיטן ייִנגסטן האָט
ער געענדיקט. און דער בעכער איז געפֿונען געוואָרן אין בנימינס
זאַק.

13 האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער, און איטלעכער האָט
אויפֿגעלאָדן זײַן אייזל, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט. 14
און יהודה איז געקומען מיט זײַנע ברידער אין יוֹספֿס הויז; און ער
איז נאָך דאָרטן געווען. און זיי זײַנען געפֿאַלן פֿאַר אים צו דער ערד.

15 האָט יוֹסף צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טואונג וואָס איר
האָט געטאָן? האָט איר ניט געוווּסט אַז צויבערן טוט צויבערן אַזאַ
מאַן ווי איך?

16 האָט יהודה געזאָגט: וואָס זאָלן מיר זאָגן צו מײַן האַר, וואָס זאָלן
מיר רעדן, און וואָס זאָלן מיר זיך פֿאַרענטפֿערן? גאָט האָט געפֿונען
די זינד פֿון דײַנע קנעכט. אָט זײַנען מיר קנעכט צו מײַן האַר, אי מיר,
אי דער וואָס דער בעכער איז געפֿונען געוואָרן אין זײַן האַנט.

17 האָט ער געזאָגט: חלילה מיר דאָס צו טאָן! דער מאַן וואָס דער
בעכער איז געפֿונען געוואָרן אין זײַן האַנט, ער זאָל זײַן אַ קנעכט צו
מיר, און איר גייט אַרויף בשלום צו אײַער פֿאָטער.

# וַיִּגַּשׁ

18 האָט יהודה גענענט צו אים; און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מײַן
האַר, זאָל אַקאָרשט דײַן קנעכט רעדן אַ וואָרט אין די אויערן פֿון
מײַן האַר, און זאָל דײַן צאָרן ניט גרימען אויף דײַן קנעכט; וואָרום דו
ביסט אַזוי ווי פַּרעה. 19 מײַן האַר האָט געפֿרעגט זײַנע קנעכט, אַזוי
צו זאָגן: האָט איר אַ פֿאָטער אָדער אַ ברודער? 20 און מיר האָבן
געזאָגט צו מײַן האַר: מיר האָבן אַן אַלטן פֿאָטער, און אַ קלײנעם בן-
זקונים, וואָס זײַן ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן פֿון
זײַן מוטער, און זײַן פֿאָטער האָט אים ליב. 21 האָסטו געזאָגט צו
דײַנע קנעכט: ברענגט אים אַראָפּ צו מיר, איך זאָל טאָן מײַן אויג
אויף אים. 22 האָבן מיר געזאָגט צו מײַן האַר: דער ייִנגל קען ניט
פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָטער, וואָרום אַז ער וועט פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָטער, וועט
דער שטאַרבן. 23 האָסטו געזאָגט צו דײַנע קנעכט: אויב אײַער
ייִנגסטער ברודער וועט ניט אַראָפּנידערן מיט אײַך, זאָלט איר מער
מײַן פּנים ניט זען. 24 און עס איז געווען, אַז מיר זײַנען
אַרויפֿגעקומען צו דײַן קנעכט, אונדזער פֿאָטער, האָבן מיר אים
דערציילט די ווערטער פֿון אונדזער האַר. 25 און אַז אונדזער פֿאָטער
האָט געזאָגט: גייט ווידער, קויפֿט אונדז אַ ביסל שפּײַז, 26 האָבן מיר
געזאָגט: מיר קענען ניט אַראָפּנידערן; נאָר אויב אונדזער ייִנגסטער
ברודער וועט זײַן מיט אונדז, וועלן מיר אַראָפּנידערן, וואָרום מיר
קענען ניט זען דעם מאַנס פּנים, אַווּ אונדזער ייִנגסטער ברודער איז
ניט מיט אונדז. 27 האָט דײַן קנעכט, אונדזער פֿאָטער, צו אונדז
געזאָגט: איר ווייסט אַז צוויי האָט מיר מײַן ווײַב געבאָרן. 28 און
איינער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון מיר, און איך האָב געזאָגט: פֿאַר
וואָר, פֿאַרצוקן איז ער פֿאַרצוקט געוואָרן; און איך האָב אים ניט
געזען ביז אַצונד. 29 און אַז איר וועט אַוועקנעמען אויך דעם דאָזיקן
פֿון מײַן פּנים, און אים וועט טרעפֿן אַן אומגליק, וועט איר מאַכן
נידערן מײַנע גראָע האָר מיט קומער אין קבֿר. 30 און אַצונד אַז איך
וועל קומען צו דײַן קנעכט, מײַן פֿאָטער, און דער ייִנגל איז מיט
אונדז ניטאָ, אַזוי ווי זײַן זעל איז צוגעבונדן צו זײַן זעל, 31 איז, ווי

ער וועט זען אַז דער ייִנגל איז ניטאָ, אַזוי וועט ער שטאַרבן, און
דײַנע קנעכט וועלן מאַכן נידערן די גראָע האָר פֿון דײַן קנעכט,
אונדזער פֿאָטער, מיט טרויער אין קבֿר. 32 וואָרום דײַן קנעכט איז
עָרֵב געוווען פֿאַר דעם ייִנגל צו זײַן פֿאָטער, אַזוי צו זאָגן: אויב איך
וועל דיר אים ניט ברענגען, זאָל איך זײַן אַ פֿאַרזינדיקטער צו מײַן
פֿאָטער אַלע טעג. 33 און אַצונד, איך בעט דיך, זאָל דײַן קנעכט
בלײַבן אָנשטאָט דעם ייִנגל, אַ קנעכט צו מײַן האַר, און דער ייִנגל
זאָל אַרויפֿגיין מיט זײַנע ברידער. 34 וואָרום ווי קען איך אַרויפֿגיין צו
מײַן פֿאָטער, אַז דער ייִנגל איז ניט מיט מיר? איך וועל חלילה צוזען
דאָס בייז וואָס וועט טרעפֿן מײַן פֿאָטער.

מה 1 און יוסף האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן פֿאַר אַלע וואָס
זײַנען געשטאַנען לעבן אים, און ער האָט אויסגערופֿן: פֿירט
אַרויס אַלע מענטשן פֿון מיר. און קיין מענטש איז ניט געשטאַנען
לעבן אים, ווען יוסף האָט זיך דערקענט צו זײַנע ברידער. 2 און ער
האָט אַרויסגעלאָזט זײַן קָול אין געוויין, און די מִצרים האָבן
געהערט; און דאָס הויז פֿון פַּרעהן האָט געהערט דערפֿון.

3 און יוסף האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער: איך בין יוסף; לעבט נאָך
מײַן פֿאָטער? און זײַנע ברידער האָבן אים ניט געקענט ענטפֿערן,
וואָרום זיי האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר אים.

4 האָט יוסף געזאָגט צו זײַנע ברידער: גענענט צו מיר, איך בעט
אײַך. האָבן זיי גענענט. און ער האָט געזאָגט: איך בין אײַער ברודער
יוסף, וואָס איר האָט מיך פֿאַרקויפֿט קיין מִצרַיִם. 5 און אַצונד זאָלט
איר אײַך ניט קלעמען, און זאָל ניט פֿאַרדריסן אין אײַערע אויגן,
וואָס איר האָט מיך פֿאַרקויפֿט אַהער, וואָרום צו דערהאַלטן לעבנס
האָט מיך גאָט געשיקט אײַך פֿאַרויס. 6 וואָרום שוין צוויי יאָר אַז
דער הונגער איז אין לאַנד, און נאָך פֿינף יאָר וועלן זײַן, וואָס עס
וועט ניט זײַן קיין אַקער און קיין שניט. 7 און גאָט האָט מיך געשיקט
אײַך פֿאַרויס, כּדי אײַך צו לאָזן אַן איבערבלײַב אויף דער ערד, און
אײַך צו דערהאַלטן בײַם לעבן דורך אַ גרויסער ישועה. 8 און אַצונד,
ניט איר האָט מיך אַהער געשיקט, נײַערט גאָט; און ער האָט מיך
געמאַכט פֿאַר אַ פֿאָטער צו פַּרעהן, און פֿאַר אַ האַר אויף זײַן גאַנצן

הויז, און פֿאַר אַ געוועלטיקער איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. 9 איילט
און גייט אַרויף צו מײַן פֿאָטער, און איר זאָלט זאָגן צו אים: אַזוי
האָט געזאָגט דײַן זון יוֹסף: גאָט האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ האַר
איבער גאַנץ מִצרַיִם; נידער אַראָפּ צו מיר, זאָלסט זיך ניט
אויפֿהאַלטן. 10 און וועסט זיצן אין לאַנד גוֹשֶן, און וועסט זײַן נאָנט
צו מיר, דו און דײַנע קינדער און דײַנע קינדערס קינדער, און דײַנע
שאָף, און דײַנע רינדער, און אַלץ וואָס דו האָסט. 11 און איך וועל
דיך דאָרטן אויסהאַלטן; וואָרום נאָך פֿינף יאָר וועט זײַן דער הונגער;
כּדי זאָלסט ניט אומקומען, דו און דײַן הויזגעזינט און אַלץ וואָס דו
האָסט. 12 און אָט זעען אײַערע אויגן, און די אויגן פֿון מײַן ברודער
בנימינען, אַז מײַן מויל רעדט דאָס צו אײַך. 13 און איר זאָלט
דערציילן מײַן פֿאָטער מײַן גאַנצן כּבוד אין מִצרַיִם, און אַלץ וואָס
איר האָט געזען, און איר זאָלט איילן און אַראָפּברענגען מײַן פֿאָטער
אַהער.

14 און ער איז געפֿאַלן אויפֿן האַלדז פֿון זײַן ברודער בנימינען, און
האָט געוויינט, און בנימין האָט געוויינט אויף זײַן האַלדז. 15 און ער
האָט געקושט אַלע זײַנע ברידער, און האָט געוויינט אויף זיי, און
דערנאָך האָבן זײַנע ברידער גערעדט מיט אים.

16 און דער קלאַנג איז געהערט געוואָרן אין פַּרעהס הויז, אַזוי צו
זאָגן: יוֹספֿס ברידער זײַנען געקומען; און עס איז ווױלגעפֿעלן אין די
אויגן פֿון פַּרעהן, און אין די אויגן פֿון זײַנע קנעכט.

17 און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוֹספֿן: זאָג צו דײַנע ברידער: טוט אָט-
וואָס: לאָדט אָן אײַערע בהמות, און גייט, קומט קיין לאַנד כּנַעַן, 18
און נעמט אײַער פֿאָטער, און אײַערע הויזגעזינטן, און קומט צו מיר,
און איך וועל אײַך געבן דאָס בעסטע פֿון לאַנד מִצרַיִם, און עסט דאָס
פֿעטס פֿון לאַנד. 19 און דו ווערסט באַפֿוילן, טוט אָט-וואָס: נעמט
אײַך פֿון לאַנד מִצרַיִם וועגן פֿאַר אײַערע קליינע קינדער, און פֿאַר
אײַערע ווײַבער, און איר זאָלט אַרויפֿנעמען אײַער פֿאָטער און
קומען. 20 און אײַער אויג זאָל זיך ניט קימערן אום אײַערע זאַכן,
וואָרום דאָס בעסטע פֿון גאַנצן לאַנד מִצרַיִם איז אײַערס.

21 האָבן די זין פֿון ישׂראלן אַזוי געטאָן, און יוֹסף האָט זיי געגעבן
וועגן, לויט דעם מויל פֿון פַּרעהן, און ער האָט זיי געגעבן שפּײַז אויפֿן

וועג. 22 זיי אַלעמען האָט ער געגעבן גאַנגען קליידער פֿאַר איטלעכן,
און בנימינען האָט ער געגעבן דרײַ הונדערט זילבערשטיק, און פֿינף
גאַנג קליידער. 23 און צו זײַן פֿאָטער האָט ער דעסגלײַכן געשיקט
צען אייזלען באַלאָדן מיטן בעסטן פֿון מִצרַיִם, און צען אייזעלינס
באַלאָדן מיט תּבֿואה און ברויט, און שפּײַז פֿאַר זײַן פֿאָטער אויפֿן
וועג. 24 און ער האָט אַוועקגעשיקט זײַנע ברידער, און זיי זײַנען
אַוועקגעגאַנגען; און ער האָט זיי אָנגעזאָגט: איר זאָלט אײַך ניט
קריגן אויפֿן וועג.

25 און זיי זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען פֿון מִצרַיִם, און זײַנען געקומען קיין
לאַנד כּנַעַן צו זייער פֿאָטער יעקבן. 26 און זיי האָבן אים דערציילט,
אַזוי צו זאָגן: יוֹסף לעבט נאָך; און אַז ער געוועלטיקט איבערן גאַנצן
לאַנד מִצרַיִם. איז זײַן האַרץ פֿאַרקילט געוואָרן, וואָרום ער האָט זיי
ניט געגלויבט. 27 האָבן זיי אים דערציילט אַלע ווערטער פֿון יוֹספֿן,
וואָס ער האָט צו זיי גערעדט, און ער האָט געזען די וועגן וואָס יוֹסף
האָט געשיקט אים צו פֿירן, און דער גײַסט פֿון זייער פֿאָטער יעקבן
האָט אָפּגעלעבט. 28 און ישׂראל האָט געזאָגט: גענוג! מײַן זון יוֹסף
לעבט נאָך; איך וועל גיין און וועל אים זען איידער איך שטאַרב.

# מו

1 און ישׂראל האָט אַוועקגעצויגן מיט אַלץ וואָס ער האָט
געהאַט, און איז געקומען קיין באֵר-שֶבַע, און ער האָט
געשלאַכט שלאַכטאָפּפֿער צו דעם גאָט פֿון זײַן פֿאָטער יצחקן. 2 און
גאָט האָט גערעדט צו ישׂראלן אין זעונגען פֿון דער נאַכט, און האָט
געזאָגט: יעקב, יעקב! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך. 3 האָט ער
געזאָגט: איך בין גאָט, דער גאָט פֿון דײַן פֿאָטער, זאָלסט ניט מוֹרא
האָבן אַראָפּצונידערן קיין מִצרַיִם, וואָרום פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק וועל
איך דיך דאָרטן מאַכן. 4 איך וועל אַראָפּנידערן מיט דיר קיין מִצרַיִם,
און אויך אַרויפֿברענגען וועל איך דיך אַרויפֿברענגען. און יוֹסף וועט
אַרויפֿטאָן זײַן האַנט אויף דײַנע אויגן.

5 און יעקב איז אויפֿגעשטאַנען פֿון באֵר-שֶבַע, און די קינדער פֿון
ישׂראל האָבן געפֿירט זייער פֿאָטער יעקבן, און זייערע קליינע
קינדער, און זייערע ווײַבער, אויף די וועגן וואָס פּרעה האָט געשיקט
אים צו פֿירן. 6 און זיי האָבן גענומען זייערע פֿי, און זייער פֿאַרמעג

וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן אין לאַנד כּנַעַן, און זיי זײַנען געקומען קיין
מִצרַיִם, יעקב און אַלע זײַנע קינדער מיט אים; 7 זײַנע זין און זײַנע
זינס זין מיט אים, זײַנע טעכטער, און זײַנע זינס טעכטער, און אַלע
זײַנע קינדער, האָט ער געבראַכט מיט זיך קיין מִצרַיִם.

8 און דאָס זײַנען די נעמען פֿון די קינדער פֿון ישׂראל וואָס זײַנען
געקומען קיין מִצרַיִם, יעקב און זײַנע קינדער: יעקבס בכָור ראובן. 9
און די זין פֿון ראובֵנען: חֲנוֹך, און פַּלוא, און חֶצרוֹן, און כַּרמי. 10 און
די זין פֿון שמעונען: ימואֵל, און יָמין, און אוֹהַד, און יָכין, און צוֹחַר,
און שָאול דער זון פֿון אַ כּנַעֲנית. 11 און די זין פֿון לֵוִין: גֵרשוֹן, קהָת,
און מרָרי. 12 און די זין פֿון יהודהן: עֵר, און אוֹנָן, און שֵלָה, און פֶּרֶץ,
און זֶרַח; און עֵר און אוֹנָן זײַנען געשטאָרבן אין לאַנד כּנַעַן. און די
זין פֿון פֶּרֶצן זײַנען געווען חֶצרוֹן און חָמול. 13 און די זין פֿון
יִשׂשָכָרן: תּוֹלָע, און פּוּוָה, און יוֹב, און שִמרוֹן. 14 און די זין פֿון
זבולונען: סֶרֶד, און אֵלוֹן, און יַחלאֵל. 15 דאָס זײַנען די זין פֿון לאהן,
וואָס זי האָט געבאָרן יעקבן אין פַּדַן-אַרָם; דערצו זײַן טאָכטער דינה;
אַלע נפֿשות פֿון זײַנע זין און זײַנע טעכטער, דרײַ און דרײַסיק. 16
און די זין פֿון גָדן זײַנען געווען צִפֿיוֹן, און חַגי, שוני, און אֶצבוֹן, עֵרי,
און אֲרוֹדי, און אַראֵלי. 17 און די קינדער פֿון אָשרן: יִמנָה, און יִשוָה,
און יִשוִי, און בריעָה, און זייער שוועסטער שֶׂרַח; און די זין פֿון
בריעָהן: חֶבֶר און מַלכּיאֵל. 18 דאָס זײַנען די זין פֿון זִלפָּהן, וואָס לָבָן
האָט געגעבן זײַן טאָכטער לאהן, און די דאָזיקע האָט זי געבאָרן
יעקבן – זעכצן נפֿשות. 19 די זין פֿון יעקבס ווײַב רחלען זײַנען
געווען יוֹסף און בנימין. 20 און בײַ יוֹספֿן זײַנען געבאָרן געוואָרן אין
לאַנד מִצרַיִם מנשה און אפֿרים, וואָס אָסנַת די טאָכטער פֿון פּוֹטי-
פֶֿרַע דעם פּריסטער פֿון און האָט אים געבאָרן. 21 און די זין פֿון
בנימינען זײַנען געווען בֶּלַע, און בֶּכֶר, און אַשבֵּל, גֵרָא, און נַעֲמָן,
אֵחי, און רֹאש, מוּפּים, און חוּפּים, און אָרד. 22 דאָס זײַנען די זין פֿון
רחלען, וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן בײַ יעקבן: אַלע נפֿשות, פֿערצן.
23 און די זין פֿון דָנען: חושים. 24 און די זין פֿון נפֿתּלין: יַחצאֵל, און
גוני, און יֵצֶר, און שִלֵם. 25 דאָס זײַנען די זין פֿון בלהָהן, וואָס לָבָן
האָט געגעבן זײַן טאָכטער רחלען, און די דאָזיקע האָט זי געבאָרן
יעקבן; אַלע נפֿשות, זיבן.

26 אַלע נפֿשות פֿון יעקבן וואָס זײַנען געקומען קיין מִצרַיִם, די וואָס
זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן דיך, אַחוץ די ווײַבער פֿון יעקבס זין –

אַלע נפֿשות זײַנען געווען זעקס און זעכציק. 27 און יוֹספֿס זין, וואָס
זײַנען אים געבאָרן געוואָרן אין מִצרַיִם, זײַנען געווען צוויי נפֿשות.
אַלע נפֿשות פֿון יעקבס הויז וואָס זײַנען געקומען קיין מִצרַיִם,
זיבעציק.

28 און יהודהן האָט ער געשיקט פֿאַרויס פֿאַר זיך צו יוֹספֿן, צו ווײַזן
אים פֿאַרויס דעם וועג קיין גוֹשֶן; און זיי זײַנען אָנגעקומען קיין לאַנד
גוֹשֶן.

29 און יוֹסף האָט אײַנגעשפּאַנט זײַן רײַטוואָגן, און איז
אַרויפֿגעגאַנגען אַנטקעגן זײַן פֿאָטער ישׂראלן קיין גוֹשֶן. און ווי ער
האָט זיך געוויזן פֿאַר אים, אַזוי איז ער אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז,
און ער האָט לאַנג געוויינט אויף זײַן האַלדז. 30 און ישׂראל האָט
געזאָגט צו יוֹספֿן: אַצונד קען איך שטאַרבן, נאָכדעם ווי איך האָב
געזען דײַן פּנים, אַז דו לעבסט נאָך.

31 און יוֹסף האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער און צו זײַן פֿאָטערס
הויזגעזינט: איך וועל אַרויפֿגיין און וועל דערציילן פַּרעהן, און איך
וועל אים זאָגן: מײַנע ברידער און מײַן פֿאָטערס הויזגעזינט, וואָס
זײַנען געווען אין לאַנד כּנַעַן, זײַנען געקומען צו מיר. 32 און די
מענטשן זײַנען פּאַסטוכער פֿון שאָף, וואָרום זיי זײַנען מענטשן פֿון
פֿי; און זייערע שאָף און זייערע רינדער און אַלץ וואָס זיי האָבן,
האָבן זיי מיטגעבראַכט. 33 און עס וועט זײַן, אַז פַּרעה וועט אײַך
רופֿן, און וועט זאָגן: וואָס איז אײַער טאָן? 34 זאָלט איר זאָגן:
מענטשן פֿון פֿי זײַנען דײַנע קנעכט פֿון אונדזער יוגנט אָן און ביז
אַצונד, אַזוי מיר, אַזוי אונדזערע עלטערן; כּדי איר זאָלט זיצן אין
לאַנד גוֹשֶן, וואָרום אַן אומווערדיקייט בײַ די מִצרים איז יעטוועדער
פּאַסטוך פֿון שאָף.

מז 1 און יוֹסף איז געגאַנגען און האָט דערציילט פַּרעהן, און
האָט געזאָגט: מײַן פֿאָטער און מײַנע ברידער, מיט זייערע
שאָף און זייערע רינדער און אַלץ וואָס זיי האָבן, זײַנען געקומען פֿון
לאַנד כּנַעַן, און זיי זײַנען אין לאַנד גוֹשֶן. 2 און פֿון צווישן זײַנע
ברידער האָט ער גענומען פֿינף מאַן, און האָט זיי געשטעלט פֿאַר
פַּרעהן. 3 האָט פַּרעה געזאָגט צו זײַנע ברידער: וואָס איז אײַער טאָן?

האָבן זיי געזאָגט צו פּרעהן: פּאַסטוכער פֿון שאָף זײַנען דײַנע
קנעכט, אַזוי מיר, אַזוי אונדזערע עלטערן. 4 און זיי האָבן געזאָגט צו
פּרעהן: צו וווינען אין לאַנד זײַנען מיר געקומען, וואָרום עס איז
ניטאָ קיין פּיטערונג פֿאַר די שאָף פֿון דײַנע קנעכט, ווײַל דער הונגער
איז שווער אין לאַנד כּנַעַן. און אַצונד, איך בעט דיך, זאָלן דײַנע
קנעכט זיצן אין לאַנד גוֹשֶן.

5 האָט פּרעה געזאָגט צו יוֹסֵפֿן, אַזוי צו זאָגן: דײַן פֿאָטער און דײַנע
ברידער זײַנען געקומען צו דיר; 6 דאָס לאַנד מִצרַיִם ליגט פֿאַר דיר,
אין בעסטן טייל פֿון לאַנד באַזעץ דײַן פֿאָטער און דײַנע ברידער.
זאָלן זיי זיצן אין לאַנד גוֹשֶן. און אויב דו ווייסט אַז צווישן זיי זײַנען
דאָ טויגלעכע מענטשן, זאָלסטו זיי מאַכן פֿאַר אויבערלײַט איבער
דעם פֿי וואָס איך האָב.

7 און יוֹסף האָט געבראַכט זײַן פֿאָטער יעקבן, און ער האָט אים
געשטעלט פֿאַר פּרעהן; און יעקב האָט געבענטשט פּרעהן. 8 און
פּרעה האָט געזאָגט צו יעקבן: וויפֿיל זײַנען די טעג פֿון די יאָרן פֿון
דײַן לעבן? 9 האָט יעקב געזאָגט צו פּרעהן: די טעג פֿון די יאָרן פֿון
מײַן וואַנדערשאַפֿט זײַנען הונדערט און דרײַסיק יאָר. ווינציק און
שלעכט זײַנען די טעג פֿון די יאָרן פֿון מײַן לעבן, און זיי קומען ניט
צו די טעג פֿון די יאָרן פֿון מײַנע עלטערנס לעבן אין די טעג פֿון
זייער וואַנדערשאַפֿט. 10 און יעקב האָט געבענטשט פּרעהן, און איז
אַרויסגעגאַנגען פֿון פֿאַר פּרעהן.

11 און יוֹסף האָט באַזעצט זײַן פֿאָטער און זײַנע ברידער, און ער
האָט זיי געגעבן אייגנטום אין לאַנד מִצרַיִם, אין בעסטן טייל פֿון
לאַנד, אין לאַנד רַעְמסֵס, אַזוי ווי פּרעה האָט באַפֿוילן. 12 און יוֹסף
האָט אויסגעהאַלטן זײַן פֿאָטער און זײַנע ברידער, און דאָס גאַנצע
הויז פֿון זײַן פֿאָטער, מיט ברויט, ווי נאָכן געזינט.

13 און קיין ברויט איז ניט געווען אין גאַנצן לאַנד, וואָרום דער
הונגער איז געווען זייער שווער, און דאָס לאַנד מִצרַיִם און דאָס
לאַנד כּנַעַן זײַנען אויסגעמאַטערט געוואָרן פֿון דעם הונגער. 14 און
יוֹסף האָט אויפֿגעקליבן דאָס גאַנצע געלט וואָס האָט זיך געפֿונען
אין לאַנד מִצרַיִם און אין לאַנד כּנַעַן, פֿאַר דער תּבֿואה וואָס זיי האָבן
געקויפֿט. און יוֹסף האָט געבראַכט דאָס געלט אין פּרעהס הויז. 15

און אַז דאָס געלט איז אויסגעגאַנגען פֿון לאַנד מִצרַיִם און פֿון לאַנד
כּנַעַן, זײַנען אַלע מִצרים געקומען צו יוֹספֿן, אַזוי צו זאָגן: גיב אונדז
ברויט; וואָרום נאָך וואָס זאָלן מיר שטאַרבן פֿאַר דיר? אַז דאָס געלט
האָט זיך אויסגעלאָזט. 16 האָט יוֹסף געזאָגט: גיט אײַערע פֿי, און
איך וועל אײַך געבן פֿאַר אײַערע פֿי, אויב דאָס געלט האָט זיך
אויסגעלאָזט. 17 האָבן זיי געבראַכט זייערע פֿי צו יוֹספֿן, און יוֹסף
האָט זיי געגעבן ברויט פֿאַר פֿערד, און פֿאַר סטאַדעס שאָף, און פֿאַר
סטאַדעס רינדער, און פֿאַר אייזלען; און ער האָט זיי פֿאַרזאָרגט מיט
ברויט אין יענעם יאָר, פֿאַר אַלע זייערע פֿי.

18 האָט זיך דאָס יאָר געענדיקט; און אויפֿן צווייטן יאָר זײַנען זיי
געקומען צו אים, און האָבן צו אים געזאָגט: מיר וועלן ניט פֿאַרהוילן
פֿון מײַן האַר, אַז אַזוי ווי דאָס געלט איז אויסגעגאַנגען, און די
סטאַדעס פֿי זײַנען בײַ מײַן האַר, איז ניט געבליבן פֿאַר מײַן האַר
אַחוץ נאָר אונדזער לײַב און אונדזער ערד. 19 נאָך וואָס זאָלן מיר
אומקומען פֿאַר דײַנע אויגן, אי מיר אי אונדזער ערד? קויף אָף אונדז
און אונדזער ערד פֿאַר ברויט, און מיר מיט אונדזער ערד וועלן זײַן
קנעכט צו פַּרעהן; און גיב אונדז זריעה, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט
שטאַרבן, און די ערד זאָל ניט פֿאַרוויסט ווערן.

20 האָט יוֹסף אָפּגעקויפֿט די גאַנצע ערד פֿון מִצרַיִם פֿאַר פַּרעהן,
וואָרום די מִצרים האָבן פֿאַרקויפֿט איטלעכער זײַן פֿעלד, ווײַל דער
הונגער האָט זיך געשטאַרקט איבער זיי; און דאָס לאַנד איז געוואָרן
פַּרעהס. 21 און דאָס פֿאָלק, זיי האָט ער שטעטווײַז איבערגעפֿירט
פֿון איין עק געמאַרק פֿון מִצרַיִם צום אַנדער עק. 22 נאָר די ערד פֿון
די פּריסטער האָט ער ניט אָפּגעקויפט, ווײַל די פּריסטער האָבן
געקריגן אַ קִצבֿה פֿון פַּרעהן, און זיי האָבן געגעסן זייער קִצבֿה וואָס
פַּרעה האָט זיי געגעבן; דרום האָבן זיי ניט פֿאַרקויפֿט זייער ערד.

23 און יוֹסף האָט געזאָגט צום פֿאָלק: אָט האָב איך הײַנט
אָפּגעקויפֿט אײַך און אײַער לאַנד פֿאַר פַּרעהן; נאַט אײַך זריעה, און
פֿאַרזייט די ערד. 24 און עס וועט זײַן בײַ די תּבֿואות, וועט איר געבן
אַ פֿינפֿטל צו פַּרעהן, און פֿיר חלקים וועלן אײַך זײַן פֿאַר זריעה פֿון
פֿעלד, און פֿאַר אײַער עסן, און פֿאַר די וואָס אין אײַערע הײַזער, און
צום עסן פֿאַר אײַערע קליינע קינדער.

25 האָבן זיי געזאָגט: האָסט אונדז דאָס לעבן דערהאַלטן; לאָמיר
געפֿינען לײַטזעליקייט אין די אויגן פֿון מײַן האַר, און מיר װעלן זײַן
קנעכט צו פַּרעהן. 26 און יוֹסף האָט עס געמאַכט פֿאַר אַ געזעץ ביז
אויף הײַנטיקן טאָג אויף דער ערד פֿון מִצרַיִם, אַז צו פַּרעהן זאָל
געהערן אַ פֿינפֿטל. נאָר די ערד פֿון די פּריסטער אַליין איז ניט
געוואָרן פּרעהס.

27 און ישׂראל איז געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם, אין לאַנד גוֹשֶן; און זיי
האָבן זיך דאָרטן אײַנגעפֿעסטיקט, און האָבן זיך געפֿרוכפּערט און
געמערט זייער.

# וַיְחִי

28 און יעקב האָט געלעבט אין לאַנד מִצרַיִם זיבעצן יאָר; און די טעג
פֿון יעקבן, די יאָרן פֿון זײַן לעבן, זײַנען געווען הונדערט יאָר און זיבן
און פֿערציק יאָר. 29 און די טעג פֿון ישׂראלן האָבן גענענט צום
שטאַרבן, און ער האָט גערופֿן זײַן זון יוֹספֿן, און האָט צו אים
געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפֿונען לײַטזעליקייט אין
דײַנע אויגן, טו, איך בעט דיך, דײַן האַנט אונטער מײַן דיך, און
זאָלסט טאָן מיט מיר אַ חסד און אַ טרײַשאַפֿט: זאָלסט מיך ניט
באַגראָבן, איך בעט דיך, אין מִצרַיִם. 30 און אַז איך וועל זיך לייגן צו
מײַנע עלטערן, זאָלסטו מיך אַוועקטראָגן פֿון מִצרַיִם, און מיך
באַגראָבן אין זייער קבֿר. האָט ער געזאָגט: איך וועל טאָן אַזוי ווי דײַן
וואָרט. 31 האָט ער געזאָגט: שווער מיר. און ער האָט אים געשוואָרן;
און ישׂראל האָט זיך געבוקט צוקאָפּנס פֿון בעט.

# מח

1 און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט מען
אָנגעזאָגט יוֹספֿן: זע, דײַן פֿאָטער איז קראַנק. האָט ער
גענומען מיט זיך זײַנע צוויי זין, מנשהן און אפֿרימען. 2 און מע האָט
געלאָזט וויסן יעקבן און געזאָגט: זע, דײַן זון יוֹסף קומט צו דיר; און
ישׂראל האָט זיך געשטאַרקט, און האָט זיך געזעצט אויפֿן בעט.

3 און יעקב האָט געזאָגט צו יוֹספֿן: גאָט שַדַי האָט זיך באַוויזן צו מיר
אין לוז, אין לאַנד כּנַעַן, און ער האָט מיך געבענטשט. 4 און ער האָט

צו מיר געזאָגט: זע, איך וועל דיך פֿרוכפּערן און וועל דיך מערן, און
איך וועל דיך מאַכן פֿאַר אַ געזעמל פֿעלקער; און איך וועל געבן דאָס
דאָזיקע לאַנד צו דײַן זאָמען נאָך דיר פֿאַר אַן אייביקן אייגנטום. 5
און אַצונד, די צוויי זין וואָס זײַנען דיר געבאָרן געוואָרן אין לאַנד
מִצרַיִם פֿאַר מײַן קומען צו דיר קיין מִצרַיִם, זיי זײַנען מײַנע: אפֿרים
און מנשה זאָלן זײַן מײַנע אַזוי ווי ראובן און שמעון. 6 אָבער דײַנע
געבאָרענע וואָס דו האָסט געבאָרן נאָך זיי, זאָלן זײַן דײַנע; אויף דעם
נאָמען פֿון זייערע ברידער זאָלן זיי גערופֿן ווערן אין זייער נחלה. 7 ...
און איך, אַז איך בין געקומען פֿון פַּדָן, איז מיר געשטאָרבן רחל אין
לאַנד כּנַעַן אויפֿן וועג, ווען עס איז נאָך געווען אַ שטרעק לאַנד צו
קומען קיין אֶפֿרָת; און איך האָב זי דאָרטן באַגראָבן אויפֿן וועג קיין
אֶפֿרָת, דאָס איז בית-לֶחֶם.

8 און ישׂראל האָט געזען יוֹספֿס זין, און ער האָט געזאָגט: ווער זײַנען
די דאָזיקע? 9 האָט יוֹסף געזאָגט צו זײַן פֿאָטער: דאָס זײַנען מײַנע
זין וואָס גאָט האָט מיר געשאָנקען דאָ הי. האָט ער געזאָגט: נעם זיי,
איך בעט דיך, צו מיר, און איך וועל זיי בענטשן. 10 און די אויגן פֿון
ישׂראלן זײַנען געווען טונקל פֿון זִקנה, ער האָט ניט געקענט זען.
האָט ער זיי געמאַכט גענענען צו אים, און ער האָט זיי געקושט און
זיי געהאַלדזט. 11 און ישׂראל האָט געזאָגט צו יוֹספֿן: איך האָב ניט
געדאַכט דײַן פּנים צו זען, און אָט האָט מיך גאָט געלאָזט זען אויך
דײַנע קינדער.

12 און יוֹסף האָט זיי אַרויסגעצויגן פֿון צווישן זײַנע קני, און האָט זיך
געבוקט אויף זײַן פּנים צו דער ערד. 13 און יוֹסף האָט זיי ביידן
גענומען, אפֿרימען אין זײַן רעכטער האַנט, צו דער לינקער האַנט פֿון
ישׂראלן, און מנשהן אין זײַן לינקער האַנט, צו דער רעכטער האַנט
פֿון ישׂראלן, און האָט זיי געמאַכט גענענען צו אים. 14 האָט ישׂראל
אויסגעשטרעקט זײַן רעכטע האַנט, און אַרויפֿגעטאָן אויפֿן קאָפּ פֿון
אפֿרימען, וואָס איז געווען דער ייִנגערער, און זײַן לינקע האַנט אויפֿן
קאָפּ פֿון מנשהן; ער האָט בכּיוון איבערגעדרייט זײַנע הענט, וואָרום
מנשה איז געווען דער בכָור. 15 און ער האָט געבענטשט יוֹספֿן, און
האָט געזאָגט: דער גאָט וואָס מײַנע עלטערן אבֿרהם און יצחק זײַנען
געגאַנגען פֿאַר אים, דער גאָט וואָס איז געווען מײַן פּאַסטוך פֿון זינט
איך לעב ביז אויף הײַנטיקן טאָג, 16 דער מלאך וואָס האָט מיך
אויסגעלייזט פֿון אַלעם בייזן, ער זאָל בענטשן די ייִנגלעך; און עס

זאָל גערופֿן ווערן אויף זיי מײַן נאָמען, און דער נאָמען פֿון מײַנע
עלטערן אבֿרהם און יצחק; און זיי זאָלן זיך מערן לרֹוב אויף דער
ערד.

17 און יוסף האָט געזען, אַז זײַן פֿאָטער טוט אַרויף זײַן רעכטע האַנט
אויפֿן קאָפּ פֿון אפֿרימען, און עס איז אויסגעקומען שלעכט אין זײַנע
אויגן; האָט ער אונטערגעלענט זײַן פֿאָטערס האַנט, כּדי זי
אַוועקצונעמען פֿון אפֿרימס קאָפּ אויף מנשהס קאָפּ. 18 און יוסף
האָט געזאָגט צו זײַן פֿאָטער: ניט אַזוי, מײַן פֿאָטער, וואָרום דער איז
דער בכֹור; טו אַרויף דײַן רעכטע האַנט אויף זײַן קאָפּ. 19 אָבער זײַן
פֿאָטער האָט ניט געוואָלט, און האָט געזאָגט: איך ווייס, מײַן זון, איך
ווייס; ער אויך וועט ווערן אַ פֿאָלק, און ער אויך וועט זײַן גרויס,
אָבער זײַן ייִנגערער ברודער וועט זײַן גרעסער פֿון אים, און זײַן
זאָמען וועט ווערן אַ פֿולע פֿעלקער. 20 און ער האָט זיי געבענטשט
אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: מיט דיר זאָל זיך בענטשן ישׂראל, אַזוי
צו זאָגן: גאָט זאָל דיך מאַכן אַזוי ווי אפֿרים און אַזוי ווי מנשה. און
ער האָט געשטעלט אפֿרימען פֿאַר מנשהן.

21 און ישׂראל האָט געזאָגט צו יוספֿן: זע, איך שטאַרב; אָבער גאָט
וועט זײַן מיט אײַך, און ער וועט אײַך אומקערן צו דעם לאַנד פֿון
אײַערע עלטערן. 22 און איך האָב דיר געגעבן איין חלק איבער דײַנע
ברידער, וואָס איך האָב אַוועקגענומען פֿון דער האַנט פֿון דעם
אֶמֹורי מיט מײַן שווערד און מיט מײַן בויגן.

## מט

1 און יעקב האָט גערופֿן זײַנע זין, און האָט געזאָגט:
זאַמלט אײַך איין, און איך וועל אײַך זאָגן וואָס אײַך וועט
געשען אין סֹוף פֿון די טעג.

2 קלײַבט אײַך אויף און הערט, קינדער פֿון יעקב,
און האָרכט צו אײַער פֿאָטער ישׂראל:

3 ראובן, מײַן בכֹור ביסטו,
מײַן כּוח און מײַן ערשטע קראַפֿט,
די פּער פֿון גרויסקייט, און די פּער פֿון מאַכט.
4 ביסט אײַליק ווי וואַסער – זאָלסטו די פּער ניט זײַן;

ווײַל דו ביסט אויף דײַן פֿאָטערס געלעגער אַרויף;
דענצמאָל האָסטו עס פֿאַרשוועכט –
מײַן בעט אַוווּ ער איז אַרויף.

5 שמעון און לֵוִי זײַנען ברידער,
וואַפֿן פֿון רויב זײַנען זייערע לײַב-קרובֿים.
6 אין זייער באַראָט זאָל ניט קומען מײַן זעל,
צו זייער געזעמל זאָל מײַן כּבֿוד ניט צושטיין;
וואָרום אין זייער כּעס הרגען זיי אַ מענטשן,
און אין זייער גוטמוט פֿאַרקריפּלען זיי אַן אָקס.
7 פֿאַרשאָלטן זייער כּעס, ווײַל ער איז שטאַרק,
און זייער צאָרן, ווײַל ער איז האַרט!
איך וועל זיי צעטיילן אין יעקבֿ,
און זיי צעשפּרייטן אין ישׂראל.

8 יהודה, דיך וועלן לויבן דײַנע ברידער,
דײַן האַנט וועט זײַן אויפֿן נאַקן פֿון דײַנע פֿײַנט,
די זין פֿון דײַן פֿאָטער וועלן זיך בוקן צו דיר.
9 אַ יונגער לייב איז יהודה;
פֿון פֿאַרצוקונג, מײַן זון, ביסטו אויפֿגעוואַקסן;
ער קניט, ער הויערט ווי אַ לייב,
און ווי אַ לייבינטע – ווער קען אים אויפֿרײַצן?
10 ניט אָפּגעטאָן וועט ווערן אַ צעפּטער פֿון יהודה,
און אַ הערשערשטאָק פֿון צווישן זײַנע פֿיס,
ווי לאַנג מע וועט קומען קיין שילֹה;
און צו אים וועלן פֿעלקער געהאָרכן.
11 ער בינדט צום ווײַנשטאָק זײַן יונגאייזל,
און צום ווײַנצווײַג דעם זון פֿון זײַן אייזעלין.
ער וואַשט אין ווײַן זײַן קלייד,
און אין בלוט פֿון טרויבן זײַן בגד;
12 גערויטיקט די אויגן פֿון ווײַן,
און ווײַס די ציינער פֿון מילך.

13 זבולון וועט וווינען בײַם באָרטן פֿון ימען,
און ער וועט זײַן אַ באָרטן פֿאַר שיפֿן,
און זײַן לענד איבער צידון.

14 יִשָׂשָׁכָר איז אַ בייניקער אייזל,
ער הויערט צווישן די שאָפֿגעהעפֿטן.
15 און ער האָט געזען די רו, אַז זי איז גוט,
און דאָס לאַנד, אַז עס איז ליב,
האָט ער געבויגן זײַן רוקן צו טראָגן,
און איז אַ צינזקנעכט געוואָרן.

16 דָן וועט זיך אָננעמען פֿאַר זײַן פֿאָלק,
ווי איינער פֿון די שבטים פֿון ישׂראל.
17 דָן וועט זײַן אַ שלאַנג אויפֿן וועג,
אַ האָרנשלאַנג אויפֿן שטעג,
וואָס בײַסט די טריט פֿון דעם פֿערד,
און זײַן רײַטער פֿאַלט אַהינטער.

18 אויף זײַן הילף, גאָט, טו איך האָפֿן.
גָד – אים וועט אַ מחנה באַפֿאַלן,
אָבער ער וועט אָנפֿאַלן אויף זייער טריט.

20 בײַ אָשרן וועט פֿעט זײַן זײַן ברויט,
און ער וועט אַרויסגעבן מַלכות-געריכטן.

21 נַפֿתּלי איז אַ הינדין אַ פֿלינקע;
ער גיט אַרויס שיינע רייד.
22 אַ פֿרוכטיק ביימל איז יוֹסף,
אַ פֿרוכטיק ביימל בײַ אַ קוואַל;
די צווײַגן שפּרייַזן איבער דער מויער.

23 און אים געביטערט, און געשאָסן,
און אים געפֿײַנט האָבן די פֿײַלמענער;
24 אָבער פֿעסט איז זײַן בויגן געבליבן,
און פֿלינק געווען זײַנען די אָרעמס פֿון זײַנע הענט,
דורך די הענט פֿון דעם מאַכטיקן פֿון יעקב,
פֿון דאָרט – פֿון דעם פּאַסטוך, דעם פֿעלז פֿון ישׂראל;
25 פֿון דעם גאָט פֿון דײַן פֿאָטער וואָס העלפֿט דיר,
און פֿון שַדַי וואָס בענטשט דיך,
מיט ברכות פֿון הימל פֿון אויבן,
ברכות פֿון תּהָום וואָס הויערט אונטן,

ברכות פֿון ברוסטן און טראַכט.
26 די ברכות פֿון דײַן פֿאָטער שטײַגן אַריבער
די ברכות פֿון מײַנע עלטערן –
ביז דעם שפּיץ פֿון די אײביקע בערג.
זײ זאָלן זײַן אויף דעם קאָפּ פֿון יוֹספֿן,
און אויפֿן שײדל דעם פֿירשט פֿון זײַנע ברידער.

27 בנימין איז אַ וואָלף וואָס פֿאַרצוקט;
אין דער פֿרי עסט ער פֿאַנג,
און אין אָוונט טײלט ער רויב.

28 די אַלע זײַנען די צוועלף שבטים פֿון ישׂראל, און דאָס איז וואָס
זײער פֿאָטער האָט צו זײ גערעדט און זײ געבענטשט; איטלעכן ווי
לויט זײַן ברכה האָט ער זײ געבענטשט. 29 און ער האָט זײ באַפֿוילן,
און זײ אָנגזאָגט: איך ווער אײַנגעזאַמלט צו מײַן פֿאָלק; באַגראָבט
מיך לעבן מײַנע עלטערן, אין דער הײל וואָס אין דעם פֿעלד פֿון
עֶפֿרון דעם חִתּי. 30 אין דער הײל וואָס אין דעם פֿעלד פֿון מַכפֵּלָה,
וואָס פֿאַר מַמרֵא אין לאַנד כּנַעַן, וואָס אבֿרהם האָט אָפּגעקויפֿט
מיטן פֿעלד פֿון עֶפֿרון דעם חִתּי פֿאַר אַ קבֿר-אײגנטום – 31 דאָרטן
האָט מען באַגראָבן אבֿרהמען און זײַן ווײַב שׂרהן, דאָרטן האָט מען
באַגראָבן יצחקן און זײַן ווײַב רבֿקהן, און דאָרטן האָב איך באַגראָבן
לאהן – 32 דער אײַנקויף פֿון דעם פֿעלד מיט דער הײל וואָס דרינען,
פֿון די קינדער פֿון חֵת.

33 און ווי יעקבֿ האָט געענדיקט זײַן צוואָה צו זײַנע זין, אַזוי האָט ער
אַרײַנגענומען זײַנע פֿיס אין בעט, און איז פֿאַרגאַנגען, און איז
אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַן פֿאָלק.

נ 1 און יוֹסף איז געפֿאַלן אויף זײַן פֿאָטערס פּנים, און ער האָט
געװײנט איבער אים, און האָט אים געקושט.

2 און יוֹסף האָט באַפֿוילן זײַנע קנעכט די רופֿאים אײַנצובאַלזאַמירן
זײַן פֿאָטער; און די רופֿאים האָבן אײַנגעבאַלזאַמירט ישׂראלן. 3 און
עס זײַנען דערפֿילט געוואָרן איבער אים פֿערציק טעג, וואָרום אַזוי

פֿיל טעג מוזן דערפֿילט ווערן בײַם אײַנבאַלזאַמירן. און די מִצרים
האָבן אים באַוויינט זיבעציק טעג.

4 און אַז די טעג פֿון זײַן באַוויינונג זײַנען אַריבער, האָט יוֹסף
גערעדט צו פַּרעהס הויז, אַזוי צו זאָגן: אויב, איך בעט דיך, איך האָב
געפֿונען לײַטזעליקייט אין אײַערע אויגן, רעדט, איך בעט אײַך, אין
די אויערן פֿון פַּרעהן, אַזוי צו זאָגן: 5 מײַן פֿאָטער האָט מיך
באַשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: זע, איך שטאַרב; אין מײַן קבֿר וואָס איך
האָב מיר געגראָבן אין לאַנד כּנַעַן, דאָרטן זאָלסטו מיך באַגראָבן. און
אַצונד, לאָמיך אַרויפֿגיין, איך בעט דיך, און באַגראָבן מײַן פֿאָטער,
און זיך אומקערן.

6 האָט פַּרעה געזאָגט: גיי אַרויף, און באַגראָב דײַן פֿאָטער, אַזוי ווי
ער האָט דיך באַשוואָרן. 7 איז יוֹסף אַרויפֿגעגאַנגען צו באַגראָבן זײַן
פֿאָטער, און מיט אים זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אַלע קנעכט פֿון פַּרעהן,
די עלטססטע פֿון זײַן הויז, און אַלע עלטססטע פֿון לאַנד מִצרַיִם, 8 און
דאָס גאַנצע הויזגעזינט פֿון יוֹספֿן, און זײַנע ברידער, און זײַן
פֿאָטערס הויזגעזינט; בלויז זייערע קליינע קינדער, און זייערע שאָף
און זייערע רינדער, האָבן זיי איבערגעלאָזן אין לאַנד גוֹשֶן. 9 אויך
רײַטער און רײַטוועגן זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען מיט אים, און די מחנה
איז געווען זייער גרויס.

10 און זיי זײַנען געקומען ביז דעם שײַער פֿון אָטָד וואָס אויף יענער
זײַט יַרדן, און האָבן דאָרטן געקלאָגט זייער אַ גרויסע און שווערע
קלאָג; און ער האָט געמאַכט אַ טרויער אויף זײַן פֿאָטער זיבן טעג.
11 און דער באַווינער פֿון לאַנד, דער כּנַעֲני, האָט געזען דעם טרויער
בײַ דעם שײַער פֿון אָטָד, און זיי האָבן געזאָגט: אַ שווערער טרויער
איז דאָס בײַ מִצרַיִם. דרום האָט מען גערופֿן דעם נאָמען דערפֿון
אָבֵל-מִצרַיִם, וואָס אויף יענער זײַט יַרדן.

12 און זײַנע זין האָבן געטאָן צו אים אַזוי ווי ער האָט זיי באַפֿוילן.
13 און זײַנע זין האָבן אים אַוועקגעטראָגן קיין לאַנד כּנַעַן, און האָבן
אים באַגראָבן אין דער הייל פֿון דעם פֿעלד פֿון מַכפֵּלָה, וואָס אבֿרהם
האָט אָפּגעקויפֿט מיטן פֿעלד, פֿאַר אַ קבֿר-אייגנטום, פֿון עֶפֿרוֹן דעם
חִתּי, פֿאַר מַמרֵא.

14 און יוֹסף האָט זיך אומגעקערט קיין מִצרַיִם, נאָכדעם ווי ער האָט
באַגראָבן זײַן פֿאָטער, ער און זײַנע ברידער, און אַלע וואָס זײַנען
אַרויפֿגעגאַנגען מיט אים צו באַגראָבן זײַן פֿאָטער.

15 און ווי יוֹספֿס ברידער האָבן געזען אַז זייער פֿאָטער איז טויט,
אַזוי האָבן זיי געזאָגט: אפֿשר וועט אונדז יוֹסף טראָגן אַ שׂנאה, און
אומקערן וועט ער אונדז אומקערן אַלדאָס שלעכטס וואָס מיר האָבן
אים געטאָן. 16 און זיי האָבן געהייסן זאָגן יוֹספֿן: דײַן פֿאָטער האָט
באַפֿוילן פֿאַר זײַן טויט, אַזוי צו זאָגן: 17 «אַזוי זאָלט איר זאָגן צו
יוֹספֿן: פֿאַרגיב, איך בעט דיך, דעם פֿאַרברעך פֿון דײַנע ברידער און
זייער חטא, וואָס זיי האָבן דיר שלעכטס געטאָן». און אַצונד,
פֿאַרגיב, איך בעט דיך, דעם פֿאַרברעך פֿון די קנעכט פֿון דײַן
פֿאָטערס גאָט. און יוֹסף האָט געוויינט אַז מע האָט צו אים גערעדט.

18 און זײַנע ברידער זײַנען אויך געגאַנגען און זײַנען אַנידערגעפֿאַלן
פֿאַר אים, און האָבן געזאָגט: זע, מיר זײַנען דײַנע קנעכט. 19 האָט
יוֹסף צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט מוֹרא האָבן; בין איך דען אויף
דעם אָרט פֿון גאָט? 20 וואָרום איר האָט געמיינט אַ רעה פֿאַר מיר,
אָבער גאָט האָט עס געמיינט פֿאַר אַ טוֹבֿה, כּדי צו מאַכן אַזוי ווי
הײַנטיקן טאָג, צו דערהאַלטן בײַם לעבן אַ סך פֿאָלק. 21 און אַצונד,
זאָלט איר ניט מוֹרא האָבן; איך וועל אויסהאַלטן אײַך און אײַערע
געזינטן. און ער האָט זיי געטרייסט, און זיי גערעדט צום האַרצן.

22 און יוֹסף איז געבליבן אין מִצרַיִם, ער און זײַן פֿאָטערס
הויזגעזינט; און יוֹסף האָט געלעבט הונדערט און צען יאָר. 23 און
יוֹסף האָט געזען פֿון אפֿרימען אוראייניקלעך; אויך די קינדער פֿון
מָכיר, מנשהס זון, זײַנען געבאָרן געוואָרן אויף יוֹספֿס קני.

24 און יוֹסף האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער: איך שטאַרב; אָבער
דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אײַך, און ער וועט אײַך
אויפֿברענגען פֿון דעם היגן לאַנד צו דעם לאַנד וואָס ער האָט
צוגעשוואָרן אַבֿרהמען, יצחקן, און יעקבן. 25 און יוֹסף האָט
באַשוואָרן די זין פֿון ישׂראלן, אַזוי צו זאָגן: דערמאָנען וועט זיך גאָט
דערמאָנען אָן אײַך; זאָלט איר אויפֿברענגען מײַנע ביינער פֿון דאַנען.

26 און יוֹסף איז געשטאָרבן צו הונדערט און צען יאָר. און מע האָט
אים איינגעבאַלזאַמירט, און ער איז אַרייַנגעטאָן געוואָרן אין אַן אָרון
אין מִצרַיִם.

© 2004 Dworkins and Leonard Prager. All Rights Reserved.